STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04397

OHN AN'OYSVEG

David Kassel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קאַסעל

אָהן אַנ'אויסוועג

MORRIS WINCHEVSKY LIBRARY
MONTREAL

3737 VAN HORNE AVE.
MONTREAL 249, QUE.

No 1617

וואַרשע

1922

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

אינהאלט:

	זייט
פלעשעך	5
אָהן אנ׳אויסוועג	56
אויס די כתבים פון א שטילען מענשען	129
אינדערפינסטער	156
העקטאָרס טוי	164
זאלבעפינפט	174
דאָס מיידעלע אינם ווייסען היטעלע	202

אַלעשעז

א.

אָרעשעך.

אָלעשעך איז אַ נ׳עהרליך שטיקעלע ערד. קיין גרויסע שטעדט, אָנגעפילט מיט אויטאָמאָבילען, גליטער און נאַכט-מיידלעך, זענען דאָרט נישט בנמצא. אויף דעמדאָזיקען שטיקעלע ערד, וואָס איז בעדעקט מיט וואַלד, פעלד און וואַסער-לאָנקעס, ליגען שטילע ישובים, און מענשען מיט ברוינע פנים׳ער און קאַרגע שמייכלען אויף די ליפען, אַרבייטען פון אין דערפריה ביז נאַכט. דאָרט אַרבייט אַלץ: די זון און דער ווינד און די וואָלקענס און דער וואַלד און אפילו די לופט. די זון שיינט, דער ווינד טאַנצט אַרום אין די גראָזען און קוסטעס, דער וואַלד רוישט און די לופט זאַפט אין זיך איין די מחיה׳דיגע ריחות פון בלומען און ירקות.

צווישען פעלדער, וואַלד און לאָנקעס ציהט זיך אַ לאַנגע גאַס מיט הייזלעך, הויפלעך און שייערן. אַלע אין דערפריה און בין-השמשות-צייט רויכערן די קוימענס אויף די דעכלעך, און

אַז עס פאַלט-צו די נאַכט און שוואַרצע ווייכע אָרעמס נעהמען-אַרום די ערד, בלישטשען-אויף שטערען-פייערלעך אין די פענסטער, וואַרפען-אַרויס ציטריגע גאָלדענע שטעקעלעך אויף דער ערד נעבען די הייזלעך, און ווערען נאָכדעם אַנטרונען. און דעמאָלט ווערט אַזוי שוואַרץ און שטיל, אַז מען הערט דעם גערויש פון ווייטע, ווייטע ימים אויף דער ערד.

פאַלט-אַרויס פון אַ הייזעל אַ יונגער פויער, גליטשט זיך אַרויס אַ שאָטען פון אַ יונג מיידעל—פון אַנ'אַנדער הייזעל. ווייסע העמדער, שטילע טריט, אָבער דער אָטעם הערט זיך. אַ ציטריגער איז ער. נעהמען זיך ביידע פאַר די הענד און ליפען צו ליפען פאַלען-צו. אָהן ווערטער, נאָר מיט אַ הויכען ציטריגען אָטעם פאַלט מען נאָכדעם ווי איין מענש אינ'ם וואַרימען גראָז אַוועק. און די נאַכט איז שטיל. זי געהט פאַוואָליע טריט ביי טריט און דעקט-צו מיט אַ שוואַרצען אָרעם יעדען קלאַנג, יעדען ציטער פון אַ גרעזעל.

נאָר האַלבע נאַכט כאַפען זיך אויף די וועלדער פון שלאָף. ווייניג שלאָפען זיי, די וועלדער, און אַ שטילער שמועס וויגט זיך צווישען די שפיצען בוימער. אָלעשעץ האָט צוויי וועלדער: אַ בעראָזע-וואַלד און אַ סאָסנע-וואַלד. די סאָסנעס האָבען הויכע רויטע שטאַמען און זעהען אויס ווי שכור'ע רעקרוטען, וואָס שפרייזען פרעהליך איבער די פעלדער אין שטאָדט אַריין. זיי שעפטשען זיך איבער באַסיג, נידעריג און געדיכט, און אַמאָל פאַלען זיי אַריין אין אַ שטאַרקען גערויש, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך געבייזערט פאַר אַ קריג. אינ'ם סאָסנע-וואַלד איז על-פי-רוב אומרוהיג, אַ פערבאָרגענער פחד גנב'עט זיך צווישען די רויטע שטאַמען און עפּטער הענגט אין לופטען אַנ'אָבגעהאַקטע סאָסנע-פראַזע:

„הו-האַ!..."

„ווער? וואָס?"

„אַזוי! אַזוי!"

אָבער שטיל און צאַרט שעפטשעט דער בעראָזע-וואַלד. קוים וואָס מען שפירט מיט'ן אויער, קוים וואָס בעריהרט דאָס

בעהער. אויף די ווייסע אומשולדיגע העמדער פון די בעראָזעס פליסט די שוואַרצקייט פון דער נאַכט, אָבער זיי ווערען נישט שוואַרץ און זיי ווינקען צו די אומגעזעהענע האָריזאָנטען מיט אומשולדיגען כלה-ליכט און היימישקייט. נאָר יעדע בעראָזע האַלט זיך פאַר אַ כלה, וואָס קאָן קיינמאָל נישט פערראַטען דעם חתן, און דאָס גאַנצע לעבען געדט זי אין ווייסען, ווייל אַן׳-אַנדער פאַרב פאַסט איהר נישט.

„אַ ווייך ווינטעלע לויפט צו אונז. איך הער עס...״—פליס-טערט אַ בעראָזע.

„איך ווייס, דאָס איז אַ בעגינען-ווינטעלע,״—ענטפערט אַ צווייטע,—„אָבער עס איז נאָך ווייט. פאַרטאָג וועט עס קומען״.

„נאָך ווייט, זאָגסטו?״—פרעגט די ערשטע.

„נאָך ווייט...״

און זיי שעפטשען און פליסטערן פון בעגינען-ווינטעלעך, פון לבנה-ליכט און שפרוי-רעגענדלעך... עס דאַכט זיך, אַז עס איז אַ חתונה פון טויזענדער כלות, שטילע פידלען שפילען, צאַרטע פלייטען פערגעהען זיך זיס און דין, און יעדע כלה איז קלאָר און הייליג און פרום, און מיט קליינע ווייסע הענטלעך פערדעקט זי זיך די אויגען פאַר געהיימען גליק און תענוג.

צייטענווייז טאַנצען די בעראָזעס אין די שוואַרצע שלייערס פון דער נאַכט. אַ קרייז אין אַ קרייז. אַ שורה אין אַ שורה. מיט דינע פינגער הויבען זיי עטוואָס אונטער די לאַנגע ווייסע העמדער און טאַנצען אַן׳אומשולדיגען מיידעל-טאַנץ. די ערד ציטערט נישט, די לופט בעוועגט זיך נישט. זיי דרעהען זיך איבער דער ערד, ווי מאַי-וואָלקענדלעך און נויגען זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אין אַ לייכטען גליטש, און די פונאַנדערגעלאָזטע לאַנגע שוואַרצע האָהר ווינטלען זיך לאַנגזאַם אויף די ווייסע העמדער.

גוט איז צווישען די בעראָזעס, ביינאַכט, אין אָלעשעק. מיט כלה-וויין איז אָנגעזאַפט די לופט, אַ צאַרט געפליסטער שווימט צווישען די שפיצען בוימער, ווי ווייטע שטילע פידע-לעך אויף אַ חתונה און די ווייסע העמדער דערצעהלען פון זי-

סען אומשולדיגען פריהלינג. גוט איז אפילו אין אַזאַ נאַכט, ווען דער הימעל איז שטיל און שוואַרץ, אָהן לבנה און אָהן שטע-רען. עס דאַכט זיך, אַז גאָט האָט אויסגעהאַקט פון דער ערד דאָס שטיקעלע אָלעשעץ און האָט עס פערבאָרגען פון ליכט און געריש אונטער זיינע וואַרימע פליגלען.

נאָר אָט שטאַרבט-אָב די נאַכט. רויטע פאַרבען געהען אויף שוואַרצע. פון דער ערד הויבען זיך אויף שטיקער נאַכט און ווערען צורונען אונטער'ן הימעל. העהנער פאַטשען מוטיג מיט די פליגלען און קרעהען אויף די הויפלעך. ערגיץ סקרי-פעט אַ שווערע טיר פון אַ שייער. ווייטע הינט בילען נאָך מיט פערשלאָפענע פיסקעס. דער סאָסנע-וואַלד רוישט באַסיג און שווער. אָבער די בעראָזעס שמייכלען העל אין זייערע ווייסע העמדער, וואָס זענען נאָך ווייסער געוואָרען פאַר דער נאַכט.

פון אונטער אַ קוסט הויבט זיך אויף דער יונגער פויער מיט'ן מיידעל. ער—מיט זיכערע באָרוועסע טריט, אין וועלכע עס שפירט זיך דער ערשט-צוגעקומענער כח פון אַ גרויסען תענוג, זי—זיס-אָבגעשוואַכט און שרעקעוודיג, פערשווינדען אין צוויי בעזונדערע הויפלעך.

אַלע קוסטעס, בלומען און גראָזען עפענען פלוצלונג די גרינע אויגען און זענען זיך מחיה מיט דער פרישער רויטקייט פון בעגינען.

ה.

דער אַלטער פּייפּער.

דער אַלטער פּייפּער האָט דריי הייזלעך אויף זיין הוי־פעל. אין איינעם וואוינט ער מיט זיין ווייב, אינ'ם צווייטען וואוינט זיין עלטערער זוהן מיט ווייב און קינד און אין דריטען וואוין איך מיט לאה'לען. דער אַלטער פּייפּער איז אַ דייטש און שטאַמט פון עפּיס אַ דערפעל אין ווירטעמבערג. קענטיג, אַז ער האָט אַמאָל, מיט אַ יאָהר זיבעציג צוריק, געהאַט אַ שווערע קינדהייט, ווייל בשעת ער רעדט פון ווירטעמבערג, בעדעקט ער זיין אַלט פּנים מיט קליינינקע רציחה־תנועה'לעך, און די אויגען נעהמען שטעכען מיט שפּיציגע שוואַרצע פייערלעך. זיינע רעיונות זענען אָבער על־פּי־רוב זעהר שוואַרצע: ער האָט אַ גרויס פערמעגען און מען קאָן עס נישט מיטנעהמען אין קבר אַריין.

פון זיין מזומן־געלד וועט שוין געוויס קיינער נישט געניסען. דאָס האָט ער שוין גוט בעזאָרגט אין זעקלעך, אַלטע פּושקעס און שקאַרפּעטקעס, וועלכע ער האָט פערגראָבען ערגעץ

אונטער שטיינער און קוסטעס. אָבער וואָס טוט מען מיט אַזוי־פיל פעלדער, לאַנקעס, וואַלד און הייזער? וואו טוט מען זיי אַהין, וואו בעגראָבט מען זיי?

ווי דער אַלטער איז נישט געווען טעמפּ אין דער מחשבה, דאָך האָט ער זעהר קלאָר געוואוסט, אַז אַ מענש לעבט נישט אייביג. זיין זיידע איז געשטאָרבען, זיין טאַטע איז געשטאָרבען, זיינע אַלטע שכנים זענען צושטאָרבען, און מסתמא וועט זיך אַמאָל אונטעררוקען אַ טאָג, ווען ער וועט אויך מוזען טאָן דאָס אייגענע, אָבער פאַר איהם איז בשום אופן נישט קלאָר געווען, ווי אַזוי מען מאַכט מיט די פעלדער, אַז זיי זאָלען נישט בלייבען נאָך זיין טויט. איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מען קאָן געפינען אַ מיטעל דערצו, נאָר מען בעדאַרף גוט קנייטשען דעם שטערן און פעסט אַריינטראַכטען דערין. האָבען דאָך מענשען אויסגעטראַכט אַזוינע געוואַלדיגע מאַשינעס, אייזענבאַהנען, אַע־ראָפּלאַנען, שוין־זשע קאָן מען נישט צוטראַכטען אַזאַ מין מאַשינדעל, וואָס מיט זיין הילף זאָל מען קאָנען מיטנעהמען אין קבר אַריין דאָס אומבעוועגליכע פערמעגען?

דער אַלטער האָט אָבער געהאַט אויך אַנדערע גרויסע זאָרג אויף זיין אַלטען צוטויבערטען קאָפּ. אַזוי, אַ שטייגער, האָט ער זיך שטאַרק געפּלאָגט ביים רעיון, וואָס די אַלטע לעבט אַזוי לאַנג. עס איז עהנליך דערויף, ווי זי וואָלט איהם באַכּעלאָפּען נאָך זיינע יאָהרען און דערמאָהנט איהם שטענדיג זיין אַלטקייט. זינט ער געדענקט זיך, געדענקט ער זיין ווייב, און אַלע טאָג פלאָנטערט זי זיך אין די אויגען, מיט׳ן גרויסען זאַק אונטער דער גאָמבע און מיט׳ן איינגעפאַלענעם גוף. אויסער־דעם, וואָס זי עסט און איז עפּטער קראַנק אויף איהר זאַק און אויף איהרע שוואַכע פיס, אַזוי, אַז מען מוז טיילמאָל אָנקומען צו טשילקע׳ן, דעם פעלדשער פון דאָרף, איז זי איהם סתם אַ גרויסע שטערונג אין לעבען, ווייל ווען נישט זי, וואָלט ער אפשר חתונה געהאַט מיט אַ יונגער. ביי דידאָזיגע געדאַנקען קומט איהם אַלעמאָל פאַר די אויגען אַ געוועהנליכער קלוגער דאָרף־טויש: מען נעהמט אַנ׳אַלטע צרה׳דיגע בהמה און מען בייט

זי אויס אויף אַ יונגער. אַ יונגע ווייב עסט דאָסזעלבע, וואָס אַנ׳אַלטע און גיט אַ סך וואַרימקייט, ווי אַ גוטע בהמה גיט אַ סך מילך, און מיט אַ יונגער ווייב קאָן מען אויך אָבסטראַשען דעם זוהן, וואָס קוקט אויף די פעלדער, ווי אַ בעל-הבית. זיין גרעסטע זאָרג איז דער זוהן. ביסלעכווייז, גאָרנישט ווילענדיג, פאַלען אַריין צו איהם אין די הענד אַריין די חשבונות פון די פערקויפטע תבואות, דער זייטיגער דאָרפס-מסחר, פדיונות פון היהנער און שפּעסען. ער זאָגט שוין אַ דעה, וואָס מען זאָל זייהען און וואָס מען זאָל נישט זייהען, פאַרריכט דעם ברונים, מאַכט-צו נאָך אַ טיר צום שייער, פערדינגט די פויערים עטליכע וויטע לאָנקעס, און אַז עס קומט אַמאָל אַ פּאָליציאַנט מיט אַ טענה, געהט ער נישט צו דעם אַלטען, נאָר צום זוהן. אָבער פאַרוואָס קומט עס אַ זוהן אַזאַ פערמעגען? און וואָס איז אייגענטליך אַ זוהן? פאַרוואָס בעדאַרף ער זיין מעהר יחסן פון אַ פרעמדען? פאַרוואָס האָט איהם זיין פאָטער גאָרנישט איבערגעלאָזט? פונ׳ם דערפעל אין ווירטעמבערג איז ער געקומען אַהער מיט צעהן פעניג אין קעשענע און די אַלע פעלדער און לאַנקעס האָט ער אַליין אויסגעהאָרעוועט, אַליין דערוואָרבען. וויפיל פראָצעסען האָט ער געפיהרט און וויפיל מאָל האָט ער זיך געשלאָגען מיט פויערים פאַר יעדען שטיקעל ערד, פאַר יעדער לאָנקע. טאָג און נאַכט, אין קעלט און אין רעגען האָט ער געפראַצעוועט אויף די פעלדער, געבויט זיין פערמעגען, צוגעקויפט אַלץ נייע נחלות ערד, וואָס האָבען זיך געלאָזט קויפען נישט אויפ׳ן גלייכען וועג, נאָר מיט קונצען, הינטען-אַרום, מיט לאַנגע טענות, מיט שנאַפּס און מיט פאַלשע מעקלערס. איצט פערנעהמען זיינע פעלדער און לאָנקעס אַזאַ ברייטען שטח, אַז ער קאָן איהם נישט אַרומכאַפּען מיט׳ן אויג, און דאָס שרעקט איהם טיילמאָל. ווי נעהמט מען אַריין דעמדאָזיגען שטח אין אַ זעקעלע און מען פערגראָבט איהם צווישען די קוסטעס ביים טייך, דאָרט, וואו ער האָט פערגראָבען און בעהאַלטען זיין מזומן-געלד?

דער אַלטער פיהלט, ווי מיט יעדען טאָג ווערט עפּיס זי-

כּערער, אַז זיין גרויסע רייכע נחלה מוז איבערגעהן צום זוהן נאָך פּאַראַיאָהרען זענען אַריין צו איהם אין הייזעל צוויי חשוב׳ע דאָרפס-פויערים, האָבען אויסגעטאָן די היטלען און פערפיהרט אַ שמועס וועגען פערד, נאָר אַז זיי האָבען בעדאַרפט אַוועקגעהן, האָט איינער פון זיי, אַזוי, פערבייגעהענדיג, אַ זאָג געטאָן:

„וויסט, פייפער, שוין צייט דו זאָלסט איבערשרייבען דיין נחלה אויף דיין זוהנס נאָמען. דו ביזט שוין צו-אַלט, פייפער, גענוג..."

דאָס זענען געוועזען קלאָרע ווערטער, אָבער זיי זענען געפאַלען דעם אַלטען אין קאָפּ אַריין, ווי הייסע שטיינער. ער האָט די פויערים נישט געענטפערט און ביז היינטיגען טאָג רעדט ער נישט מיט זיי. אַ חוצפּה פון שכנים, אַריינצוקריכען יענעם אין לעבער אַריין מיט פאַלשע עצות. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך גענומען בעסער צוקוקען צום זוהן. ער האָט בעשלאָסען, אַז אַ האַנד, אַ פוס אָדער אַנ׳אויג זענען נישט קיין זיכערע זאַכען, זיי קאָנען אָנהויבען פוילען אָדער אָבגעדאַרט ווערען, און אַלע טאָג האָט ער דעריבער שטיל און גנב׳יש בעטראַכט דעם זוהן: אפשר איז איהם אָבגעפאַלען אַ האַנד, אָדער ער האָט זיך צובראָכען אַ פוס, אָדער אַנ׳אויג איז איהם אויסגערונען געוואָרען. אָבער אַלע טאָג איז דער זוהן געוועזען גאַנץ און געזונד און זיינע רייגע בלויע אויגען האָבען דערצעהלט פון לאַנגע-לאַנגע יאָהרען, וואָס ער האָט נאָך צו לעבען אויף דער וועלט. דעמאָלט האָט זיך דער אַלטער אַ גראַבעל געטאָן מיט די בעגעל אין דער פּאַטילניצע ביז בלוט און האָט גוטמוטיג אַרויסגעזאָגט:

„וויסטו, פרידריך, די פייפערס לעבען נישט לאַנג... ביי מיין ברודער יאָהאַן, וואָס וואוינט אין ווירצעל, הינטער ווירטעמבערג, זענען אַלע קינדער צושטאָרבען..."

נאָכדעם איז ער מיט קרעכצענדיגע טריט אַריין אין שטוב און געקלאַפּט צו דער אַלטער איז טיש אַריין:

אָלעשעק.

„אַז מען האָט אַ זאָב, שטאַרבט מען, פערשטעהסט? וואָס האָט איהר זיך אָנגעזעצט אויף מיר!״

די אַלטע האָט צונויפגענומען איהרע דאַרע ביינער טיפער אין איהר הויט-זעקעל אַריין און האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר תמ׳עוואַטע אויגענלעכער צום באַלקען.

אין אַ ווײלע אַרום האָט דער אַלטער געשלעפט מיט שוואַרצע אויסגעדרעהטע פינגער קאַרטאָפעל פון אַ טאָפּ און זיי געשפּאַרט אין מויל אַריין, פערוואַרפענדיג אַהינטער דעם צושויבערטען קאָפּ.

ג.

דער יונגער פייפער.

ביים יונגען פייפער אין שטוב איז שטענדיג שטיל, ליכטיג און רוהיג. דער יונגער פייפער האָט ווייכע בלויע אויגען, ווייכע בלאָנדע וואָנסען און ווייכע רונדע אַקסלען, אָבער ווייך זענען אויך די ברייטע בעטען און אפילו די ווענד און דער באַלקען זענען ווייך, פונקט ווי זיי וואָלטען געבויט געוואָרען פון וואַטע. די יונגע פייפער איז עהנליך צום מאַן און צו די בעטען און צו די ווענד: זי איז אויך ווייס און ווייך און ברייט. אין איהר ברייטען פנים ליגען די אויגען, ווי צוויי בלויע גלעזלעך אין אַ טעלער מילך און אַז זי שמייכעלט, בינדען זיך איהר אָב די ליפּלעך, ווי רויטע שנירלעך אויף אַ ווייס זעקעלע מעהל.

דוד קאַסעל.

אינדערפריה ליגט זי לאַנג אין בעט אַ צושפּרייטע און אַ פונאַנדערגעגאָסענע און קוקט זיך צו, אָהן מחשבות, צו די פליגען, וואָס קלאַפּען מיט די קעפּלעך אין די שויבען און צו די שטראַהלען פון דער זון, וואָס שווימען לאַנגזאַם איבער דער ווייסער פּאָדלאָגע און עס צעוואַקסט זיך אין איהר אַ שטילקייט, ווי אין אַן אָווענד-פעלד. פון פוילקייט און פון רוהיגקייט האָט זי דאָס גאַנצע לעבען ליב נאָכצוקוקען קליינינקע ברואים'לעך: מילבעלעך, פליגעלעך, ווערימלעך. שעה'נלאַנג בעגלייט זי זיי מיט די בלויע ווייטזיכטיגע אויגען ביז זיי ווערען פערשוואונדען. זי האָט אויך ליב די פוילע בעוועגונג פון אַ ווינדמיהל, פון אַ וואָלקען און אַ שטראַהל. אַלץ, וואָס רוקט זיך אָהן גערויש, לאַנגזאַם און פערטראַכט, פערכאַפּט איהר אויג און שלעפּט עס פּאַוואָליע נאָך זיך, פונקט ווי אויף אַ דין אונבעמערקט פעדימל.

אַזוי ליגט זי אין בעט, ביז דער מאַן קומט אַריין פון פעלד אויף דיקע ווייכע פיס, מיט אַ ברייטען וואַרימען הינטען. דעמאָלט בי:דען זיך איהר אויף די ליפּלעך אויף קליינע קינדערשע צייהן און אַ ברייטער שמייכעל, ווי אַ בעשטראַהלט וואַסערל, צוגיסט זיך איהר איבער'ן ווייס-מעהליגען פּנים.

„פרידריך”,—רופט זי מיט אַ שטימעלע, וואָס זיצט איהר טיף אין האַלז,—„פרידריך, מיר עסען היינט קעז מיט האָניג?..”

פרידריך זויגט דערווייל אַ רויטליכע פליסיגקייט פון אַ ווייטער פלאַש. נאָכדעם געהט ער צו צום ווייב, שאָקעלט-צו מיט'ן קאָפּ און בויגט זיך אַריבער איבער'ן בעט, און פון ביידען טראָגט זיך פונאַנדער איבער דער שטוב אַ וואַרימער לייבריח, צוזאַמענגעמישט מיט'ן פרישען ריח פון ברויט און מילך.

„אַמאַליע”,—פליסטערט פרידריך און גלעט איהר מיט אַן אָבגעברענטער האַנד איבער'ן ווייסען שטערן,—שטעה-אויף, קעצעלע מיינס. אָבער דו קאָנסט נאָך שלאָפען...”—פערכאַפּט ער זיך פלוצלונג צוליב זיין ווייכען ווייבערשען כאַראַקטער.

אַמאַליע צוגיסט זיך נאָכמעהר אין בעט, אָבער זי הויבט זיך דאָך אויף, ווי אַ פערענע פון אַ פערענע. אויף דער ווייסער

פּאָדלאָגע קיהלען איחר די ווייסע נאַקעטע פיס, אייבער וועלכע עס ציטערט דאָס אָבגעלעגענע לאַנגע העמד. ציהט זי מיט די רונדע אַקסלען, געהט מיט ווייכע טריט צום טיש און טרינקט דאָרט אַ גלאָז הייסע מילך.

„פרידריך“,—פרעגט זי,—„דו געהסט ווידער אין פעלד?“

אין שטוב שלאָגט די זון מיט הייסע תמוז-שטראַהלען און אין דרויסען פויקען אין בלויען הימעל טויזענדער קלאַנגען פון מענשען, חיות און פויגעל. אַמאַליע שטעקט אַרויס דעם בלאָנדען קאָפּ אין אָפענעם פענסטער און פערזשמורעט די אויגען. איהרע בלאָנדע האָהר בעהמען גלאַנצען אויף דער זון, ווי גאָלדענע פעדימלעך. באַלד אָבער קעהרט זי אָב דעם קאָפּ און בעמערקט אויף דער וואַנד אַ גרין פליגעלע, וואָס ציהט נאָך זיך אַוועק איהר אויג.

„איך געה אין פעלד, אַמאַליע“—דעקלאַמירט איהר פרידריך הינטער'ן פלייצע און רוקט זיך אַרויס פון שטוב מיט אַ שווינדלדיקן קאָפּ פון דער רויטער פליטיגקייט.

אָבער אַמאַליע קעהרט זיך נישט אָב: דאָס פליגעלע ציהט איהר אויג נאָך זיך, פונקט ווי דאָס אויג וואָלט לאַנגזאַם פערהיפּנאָטיזירט געוואָרען. פּלוצלונג אָבער שפּרינגט זי אויף פון אָרט, ווי עמיץ וואָלט איהר אָנגעשטאָכען מיט הייסע שפּילקעלעך אין די נאַקעטע פיס און זי אַנטלויפט אין בעט אַריין: אייבער'ן הויף איז דורכגעגאַנגען דער אַלטער פייפער. אַמאַליע צוגיסט זיך ווידעראַמאָל אין בעט, אָבער די בלויע אויגען פערלויפען איהר מיט טונקעלע שאָטענס. זי וויל שוין ווידער שלאָפען. באַלד הערט זיך אַ מעסיג אָטעמען דורך האַלב אָפענע ליפען און דאָס ווייסע העמד הויבט זיך אויף, ווי אַ שטילער פאָרהאַנג, אויף דער ברייטער ברוסט און לאָזט זיך אַראָב, הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָב. די געדיכטע שטילקייט פערטרייבט די קלאַנגען פון דרויסען און די הייסע שטראַהלען רוקען זיך לאַנגזאַם, ווי געהיימע סיגנאַלען, אייבער דער פאָדלאָגע און די וועגד. בלויז פון צייט-צו-צייט שאָטענט זיך אַדורך אין די שטראַהלען די אַלטע יאַנאָווע מיט פערקוועטשטע ליפּען

און מיט אַ קרוג מילך אין דער האַנד אָדער מיט'ן קיך-געשיר.

ווען פרידריך קעהרט זיך אום פון פעלד, איז שוין די שטוב פערהאָנגען מיט רויטע שטראַהלען. אַ האַלבער הימעל איז פערגאָסען מיט רויטען ברענענדיגען בלוט און די זון פאַלט אַרונטער הינטער די ווייטע ווינדמיהלען. אַמאַליע זיצט ביים טיש אין איהר נאַכט-העמד, און אויפ'ן טיש, בעצויגען מיט אַ ווייסען קאַלטען לייוועגטענעם סערוועט, שטעהט אַ טעלער קעז, אַ טעלער פוטער און אַ טעלער האָניג, וואָס זעהט אויס, ווי אַ צושמאָלצען גאָלד, און אויבען, איבער'ן האָניג, פלאַטערט אַ אַ רויטער שיין.

פרידריך צוואַשט די הענד, ציהט אויס די שפיצען וואָנ-סען און זעצט זיך אַוועק ביים טיש, נעבען אַמאַליע'ן. די גאַנ-צע פוילקייט, וואָס ער טראָגט אין זיין ווייכען גוף און וואָס קאָן זיך ווי געהעריג נישט אַרויסווייזען צוליב דער אַרבייט אין פעלד, טריפט איהם איצט בלאָס אַרויס פון די אויגען, פון האַלז, פון אָטעם און פון די האַנד-בעוועגונגען. ווי אַ גרויסע שווערע משא זיצט ער אויפ'ן שטוהל און ווערט אַלץ נידעריגער און ברייטער פון פוילקייט. פערוואַרפט איהם אַמאַליע אַ נאַקע-טע האַנד איבער'ן האַלז און לעגט איהם צו אַ ווייסע באַק צו זיין געלער וואָנס.

„אָבער דיין וואָנס קיצעלט,"—צולאַכט זיך אַמאַליע מיט קליינע קינדערשע צייהן.

„עס איז הייס, אַמאַליע..."—קלאָגט ער זיך, ווייל ער האָט נישט וואָס צו זאָגען און ווייל עס איז איהם זעהר גוט אויף דער נשמה.

„עס מוז דאָך זיין הייס",—בערוהיגט איהם אַמאַליע.— „אָבער ביינאַכט, אַז די לבנה וועט אויפגעהן, וועט ווערען קיהל אין דרויסען. נישט וואָהר, פרידריך?"

„נו, יאָ, ביינאַכט איז קיהל..."—פינטעלט ער מיט די אויגען פון פוילקייט, ווי אַ שכור.

לעגט-צו אַמאַליע איהר פנים צו זיינעם, און אין דער רויטער לופט פונ'ם זונאונטערגאַנג העננען צוויי פנימ'ער, שטאַרק

עהנליך צו אייבאַנדער, נאָר אייגס מיט וואָנסען, דאָס צווייטע אָהן וואָנסען.

די זון פערגעהט, די רויטע הימלען לעשען זיך, אַ לייכט ווינדטעלע טרייסעלט די טונקעל-גרינע בלעטער פון די בעז-קוסטעס, וואָס שטעהען אונטער'ן פענסטער, צאַרטע שאָטענס זוכען די ווינקלען פון צימער און אַמאַליע מיט פרידריכ'ן נעה-מען זיך צום עסען לאַנג, פעסט, מיט הנאה און אַפעטיט, ווי עס קאָנען נאָר עסען מענשען אָהן זאָרג און אָהן רעיונות. זיי עסען קעז מיט האָניג, און די אַלטע יאַנאָווע דערלאַנגט זיי טהיי...

ד.

דאָס קאָטערל.

פאַרהאַן אויף דער וועלט איין בעשעפעניש, צו וועלכען דער אַלטער פייפער איז צוגעבונדען, דאָס הייסט ער קוקט איהם אַמאָל אָן מיט אויפגעהויבענע אויגען און וואַרפט איהם צו אַ קאַלטע קאַרטאָפעל. דאָס איז אַ קאָטערעל, אַנ'אַלט גרוי קאָטערעל, מיט קרומע פאַסען אויפ'ן בויך און אויף די לאַפ-קעס, עהנליך צו אַ טיגער. אָבער אויגען האָט ער געלע, גלע-זערנע, מיט שוואַרצע פינטעלעך אין דער מיט און פון ווייטען מאַכט עס שטענדיג דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געטראָגען גע-לע שפאַקולען אויפ'ן גרויען שטערען. פון וואַנען דאָס קאָטערעל שטאַמט, איז שווער צו זאָגען, אָבער אַזוי ווי דער אַלטער

פֿייפֿער איז איהם קאַרג און קנאַפּ מפרנס, האָט ער זיך אַליין איינגעאָרדענט דאָס לעבּען. שלאָפֿען שלאָפֿט ער אַ גאַנצע נאַכֿט אויפ׳ן אויווען, און בּשעת ער האָט שלעכֿטע חלומות אָדער עס שלאָפֿט זיך איהם נישט פֿון אַלטקייט, הערט ער זיך צו מיט איין אויער, ווי עס געהען אַרום די פֿרייסען מיט טרוקענע פֿיסלעך הינטער׳ן אויווען. אין די יונגע יאָהרען, בּשעת דאָס בּלוט איז געווען וואַרימער, די לאַפּקעס געשיקטער און די אויגען ווייטזיכֿטיגער, האָט ער זיך נישט געפֿוילט אַראָבּצושפּרינגען פֿונ׳ם וואַרימען אויווען און אָבּזיצען שעה׳נלאַנג בּיי די מייזלעכֿער אין די ווינקלען פֿון שטוב. די נאַכֿט האָט איהם דעמאָלט גוט געגעהרט. איצט אָבּער זענען שוין נישטאָ די כּוחות און דער ווילען צו פֿערלאָזען דעם איינגעוואַרימטען אָרט אויפ׳ן אויווען, און אגב זענען די עלטערע מייז שוין געשיקטער פֿאַר איהם און ווערען אַנטרונען סאַמע אונטער דער נאָז.

בּעגינען, בּאַלד ווי די נאַכֿט שפּרינגט־אָבּ פֿון די פֿענסטערלעך און אין הייזעל קוקט אַריין אַ גרוי פֿערטראַכֿט ליכֿט, ווי אַנ׳אויג פֿון אַ זקן, הויבּט זיך אויף דער אַלטער פֿייפֿער פֿון געלעגער און קנעט מיט די ליפּען עפּיס אַ שווערע קללה. צופּט נאָכֿדעם זיך משונה דאָס בּערדעל, וואָס ליגט איהם אויף דער גאָמבּע, ווי אַ הויפֿען מיסט און נאָכֿדעם וואַרפֿט ער אַריין אַ פּאָר אַלטע קאַלטע קרומע פֿיס, עהנליך צו וואָרצלען, אין זיינע פֿערשמאָלצענע אויסגעריבּענע לייווענטענע הויזען. אינ׳ם גרויען בּעגינען־ליכֿט זעהט ער אויס ווי אַ גרויסער פֿרייס, וואָס שלעפּט הינטער זיך נאָך אַ גרעסערן שאָטען. אין אַ ווײַלע אַרום פֿערלאָזט דער אַלטער דאָס הייזעל, און דעמאָלט הויבּט זיך אויף דאָס קאָטערעל אויפ׳ן אויווען, ציהט אויס און גלייכֿט אויס אַלע פֿיר פֿיסלעך, ניסט זיך אָבּ עטליכֿע מאָל פֿונ׳ם שטויבּ, וואָס האָט זיך איהם פֿערקליבּען אין נאָז פֿאַר דער נאַכֿט, מאַכֿט אַנ׳אַלטע מאוסע תּנועה פֿון אַ זקן, וואָס האָט נאָך קיין טהיי נישט געטרונקען און שפּרינגט אַראָבּ פֿון אויווען. אין הייזעל איז שטיל. בּלויז די אַלטע שנאָרכֿעט ערגעץ אויף איהר געלעגער מיט׳ן גרויסען זאָבּ אונטער דער גאָמבּע. דאָס קאָטערעל בּעדאַרף

אָבער האָבען, עס זאָל זיין שטיל. ערשטענס, קאָן מען לייכטער דערשפירען אַ פערשפּעטיגט מייזעל און, צווייטענס, קאָן מען אַ קוק טאָן אין די טעפּ. אין די טעפּ איז אפילו נישטאָ וואָס צו קוקען. פלייש קאָכט מען זעלטען און עסען עסט מען אָדער קאַרטאָפעל מיט פּוטער אָדער קאַרטאָפעל מיט הערינג. דער אַל־טער פייפער, ווידער, וואָס עסט תמיד גלייך פון טאָפּ, האָט פיינט איבערצולאָזען אויף די שוואַרצע ווענדטלעך אפילו דעם קלענסטען זכר פון אַ קאַרטאָפעל. ער לעקט אַליין אַרום דעם טאָפּ נישט ערגער פון אַ קאַץ. דאָס קאָטערעל אָבער קאָן זיך דאָך נישט אָבזאָגען פון דער מידה אַריינצורוקען דעם גרויען קאָפּ מיט די געלע שפּאַקולען אינ׳ם קאַלטען טאָפּ אַריין: אפילו דער ריח פון פּוטער איז אויך אָנגענעהם און דערקוויקט דאָס אַלטע קעצישע האַרץ.

איבערגעשמעקט די דריי טרוקענע לעדיגע טעפּ, וואָס שטעהען אויף דער באַנק, ביים אויווען, הויבט דאָס קאָטערעל אויף דעם רוקען און קוקט זיך אַרום מרה-שחורה׳דיג מיט די געלע שפּאַקולען. נישטאָ וואָס צו עסען. נישטאָ וואָס אַ לעק צו טאָן אפילו. נישט היימליך און בייז טריפט אין שטוב אַריין דאָס גרויע ליכט פון בעגינען, וואָס זייהט מעהר שאָטען, ווי טאָג, און דערמאָהנט אין קאַלטע טהוי-פעלדער און אין שרייענדיגע קראָהען, וואָס זוכען נאָך פאַרטאָג פגרים אויפ׳ן ברייטען שטח פון אָלעשעך. דאָס קאָטערעל פערזשמורעט די אויגען און פערקרימט זיך, מאַכט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס האָט אַראָבגעשלונגען אויפ׳ן לעדיגען מאָגען אַ שטאַרק ביסעל בראָנ־פען און שפּרינגט פון דאָסניי אַרויף אויפ׳ן אויווען. אַ בעקאַנטע וואַרימקייט, וואָס שמעקט מיט שטויב און אַלטען פּוטער, כאַפּט איהם אַרום דאָס פעלכעל, און דאָס קאָטערעל לעגט זיך אַני־דער, פערבויגט די פּאָדערשטע לאַפּקעס אונטער דער ברוסט, מאַכט-צו האַלב די אויגען און נעהמט זינגען אין גאָז זיין אַלט הייזעריק זמר׳ל:

„רו-רו-רו-רו־רו...“

שלאָפען שלאָפט זיך איהם נישט, דעם קאָטערעל, קוקט

ער מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען אויפ'ן גרויען שאָטען, װאָס ליגט אויפ'ן אויוען איינמיטען מיט צווײ שייבעלעך ליכט, װאָס שלאָגען זיך אָב פון פענסטער, אויף די פרייסען, װאָס שמייען אַרום מיט לאַנגע װענסעלעך און שאַרכען מיט די טרוקענע פיסלעך איבער דעם אויסגעטריקענטען אויוען-ליים, אויפ'ן שטויביגען שפינוועבס, װאָס הענגט, װי אַ שוואַרץ שמאַטקעלע אונטער'ן באַלקען און װיגט זיך פאַמעליך, און דאָס זמר'ל קלאַפּט דעם קאָטערעל אין נעזעל, פון גרויס מנוחה און תענוג נאָך שטאַרקער און געדיכטער, װי פריהער:

„רו-רו-רו-רו-רו...״

די צווײ שייבעלעך ליכט, װאָס שלאָגען זיך אָב פון פענסטער אינ'ם גרויען שאָטען, װערען פריהער רויט און נאָכדעם העל, און נאָכדעם פערשווינדט דער שאָטען צוזאַמען מיט די שייבעלעך, און דאָס קאָטערעל דערשפירט מיטאַמאָל, אַז ער איז זעהר הונגעריג. לאַנגזאַם פערגרעסערן זיך איהם די שוואַרצע פינטעלעך אין די געלע שפּאַקולען, דער רוקען קנוילט זיך צוזאַמען און הויבט זיך אויף, די פיר פיסלעך רוקען זיך אַרויס פון אונטער'ן װאַרימען בויך און שטעלען זיך אַוועק און דאָס קאָטערעל שפּרינגט װידעראַמאָל אַראָב פון אויוען. די טהיר פון שטוב איז אָפען און אַ ליכטיגער װאַרימער הימעל מיט אַ ליכטיגער װאַרימער ערד כאַפּען איהם אַרום פון אויבען און פון אונטען. עפּיס אַ זיסע האָפנונג אויף אַ גיכער סעודה צושפּילט זיך איהם אין זיין קעצישער נשמה, װאַרפט ער אַ דרייסטען בליק אויף דער אַלטער פייפעריכע, װאָס ליגט, װי אַ טויטע, אין בעט, מיט'ן גרויסען זאָב אונטער דער גאָמבע, און רוקט זיך אַרויס אין דרויסען. באַלד אָבער, װי ער שטעלט נאָר אַרויס דעם קאָפּ פון דער טהיר, מאַכט ער אַנ'אָנשטעל פון אַנ'אַלט פרום און שוואַך בעשעפעניש, װאָס דאַרף שוין נישט עסען און טרינקען, װאָס האָט שוין קיין ציינער נישט און װאָס גאַרט בלויז נאָך אַ ביסעלע זון.

„אָט די ביינער דערוואַרימען...״—פינטעלט ער מיט די געלע אויגען און קוקט זיך אַרום.

און ער לאָזט אָן שוואַכקייט אין די פיס און אין רוקען און אין עק. אַלץ הענגט ביי איהם און אַלץ ציטערט אויף איהם און דער קאָפּ איז איהם אַראָבגעלאָזט און די געלע אויגען טרעהרען איהם און די אויערן שטעהען נישט פערשפּיצט און בעוועגען זיך נישט. און ווי אַן אַלטער מידער און פרומער וואַנדערער רוקט ער זיך אַריין אינ׳ם גאָרטעל אויפ׳ן הויף מיט שטילע וואַקעלדיגע טריט. אינ׳ם גערטעל איז דוקא זעהר לעבעדיג. פרעהליכע זשוואַווע שוועלבעלעך שניידען די לופט, ווי שוואַרצע פייצעלעך אַהין און צוריק און פייפען זוניגע לידלעך, און פרעסערישע ווערביטשיקלעך שפּרינגען פון איין אָרט צו אַ צווייטען און זוכען מיט די שנאָבלען אין דער וואַרימער ערד. עפּעס פלאַטערט דורך אַ שאָטען איבער׳ן גראָז פון אַ גרויסען פויגעל, וואָס פליהט ערגעץ הויך אונטער׳ן הימעל. גאָלדענע שמעטערלינגען סוד׳ען זיך מיט בלומען. בינען שפּילען אויף אַ באַסען-סטרונע.

דערזעהן אָבער אַ קאַץ אין גערטעל, צולויפען זיך די ווערביטשיקעס און די שוועלבעלעך הויבען זיך אויף העכער. שטעלט-אויס דאָס קאָטערעל אַ פּאָר גרויסע געלע אויגען מיט פערגרעסערטע שוואַרצע פינטעלעך אין דערמיט און קוקט זיי אָן, ווי משוגעים. וואָס צולויפען זיי זיך? וואָס שרעקען זיי זיך? וואָס קאָן ער זיי טאָן? און דאָס קאָטערעל מאַכט אַ פּאָר וואַקעלדיגע טריט און פערקרימט זיך, פונקט ווי ער וואָלט אַ שמעק געטאָן טאַבאַק. נאָכדעם געהט ער אַוועק צווישען די ביימען און ציהט זיך אויס, ווי אַ טויטער. אַלע פיר פיס ליגען אויסגעשפּרייט ווי פלעקער, די אויגען זענען האַלב צוגעמאַכט, דאָס מויל אָפען, מיט אַ שוואַרץ רעהמעלע ביי די צייהן און דאָס פעלכעל אויפ׳ן בויך הויבט זיך לאַנגזאַם אויף און לאָזט זיך אַראָב.

„אַנטלויפט נישט, פויגעלעך... אַלט בין איך, אַלט, שוואַך...״—קלאָגט דאָס קאָטערעל און פערקרימט זיך ווידעראַמאָל, פונקט ווי ער וואָלט אַ שמעק געטאָן טאַבאַק.

אין אַ ווײלע אַרום בלייבט ער שוין ליגען איינגאַנצען

אומבעוועגט, ווי אַ טויטער, וואָס האָט אַמאָל־אַמאָל געלעבט, וואָס איז אַמאָל־אַמאָל אַ קאָטערל געווען, נאָר איצט איז עס נישט מעהר ווי אַ שטיקעלע ערד, אָדער אַ שטיקעלע האָלץ, אָדער אַ שטיקעלע שטיין. די אויגען זענען איהם איינגעאַנצען צוגעמאַכט, דאָך אָבער איז געבליבען אַ קליין שמאָל שפּעלטעלע, פון וועלכען עס שימערט אַרויס אַ שוואַרץ פּייערל פון די שוואַרצלען.

די זון ווערט נעהנטער און שטאַרקער, און די פויגעלעך ווערען פרעהליכער, שטיפערישער און דרייסטער. אָט שטעלט זיך אָב אַ גרויער ווערבייטשיקעל נעבען יענער בייט, וואו עס ליגט דאָס קאָטערעל, קוקט זיך רוהיג אַרום און גיט אַ פּיק די ערד. נאָכדעם קוקט ער זיך שוין גאָרנישט אַרום. ער פּיקט און פּיקט די ערד און זוכט קערנדלעך און וואָרצעלעך און ווערימלעך. דאָס קעפּעלע לאָזט זיך אַראָב און דאָס עקעלע הויבט זיך אויף. דאָס עקעלע לאָזט זיך אַראָב און דאָס קעפּעלע הויבט זיך אויף. און אין דער ערד איז פאַרהאַן אַזויפיל קערנדלעך און אַזויפיל ווערימלעך און אַזויפיל וואָרצעלעך, און דער אַפּעטיט צעוואַקסט זיך אין איהם פון מינוט צו מינוט. נאָר אָט שפּרינגט פּלוצלונג אויף דאָס קאָטערעל, ווי אַ פּרוזשינע, וואָס איהרע עקען זענען פריהער געבונדען געווען. אַ שפּרונג פון פיר פיס—די הינטערשטע אויסגעצויגען, די פאָדערשטע צושפּרייט, מיט פערגרעסערטע גיריגע שוואַרצלען אין די אויגען, און דאָס ווערבייטשיקעל ווערט צוגעדעקט מיט אַ גרויען ווייכען קעצישען גוף. קיין שום קלאַנג און קיין שום פּיפּס. אַרום איז שטיל און שטום און הייס.

און אַז דאָס קאָטערעל הויבט זיך אויף, ליגען אויף דער ערד, נעבען דער בייט, אַ קופּע פעדערלעך מיט אַנ'אָפּען שנאָבעלע אין מיטען. אַ נידעריג וואַרים ווינדטעלע בעטאַפּט זיי עטוואָס און ווערט תיכף־ומיד פערשוואונדען. דאָס קאָטערעל לאָזט זיך געהן מיט שטילע פרומע טריט און מיט אַ מינע אויף די געלע שפּאַקולען, ווי איינער זאָגט:

„איך וויים, וואָס דאָ איז געשעהן?...“

דער פּיסק איז איהם אָבער אויסגעשמירט מיט בלוט און

אויף אַ לאַפּקע האָט ער אַ טראָפּעלע בלוט. בויגט ער זיך צו און וואַשט זיך אַרום און רוקט זיך נאָכדעם אַרויס אויפ׳ן הויף מיט די געלע שפּאַקולען אויפ׳ן קאָפּ און קוקט זיך אַרום מיט אַנ׳אונשולדיג געבעכדיג מינעלע:

„מילא, אַ פויגעלע... אָבער איך בין שוואַך, שוואַך...״

און ער געהט צום אַלטען ברייטען תּבואה-שייער. דאָרט, אויף דעם שטרויענעם דאַך, איז גוט צו ליגען אין דער היי-סער, פלאַם-פייערדיגער זון און דרעמלען ווייטער דעם איבער-געריסענעם דרעמעל. אָבער אַז ער דראַפּעט זיך אַרויף אויפ׳ן דאַך און צויאָגט בעת מעשה די פויגעלעך, וואָס פּיקען דעם אַלטען דאַך-שטרוי, דערשפּירט ער אַ וועהטאָג אין די ביין-שלעסער פון די הינטערשטע פיס: דער פריהערדיגער שפּרונג נאָכ׳ן פוי-געלע איז געווען אַ צו-האַסטיגער, שוין נישט פאַר זיינע כּוחות.

די הייסע זון כאַפּט איהם אַרום פון די אויערן-שפּיצען ביז די נעגעל פון די פיס. לאַנגזאַם לעגט ער זיך אַנידער, דרעהט זיך צונויף ווי אַ בויגעל, פערדרוקט דאָס נעזעל אין די ווייכע האָר אונטער׳ן בויך און פערלירט באַלד אַלע חושים פון היץ. ער שפּירט שוין מעהר נישט קיין וועהטאָג אין די ביין-שלעסער פון די פיס און ער פאַלט אַריין אין אַ שווערען שלאָף, ווי פון אַ הויכען ליכטיגען באַרג אין אַ טיפען שוואַרצען גרוב. די צויאָגטע פויגעלעך קלויבען זיך ווידער צוזאַמען און שפּרינ-גען, פּייפען און פליהען אַרום דעם גרויען בערגעלע אויף דעם גרויען דאַך-שטרוי. דאָס קאָטערעל ליגט אַזוי ווי אָהן אַנ׳אָטעם.

פאַרנאַכט, בשעת די זון בלוטיגט דעם הימעל און שטילע שאָטענס וואַקסען אויס אין די טהאָלען און גריבער, קומט דאָס קאָטערעל צו זיך, הויבט אויף דעם רוקען אויף פיר צוזאַמענ-געדרוקטע פיסלעך, לעקט אָב מיט׳ן האָהריגען צינגעל דאָס טרוקע-נע נעזעל, ציהט זיך אויס, פּרובט אויס יעדעס פיסעל בעזונ-דער, פּרובט אויס די בויגזאַמקייט פון האַלז און פון עק, גיסט זיך אָב, קלאַפּט אָן מיט אַ לאַפּקע אין אויער, וואו עס רודערט איהם משונה אַ פלוי און קריכט נאָכדעם אַראָב פון דאַך. די קיהלע שאָטענס אויף דער ערד לעשען מחיה׳דיג דאָס דערהיצטע

פעלכֿעל פון דער זון. אָבער ער דערמאָהנט זיך, אַז מען בעדאַרף עפּיס עסען און ציהט אַרויף אויפ׳ן פּנים אַ נעבעכֿדיגע מינע פון אַן׳אַלטער קראַנקער פער׳יתומ׳טער בעשעפעניש.

איצט געהט ער צום קעלער, וואָס ליגט אונטער דעם אַלטען פייפערס הייזעל. דערדאָזיגער קעלער איז אַ פינסטערער און אַ נאַסער. הערבסט און ווינטער האַלט מען דאָרט קאַרטאָפעל און קרויט, נאָר זומער איז ער לעדיג און פעלד-מייז האָדעווען דאָרט זייערע קינדער. ווי אַ שוואַרצער מכשף, קריכט טיילמאָל אַריין דער אַלטער פייפער, טאָפּטשעט און טאָפּטשעט בלינד מיט די שווערע פיס אין דער נאַסער גליטשיגער ערד און פערגראָבט דאָרט אין אַ שפּאַלט אַן׳אָבגעלעגטע מטבע—זי זאָל נישט אָנקומען דעם זוהן. אין דער געדיכטער שאַרפער לופט שפּאַרט זיך בעזונדערס אַרויס דער שאַרפער ריח פון מייז און צופוילטע צמחים. מיט שטילע גנב׳ישע טריט און מיט די געלע שפּאַקולען אויפ׳ן קאָפּ רוקט זיך אַריין דאָס קאָטערעל אין קעלער אַריין און שטעלט זיך אַוועק אויף דער שוועל. פּאַוואָליע ציהט ער מיט דער נאָז און פערזשמורעט די אויגען—זיי זאָלען נישט אָבשרעקען די מייז מיט זייער פייער. אַ קאַלטער שוידער לויפט איהם אַדורך איבער דער פעל, אויפ׳ן רוקען, און אין די לאַפּקעס דערשפּירט ער אַ ווינטערדיגע קעלט. ווען נישט דער הונגער, וואָלט ער אַהער נישט געגאַנגען. ער בעדאַרף שוין אייגענטליך האָבען אַ שטענדיגען אויוועץ און גרייט עסען פון דער האַנד. אָבער ער מוז געהן אין קעלער, ווייל ער נעהרט איהם דאָס גאַנצע לעבען. אין די יונגע יאָהרען, ווען דאָס פעל האָט אַזוי נישט געציטערט פאַר פייכטקייט און קעלט און די פיסלעך זענען געווען געשיקטער און ריהרעוודיגער, האָט ער דאָ זעהר לייכט געכאַפּט מייז, אָבער איצט, וואָס עלטער און שוואַכער ער ווערט, אַלץ קליגער און געשיקטער ווערען די מייז. די קינדער פערגראָבען זיי אין די טיפע שפּאַלטען הינטער די ווענד און אַליין דערשפּירען זיי איהם אפילו דעמאָלט, ווען ער לאָזט זיך אַראָב אויף די פינף צופוילטע וואַקעלדיגע קעלער-שטיגען. און בשעת ער שטעלט אַריין דעם קאָפּ אין דער שוואַרצער

לופט פון קעלער, בעגעגענט איהם אַ טויטע שטילקייט פון אַ קבר. אַלע מייז זענען פערקראָכען אין די לעכער.

דערצו איז פאַרהאַן איין תרופה: מען בעדאַרף זיך פערבאָרגען אין אַ ווינקעל און זיצען און וואַרטען אָהן אַנ׳אָטעם און אָהן בעוועגונג. זיצען לאַנג שווערע, שווערע שעה׳ן, ביז אַ נאַריש אומגעדולדיג מייזעל, וואָס איז משער, אַז דאָס קאַטערל איז שוין אַוועק, וועט פאָרזיכטיג אַרויסשפּאַצירען פון דער נאָרע. דעמאָלט מאַכט מען אַ שפּרונג אַהער, אַ שפּרונג אַהין און ביים קאָטערעל אין די לאַפּעס פערבלייבט אַ וואַרים און ווייך קניילכעלע, וואָס קלאַפּט קאָנוואולסיוו מיט אַ האַרטען עק איבער דער נאַסער ליימענער ערד פון קעלער.

ווידער האָט דאָס קאָטערעל בלוט אויף די ליפּען און ווידער ווישט ער זיך אַרום און הויבט זיך אויף אַ מידער אויף די צופוילטע האַלב-איינגעפאַלענע קעלער-שטיגען. אויפ׳ן הויף איז שטיל. איבער׳ן הויף הענגט אַ בלאַסער אָוונד-הימעל. די היהנער זענען אַוועק אין שטאַל. די בהמות זענען שוין אויך געקומען פון פעלד. דורך דעם קליינעם פענסטערל, וואָס איז אויסגעשניטען געוואָרען אונטער׳ן דעכעל פון שטאַל, זעט זיך אַ גרויס אויג און אַנ׳אויסגעשפּיצטער אויער פון אַ פערד. נעבען דער ברייטער טהיר פון שייער ליגט אויף אַ זייט אַ גרויסער געלער הונד, מיט אַ גראָבען שטריק אויפ׳ן האַלז און כראָפּעט ווי אַ מענש. דאָס קאָטערעל קוקט זיך אַרום מיט די פרומע שפּאַקולען, וואַרפט אַ גלייכגילטיגען בליק אויף צוויי שוועלבעלעך, וואָס זיצען, ווי אַ פערליבט פּאָרעל אויפ׳ן דאַך פון שייער, כאַפּט פלוצלונג אַ קוק ביי זיך אונטער׳ן בויך, צווישען די האָהר, צי פּאָרעט זיך דאָרט נישט אַ פלוי און רוקט זיך גאַכשעפּעניש, וואָס אַלע בעליידיגען זי, אָבער זי איז אַלעמען מוחל.

די קליינע שמוציקע פענסטערלעך פון פייפערס הייזעל האַקען איבער דאָס ליכט פון דרויסען, עס איז האַלב טונקעל, און ביים טיש זיצט דער אַלטער פייפער, שוואַרץ און צושפּרייט

ווי אַ שאָטען און פרעסט פון אַ גרויסען טאָפּ. פון געוועהנהייט זעצט זיך דאָס קאָטערעל קעגען איהם אויף דער ערד, פערוואַרפט דעם עק אַרום די פאָדערשטע פיסלעך און קוקט דעם אַלטען גלייך אין די אויגען אַריין. דער אַלטער שלעפּט פון טאָפּ איין קאַרטאָפעל נאָכ׳ן צווייטען, שטופּט זיי, ווי שטיינער, אין מויל אַריין, פרעסט אַזוי לאַנג, מיושב׳דיג און פויעריש, ווי ער שניידט דאָס גראָז אויפ׳ן פעלד אָדער ווי ער שלעפּט אַ קלאָץ אויפ׳ן פלייצע, ביז ער לעדיגט אויס דעם טאָפּ און פיהרט איהם פון אינעווייניג אַדורך מיט אַ פינגער, עס זאָל גאָרנישט בלייבען דערין. דעמאָלט בעגעגענען זיך זיינע אויגען מיט דעם קאָטערס שפּאַקולען.

„אַהאַ״,—וואָרטשעט ער,—פרעסען ווילסטו, נישט געדאַכט זאָלסטו ווערען!...״

און ער גיט איהם אַ שפּיי סאַמע אין פנים אַריין.

דאָס קאָטערעל שפּרינגט-אויף, גיט אַ שמיר מיט דער לאַפּקע איבער׳ן פנים, ניסט זיך אָב, ווי פון אַ שמעק טאַבאַק און כאַפּט זיך אַרויף אויפ׳ן אויווען. דאָרט זוכט ער אָב זיין גריבעלע מיט׳ן שמאַטקעלע, וואָס איז אויסגעבעט דערין, לעגט זיך אַוועק, מאַכט צו האַלב די אויגען און נעהמט זינגען אין נאָז זיין אַלט הייזעריג זמר׳ל, וואָס איז איהם אַליין בלויז פערשטענדליך:

„רררררררו!״

פון בעט דערטראָגט זיך אַ פערשטיקטער זיפץ פון דער פייפעריכע, וואָס ליגט מיט אָפענע אָהנ׳מחשבות׳דיגע אויגען און מיט אַ גרויסען זאָב אונטער דער גאָמבע, און די ווענד שאָרכען מיט די טרוקענע לאַפּקעלעך פון די פרייסען, וואָס שמייען אַרום ווי משוגע אַהין און צוריק.

ה.

קיטשע.

קיטשע—אַזוי הייסט פייפערס הונד. דאָס איז אַ גרויסער געלער הונד מיט אַ נאַרישען קאָנטור פונ׳ם קאָפּ און מיט נאַרישע אויגען. בטבע איז ער שטענדיג בייז און שטענדיג שלעכט, אָבער אַזוי ווי ער איז אַ גרויסער פּחדן, האָט ער געוואַלדיג מורא עמיצען איינצובייסען.

איינמאָל, אין אַ גרויען הערבסט-טאָג, האָט ער זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען אויף פייפערס הויף. מיט זיינע פיר הויכע פיס איז ער דעמאָלט געשטאַנען אויף דער קופּע מיסט און געזוכט דאָרט מיט דער נאָז עפּיס צום פרעסען. אין דעמדאָזיגען אויגענבליק איז דער אַלטער פייפער גראָד געקומען פון פעלד. דערזעהן דעם הונד אויף דער קופּע מיסט, האָט ער באַלד איינגעזעהן, אַז דאָס איז אַ בעשעפעניש נישט פון אָלעשען, אַז דאָס מוז זיין אַ פערבלאָנדזשעטער הונד פון אַ פרעמדען דאָרף. „ער טויג דאָך פאַר מיר”,—האָט דער אַלטער דורכגעלאָזט אַ מחשבה אין קאָפּ און באַלד דערויף האָט ער געכאַפּט אַ שטריק, פערוואָרפען דעם הונד אויפ׳ן האַלז און צוגעבונדען

איהם צו דער טהיר פון שייער. דער הונד האָט אפילו געשריען, אָבער ער האָט זיך אונטערגעגעבען, און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען פייפערס הונד. קיינער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף איהם און קיינער האָט איהם נישט געזוכט.

ליגט ער, קיטשע, ביי דער טהיר פון שייער, סיי ווינטער, סיי זומער מיט'ן גראָבען שטריק אויפ'ן האַלז. ווינטער איז דער שטריק געפראָרען, אין הערבסט איז ער נאַס און זומער טרוקען און האַרט ווי אַ ביין, אַזוי אַז ער שניידט זיך אַריין אינ'ם האַלז. אָבער קיטשע שווייגט: ער איז שוין געוועהנט דערצו. ווי קיטשע איז נישט נאַריש, פונדעסטוועגען האָט ער זיינע זכרונות און זיינע מחשבות. אַמאָל, אין אַ שטילער זומערנאַכט, פאַלט איהם אַריין אין קאָפּ אַ ווינקעלע פון אַ שטאַהל, וואָס איז אָנגעפילט מיט היהנער, גענז און חזרים. אַלץ שרייט דאָרט און פילד'ערט, פּאַטשט מיט פליגלען און כראָפּעט מיט די נעזער, און אין דידאָזיגע געשרייען און אין דער טונקעלער לופט, וואָס איז דורכגעשטאָכען מיט שפּיזעלעך ליכט פון די וואַנד-שפּעלטעלעך, דרעהט זיך אַרום אַ גרויסע שוואַרצע צויג מיט איינגעפאַלענע זייטען. דאָס איז זיין מאַמע און דאָס איז אויך די ערינערונג פון זיין קינדהייט. בשעת ער טראַכט פון דעם שטאַהל מיט זיין מאַמען, ווערט איהם מאָדנע אָנגענעהם און וואַרים אונטער'ן האַלז, ביי די פאָדערשטע פיס, אָבער אַז די זכרונות שווימען אַרויס פון קאָפּ ווי ווייסע וואָלקענדלעך און אויף זייער אָרט קומען שווערע מחשבות, ליידט ער גרויסע יסורים. קודם ליידט ער פון קנאה. ער איז מקנא פייפערס פערד און פייפערס קיה און אפילו פייפערס היהנער. דאָס פערד בעקומט צו עסען פון דער פולער האַנד. אַ גאַנצע נאַכט קייט ער הינטער דער וואַנד פון שטאַהל און אפילו דער יונגער פייפער שעמט זיך נישט אַמאָל אויסצובאַרשטען עס מיט אַ גרויסער באַרשט. די בהמות דרעהען זיך אַרום איבער די לאָנקעס מיט פולע בייכער און קייען אויך אַ גאַנצע נאַכט. אַלץ עסט און קייט נאָכאַנאַנד. אַלץ געהט אַרום מיט גאוה, פראַנק און פריי. אָבער אַמערגסטען האָט ער פיינט די היהנער, וואָס פלאָנטערן

זיך אַרום איבער'ן הויף מיט אַ זאַטער גאווה און מיט פערריסענע קעפּ. אומעטום קריכן זיי און פּילדערן און שרייען און אַ גאַנצען טאָג פרעסען זיי. זיי פרעסען פון שיסעלעך און פרעסען פון דער ערד. די קנאה צעוואַקסט זיך אין קיטשען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אָבער גלייכצייטיג דערוועקט זי אין איהם אויך אַ געפיהל פון פחד. און דער פחד ראַנגעלט זיך אין איהם מיט דער קנאה. ער וואָלט זיי געוואָלט שלעכטס טאָן, אָבער ער האָט מורא. דאָס גאַנצע לעבען עסט איהם די קנאה און די מורא. מיט'ן פערד קאָן מען זיך נישט אָנהויבען: עס האָט שטאַרקע פיס און האַרטע קאָפּיטעס. איינבייסען אַ בהמה איז אויך נישט פון די לייכטע זאַכען: זי האָט הערנער און די היהנער מאַכען אַ גוואַלד ביי דער קלענסטער דראָהונג. מיט זיי איז נאָך געפעהרליכער. באַלד לויפען אַרויס ביידע פייפערס און פרעגען אין איין קול:

„וואָס איז מיט די היהנער? ווער בעאומרוהיגט זיי?”

איינמאָל האָט ער אפילו דערשטיקט אַ קליין גרוי היהנדעלע. וואָס איז פערקראָכען צו איהם נאָך קערנער. ער האָט עס באַלד דערשטיקט מיט'ן געזעס און נאָכדעם ווייט פערשאַרט פון זיך מיט די הינטערשטע פיס. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בויך, דעם קאָפּ אַנידערגעלעגט אויף די פאָדערשטע לאַפּעס און געמאַכט אַנ'אָנשטעל, אַז ער שלאָפט. פאַרנאַכט אָבער, בשעת די פייפערס זענען געקומען פון פעלד, האָט זיך אָנגעהויבען אַ טומעל און אַ זוכעניש און אַ פרעגעניש:

„ווער האָט דער'הרג'עט דאָס היהנדעלע?”

דער יונגער פייפער האָט געמאַכט אַנ'אמת'ע אויספאָרשונג, האָט גענוי בעקוקט און בעטאַפּט די הוהן פון אַלע זייטען און האָט צולעצט איינגעפונען, אַז זי האָט געמוזט צופעליג דערשטיקט ווערען אונטער אַ שטיין אָדער אונטער אַ קלאָץ. דער אַלטער פייפער האָט איהם בעת מעשה צוגעשאָקעלט מיט'ן צושויבערטען קאָפּ. „יאָ, יאָ, ס'איז וואָר,”—האָט ער געשעפּטשעט, אָבער אַז די אויספאָרשונג האָט זיך געענדיגט און דער יונגער פייפער איז אַריין אין שטוב, האָט דער אַלטער זיך אויפגעהוי-

בען אויף ד׳ שפיץ פינגער, פאוואליע זיך צוגע׳גנב׳עט צו קי־טשע׳ן און האט איהם דעו לאנגט מיט א קורץ דיק פיט׳ל פון א שטוהל אזא טארעבעבנץ איבער׳ן רוקען, אז קיטשע האט צוויי טעג נאכאנאנד נישט געקאנט אבציהען דעם אטעם. פון דעמאלט אן איז זיין שנאה צו היהנער נאך גרעסער געווארען, אבער אויך דער פחד האט זיך געשטארקט אין איהם. ער האט געצי־טערט פאר זיי מיט׳ן גאנצען גוף, און בשעת זיי האבען, פע־טע, שטאלצע און זאטע, געקליבען קערנער סאמע ביי איהם אונטער דער נאז, האט ער אוועקגעקעהרט די אויגען און א צאהן אן א צאהן האט איהם געקלאפט פון שרעק און האס.

אייגענטליך איז ער א קנאפער שומר פון הויף. ער האט מורא פאר מענשען און האט מורא פאר א שארך און פאר א שאטען. דער אלטער פייפער האלט איהם בלויז דערפאר, ווייל ער איז זעהר גרויס און א פרעמדער מענש קאן זיך איבער־שרעקען פאר זיין וואוקס. אבער ער האט זעהר א שוואכען קאפ, און אין די הייסע טעג איז ער טיילמאל משוגע. דעמאלט עפענט ער דעם פיסק און שטעקט ארויס א לאנגע רויטע צונג. די נאַ־רישע אויגען ווערען איהם פערלאפען מיט בלוט און די זייטען טראגען איהם, ווי ביי א ווילדען פערד אין שפאן. דערזעהט ער אין אזא מינוט דעם אלטען פייפער, פערקארטשעט ער די נאז, פערווארפט דעם קאפ אן א זייט, הויבט-אויף משונה די אויערן און לאזט ארויס א מין קרעה פון א האהן. ביינאכט אבער קומט ער צו זיך און בערוהיגט זיך.

עסען בעקומט ער בלויז פון פייפערס שנור. ווארפט זי איהם צו עטליכעביינער מיט א ביסעל קאשע, איז גוט, אז נישט ליגט ער א הונגעריגער און קוקט מיט שטומער קנאה אויף די בהמות און עופות פון הויף. דאס האט זי, אמאליע, גע־שענקט איהם דעם נאמען קיטשע. פון ליבשאפט צו א הונד איז איהר ארויסגעשפרונגען דערדאזיגער נאמען פון די ליפען.

„קיטשע״,—האט זי געצויגען מיט די ליפען אויפ׳ן ברייטען ווייסען פנים, בשעת זי האט איהם דערזעהן צום ערשטען מאל.—„קיטשע, קיטשע, קיטשע...״

אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי חרטה געהאַט אויפ׳ן נאָמען. דאָס איז אַ גרויסער נאַרישער הונד, און דער נאָמען פּאַסט זיך נישט פאַר איהם.

„קיטשע בעדאַרף זיין אַ קליינטשיק הינטעלע, וואָס דרעהט מיט׳ן עקעלע...״—האָט זי דערקלערט איהר מאַן.

אָבער דערדאָזיגער נאָמען איז איהם דאָך פערבליבען.

בטבע איז קיטשע אַ שווייגער, ער האָט פיינט צו בילען. אָבער אין די ציטריגע ווייסע לבנה-נעכט בילט ער אויף דער לבנה. ער בילט אָהן הפסקות, כסדר, מיט אַ פערריסענעם קאָפּ, מיט אויפגעשטעלטע פיס, מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם עק און מיט צוויי ווייסע פינטעלעך אין די שוואַרצלען פון די אויגען. נאַכט-פויגלען פליהען איבער דעם הויף מיט שרעק און איילעניש און עס דאַכט זיך, אַז די שאָטענס הינטער די ווענד הערען זיך צו צו די קולות און בעוועגען זיך מיט סודות׳פולע בעוועגונגען. דאָס מאָנאָטאָנע בילען, וואָס ווערט נישט שטאַרקער און נישט שוואַכער, און וואָס האַלט זיך אויף איין באַסיגער נאָטע, רופט אַרויס אַ מאָנאָטאָנעם עכאָ אין די ווייטע האָריזאָנטען. קיטשע׳ן דאַכט זיך איצט, אַז די גאַנצע וועלט ליגט איהם געהאָרכזאַם אונטער די פיס, און זיין בילען קלינגט, ווי אַ שטאַרקע הינטי-שע תפילה אינ׳ם ציטריגען זילבער פון דער לבנה-נאַכט. און דידאָזיגע הינטישע תפילה ציהט זיך ביז בעגינען, ווען די לבנה ווערט פערפאַלען אין די הימלען.

אין די שוואַרצע נעכט אָבער ליגט קיטשע צוזאַמענגע-קנוידערט, און הערט זיך צו, ווי עס בילען אַנדערע ווייטע דאָרף-הינד. דעמאָלט דערגרייכט ער מיט׳ן אויער צו דעם בילען פון אַ צויג און הויבט-אָן בענקען נאָך איהר. ער שטעלט זיך פאָר אַ רויטע גרויסע צויג אויף אַ מיטען פערלאָזטען וועג, אָהן מענשען און אָהן פוהרען, און עס געהמט איהם קיצלען אין די לאַפּעס, אונטער די נעגל. אַ וואַרימע און אַ זיסע פיין צוגיסט זיך איהם אונטער׳ן רוקען, און ווילעוויז גענעצט ער פון אויפ-רעגונג. אינסטינקטיוו וויל ער זיך אויפהויבען און געהן צו דעם ווייטען קול, צו דער צויג, וואָס זעהט איהם אויס אין דמיון

דוד קאַסעל.

רויט און גרויס און אײנזאַם, אָבער דער שטריק פֿערהאַלט איהם און שלעפּט איהם צו דער טהיר פון שייער. פֿאַלט ער אַנידער מיט׳ן בויך אויף דער ערד, ציהט אויס די פֿאָדערשטע לאַפּעס, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ און וואָיעט שטיל, שטיל אין דער שוואַר־צער נאַכט אַריין.

ו

לאה׳לע.

איך מיט לאה׳לען וואוינען אינ׳ם דריטען הייזעל, וואָס שטעהט פעררוקט טיפער אין פֿעלד. מיר האָבען צוויי ווייסע צימערלעך מיט שמאָלע קינדערשע בעטלעך, מיט קליינע נישט געפאַרבטע טישלעך און בענקלעך. פון דריי זייטען האָבען מיר דעם הימעל דורך די פֿענסטער, פון צוויי זייטען—וואַלד און פון איין זייט—פֿעלד און לאָנקע. אַ גאַנצען טאָג זענען די צי־מערלעך אָנגעפּילט מיט׳ן ריח פון ראָמאַשקעס, מיט׳ן צאַרטען אַראָמאַט פון בלויע אויגעלעך און מיט׳ן געדיכטען הייסען אָטעם פון דער ערד. באַלד אינדערפריה באָדען מיר זיך אין זונוויין, נאָכדעם אין זונגאָלד און נאָכדעם אין זונזילבער, און עס ווייזט אונז אויס, אַז די ערד מיט׳ן הימעל, מיט דער זון שמייכלען

צו אונז אין די ליכטיגע פענסטערלעך. טיילמאָל איז אונז אַזוי גוט, אַז מיר ריידען נאַרישקייטען און טוען נאַרישקייטען, טראַכטען בלויז פון עסען און פון שטיפען, בעוועגען זיך ווי זאַטע חיה׳לעך, שפרינגען-אַרום ווי יונגע ציגען, קריכען-אַרום אין פעלדער און לאָנקעס, אין וועלדער און קוסטעס, איבער וועגען און שטעגען, צווישען טייכלעך און זומפען, צווישען בערגעלעך און טאָלען. און אַז מיר געהען אַהיים, ווייזט אונז אויס, אַז מיר געהען פון הויכען בלויען הימעל, וואו מיר האָבען געזעהן ווייסע שטילע מלאכים און פרעהליכע שדים.

אין שטוב פליהט-אַרום איהר נאָמען, געוואָרפען פון מיינע ליפען, ווי אַ הויפען קלאַנגען.

„לאה׳לע!...“—קלינגען די צוויי למד׳ען פון איהר נאָמען, ווי צוויי קליינע קלאַרנעטעלעך אין אַ קליינעם אָרקעסטער.—„לאה׳לע! לאה׳לע!“

און לאה׳לע לאַכט און ליבט זיך אין מיר און קושט מיך און טרינקט מיך אָן מיט׳ן גלאַנץ פון איהרע שוואַרצע אויגען און מיט דעם וואַרימען מיידעל-אָטעם פון איהר לייב.

לאה׳לע איז הויך און שלאַנק און בלאַס. זי איז אַ ברוגעטקע מיט פעך-שוואַרצע האָהר און מיט אַ צאַרט ווייס געזיכט, ווי ערשט געפאַלענער שניי. צו איהרע לאַנגע ווייסע פינגער פאַסט זיך אַ זשעסט פון אַ פרינצעסין, צו איהרע קליינע שמאָלע פיסעלעך—דער גויג פון אַנ׳אַלטען מלוכה-מאַן און צו איהר הויכען ווייסען האַלז—דער פערליבטער שטילער שמייכעל פון אַ פערטרוימטען יונגלינג.

אָבער לאה׳לע איז אַנ׳אָרים יודיש מיידעל פון אַנ׳אָרים איינגעבויגענט הויז. די טעג צוקריכען איהר ווי גרויע שלאַנגען אין לאַנגווייליגקייט און אומעט. אין איהר אָרימען הויז שרומפט זי זיך איין, ווי אַ פלאַנצונג אָהן וואַסער און שאָטענס לעגען זיך אויף איהר שניי-ווייסען פנים. איך ווייס, אייגענטליך, וואָס זי לעבט איבער: זי בענקט נאָך זיידענע אונטערוועש, נאָך זיידענע זאָקען און נאָך אַ ברייטען הוט. זי ווייס, אַז זי איז אַ שענע, און אַז זי בעגעגענט אין שטאָדט דאַמען, אָנגעטאָן אין

גלאַנץ און אין פוץ, נעהמט זי עס אין דמיון אַראָב פון דיי
און טוט עס אָן אויף זיך, און דעמאָלט טראַכט זי, אַז זי איז
שענער און עלעגאַנטער פאַר זיי. און דאָס האַרץ צעוויינט זיך
אין איהר פאַר אַנגסט און פערדראָס. שענע קליידער, צירונג,
שפּילענדיגע בריליאַנטען אין די האָהר האָט זי שטענדיג אין
דמיון, ווי זי האָט שטענדיג אין דמיון אַ רייכען יונגענמאַן מיט
גרויסע ירושות, מיט אַ רייכער פאַמיליע, מיט אַ הויכען פּאָסטען.
זי האָט זיך אַליין געשאַפען אַ בילד פון איהם: ער איז הויך
און שלאַנק, מיט אַ טונקעל-מאַטען פנים, מיט לאַנגע פיס און
מיט שענע נעגעל אויף די געטאָקטע פינגער פון די הענד. ער
האָט אפילו געענדיגט יוריסט, אָבער ער וועט זיך קיינמאָל נישט
פערנעהמען מיט זיין פאַך, ווייל ער האָט צופיל געלד. ער וועט
בעסער אַרומפאָהרען מיט איהר איבער דער וועלט: זיי וועלען
זיין אין פאַריז, אין קאַירא, אין לאָנדאָן, אין ווענעדיג. שטיל
און עקשנות׳דיג טראַכט זי פון איהם, ווי מען טראַכט פון אַ
געהיימער זינד, אָבער דאָס האָט זי קאַלט געמאַכט: זי איז גע-
וואָרען אַ מיידעל אָהן ליידענשאַפט. זי האָט פערלאָרען די פע-
היגקייט צו ליבען. זי קאָן זיך נישט ענטציקען, זי ווייס נישט
פון בעגייסטערונג און איהר גאַנץ לעבען האָט זיך אויסגע-
גאָסען אין אַ טרוקענער, האַרבער און פיינליכער פראַגע: וואו
געפינט מען דעמדאָזיגען רייכען יונגענמאַן מיט די גרויסע
ירושות און ווי אַזוי פערבינדט מען זיך מיט איהם? זי האָט
אייגענטליך אָנגענומען אַלע מיטלען דערצו: זי קען אַ ביסעל
מוזיק, אַ ביסעל ליטעראַטור, אַ ביסעל מאָלעריי און האָט אפילו
אַ קליינע השגה אין פילאָזאָפיע. זי ווייס, אַז בעטהאָווען איז
גרויס און האָט אָנגעשריבען גאַנצע ניין סימפאָניעס, אַז גע-
טע איז דער גרעסטער דייטשער דיכטער און מען מעג איהם
עפּטער דערמאָהנען אין אַ געשפּרעך, אַז מיקעל אַנזשעלאָ איז
געווען אַ געניע און אַז קאַנט געהערט צו די בעסטע דענקער
און פילאָזאָפען פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט. זי ווייס דאָס
אַלץ און פערגעסט קיינמאָל נישט צו דערמאָהנען עס אויף אַ
געהעריגען אָרט אין אַ געזעלשאַפט. זי האָט זיך צוגעגרייט, זי

האָט זיך, אַזוי צו זאָגען, געבראַכט אין אָרדנונג, אָבער ער, דער יונגערמאַן מיט'ן טונקעל־מאַטען פּנים און מיט דער רייכער קעשענע, איז נאָך אַלץ נישטאָ. ער האָט זיך נישט צוגעגרייט און איז נישט געקומען.

אין שטאָדט האָבען דידאָזיגע מחשבות, פֿאָרשטעלונגען און איבערלעבונגען אָהן אויפֿהער זי געפּייניגט, פּונקט ווי געשטאָכען מיט קליינינקע דיניטשקע מעסערלעך, אין דאָרף אָבער זענען זיי צופֿלויגען, אַנטרונען געוואָרען. דער בעגינען־טוי, די שטילע נעכט און די פֿרייע ווינדען, וואָס האָבען שפּילענדיג געוויגט די תּבואות אין פֿעלד, האָבען דערוועקט אין איהר דאָס קינד, דאָס גוטע פֿרעהליכע נאַרישע קינד און אַ נאַאיוו פֿייערל אין די אויגען, יענס פֿייערל פֿון אַ לאַכענדיגער נשמה—און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווערט גע'טובל'ט, געלייטערט און יונגער. יונגער מיט'ן גוף, מיט די בלוטען, מיט'ן שמייכעל, מיט'ן פֿייערל אין די אויגען. זי לאַכט מיט'ן טאָג־אויפֿגאַנג, זי לאַכט אין די פֿרייע פֿעלד־ווינדען, זי לאַכט אין די תּבואות, אין דער זון, אין די וועלדער, און דאָס שמאָלע צאַרטע פּיסעלע פֿערשרייבט אין די אָלעשיצער זאַמדען אַ פֿרעהליך לייכטזיניג טענצעל.

פֿאַר די שוואַרצע פֿייגעליכע טעג אין שטאָדט בעקומט זי איצט ליכטיגע זיסע טעג אין דאָרף, אָבער דאָס איז דאָך נישט אויף לאַנג: די שטאָדט וועט ווידער קומען ווי אַ גרויסע חיה, און ווידעראַמאָל וועט זיך אומקעהרען דאָס אַלטע פֿייגעליכע דמיון־לעבען. און דעריבער האַלט איך, אַז אונזער דאָרף־לעבען, וואָס איז פֿול רייץ, ליבע און שמחה, איז נישט מעהר, ווי אַ זיסער חלום־ליגען. זי פֿיהלט עס אפשר נישט, אָבער איך פֿיהל עס. אַ ליגען זענען איהרע אָרעמס, אין וועלכע איך פֿאַל אַריין מיט אַ הייסען שווינדעלדיגען קאָפּ, אַ ליגען איז איהר צאַרטע ליפּ, וואָס זוכט אַ קוש, אַ ליגען איז איהר געפּליסטער, אין וועלכען עס שפּירט זיך איהר אומרוהיג בלוט און אַ ליגען איז איהר וואָרט, וואָס קלינגט אַזוי שען און פֿריי, ווי דאָס וואָרט פֿון אַ קינד. דאָס אַלץ וועט באַלד אָבגעווישט ווערען, ווי דער

טוי אין אַ תמוז-פריהמאָרגען. אָבער אַ מאָדנע זאַך, וואָס בולט'ער עס שפירט זיך דער ליגען, אַלץ זיסער און שטאַרקער איז ער פאַר'ן אמת, אַלץ מעהר פערכאַפּט ער אונזערע בלוטען, אַלץ העכער קלינגט דאָס געלעכטער, אַלץ העלער צושפּילט זיך דאָס פּייערל אין די אויגען און אַלץ מעכטיגער שמידט ער אונז צו צו אייננאַנדער. און מיר באָדען זיך אין דעמדאָזיגען זיסען ליגען, ווי אין די גאָלדענע שטראַהלען פון דער זון, ווי אין דער ריינער בשמים'דיגער לופט, ווי אין דער זיידענער בלויקייט פון הימעל.

יעדער טאָג איז אונזערער און יעדע נאַכט איז אונזערע. דורך די אָפענע פענסטערלעך פון אונזער דאָרף-הייזעלע גריסען אונז ערד און הימעל, ווייטע בלויע ווייטקייטען, פערגאַנגענע דורות און קומענדיגע דורות. און יעדן טאָג זעהען מיר נייע געשטאַלטען און בילדער אין די בלויע ווייטקייטען: ריזען-רייטער מיט ווילד-צולאָזטע פערד; די פיס צושפּרייט, די גריזועס צווייהט; פיקעס און פאַנצערס, וואָס בלישטשען אין וואָלקענס שטויב. און אַמאָל — הויכע צאַרטע מענער, געהילט אין שוואַרצע געפּאַלבטע שטאָפען און בלאַסע פרויען מיט לאַנגע שמאָלע פּיסעלעך, שורות'ווייז, שורות'ווייז, און דערביי — ווייס-געדעקטע טישען מיט גאָלדענע געשיר. און אַמאָל: געדיכטע וועלדער מיט זילבערנע אַלעען, מיט זילבערנע בוימער און שטילע שטומע שאָטענס. און אַמאָל ווידער: רויטע פייערן, גרינע ווילקאָלאַקעס, בערן און וועלף און שוואַרצע ווייס-צייהניגע מכשפות און לאַנגעקיגע רוחות און ציגען-פיסיגע שדים'לעך מיט שוואַרצע געלעכטערלעך.

און אַמאָל פרעג איך לאה'לען:

„וואָס זעהסטו, לאה'לע?"

און זי ענטפערט:

„פּאַלמענבוימער און פּיראַמידען..."

און מיר לאַכען ביידע און כאַפּען זיך פאַר די הענד און לויפען אויף דער לאָנקע און פון דער לאָנקע אין גאָרטען און פון גאָרטען אויפ'ן וועג און פון וועג אינ'ם בעראָזע-וואַלד, וואו

אָלעשעק.

עס בעגעגענט אונז אַ ביהן און אַ שמעטערלינג און אַ וועווער־קע. פאַלען מיר ביי די ווייסע פיס פון די בעראָזעס, אין די רויטע קיהלע וואַלד־מאַכען, און קאַטשען זיך איבער זיי צוזאַ־מען מיט ערד און הימעל, ביז דידאָזיגע מאַכען פער'שכור'ען אונז, און דעמאָלט כאַפּען מיר זיך אויף צוריק אויף די פיס און לויפען אויפ'ן וועג און פון וועג צו אונז אין הייזעל אַריין, וואו מיר ווערען אָפּגעגאָסען מיט שטראָמען ליכט, און עס דאַכט זיך אונז, אַז דאָס הייזעל אונזערס איז מיט'ן דאַך צוגעטוליעט צום הימעל און מיט'ן פונדאַמענט צו דער ערד
און דער זיסער ליגען איז נאָך זיסער.

ז.

אין אַ לבנה־נאַכט.

עס איז אַ ווייסע לבנה־נאַכט. ווייס און פערגליווערט און שטום. ווייס טאָל און באַרג, פעלד און לאָנקע, פונקט ווי טיפע שנייען פון שטראַהלען וואָלטען בעדעקט די ערד. ווייס איז די שוואַרצקייט פון וואַלד, די דעכער פון דאָרף, דער ברייטער שליאַך, וואָס לויפט פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט. וואו־נישט־וואו ליגען אויף דער ווייסקייט שוואַרצע שאָטענס, ווי פערגאָסענער טינט. זיי ליגען פון אויבען אויף דער ווייסקייט און ציטערן, בעוועגען זיך קוים צו מערקען, ווי שוואַרצע דינע ברעטלעך

אויף אַ ווייסען שטילען וואַסער. הויך אויפ׳ן מיטען הימעל שטעהט די לבנה, ווי אַ שאַרפער ווייסער פלאַם, אָבער די ערד איז ליכטיגער פאַר איר, און עס דאַכט זיך, אַז די ערד גיסט גאַנצע טייכען בלענד־ווייסען ליכט אויפ׳ן הימעל. ווייסע טייכען פליסען פון דער ערד צום הימעל און די לבנה שעפט זיי מיט לאַנגע ווייסע הענד און טרינקט זיי דורשטיג.

אָבער די ווייסקייט איז אַ וואַרימע, און לאה׳לע ליגט נעבען מיר אין גראָז, ביים ברעג וואַלד, אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג, מיט׳ן פנים אַרויף, מיט שאַרף געצייכענטע לאַנגע פיס אונטער דעם דינעם שטאָף פונ׳ם קליידעל, מיט אויפגעשטעלטע שפיצען פון די שיכעלעך, מיט אַ דינער טאַליע און מיט קורצאַרבעלדיגע הענד, פערלעגט אונטער׳ן קאָפ. אין דערדאָזיגער ווייסקייט איז לאה׳לע עטוואָס בלוי: עטוואָס בלוי די אויגען, די באַקען, דער האַלז און די הענד. ווי אַ דין בלוי רויכעלע וואָלט געלעגען אויף איר. און אַז זי שמייכעלט, האָט זי אַ צאַרטע בלויקייט אויף די ציין.

„לאה׳לע, דו ביזט בלוי,“—רוף איך מיך אָן און דערקען נישט מיין שטים.

מיר דאַכט זיך, אַז איך בין געקנאָטען פון גלאָז, אַז איך בין דורכזיכטיג און אַז דאָס האַרץ קלאַפּט מיר נישט. איך פיל מיך איינגאַנצען ווייס און קאָן מיך נישט בעוועגען. די לבנה לאָזט מיך נישט, דער הימעל האַלט מיך אָב און די ווייסע ערד האָט מיר קאַלט און ווייס געמאַכט דאָס בלוט. אָבער די גאַנצע ערד און דער הימעל און די לופט זעהען אויס ווי אַ שטיק גלאָז, בעלויכטען מיט אַנ׳אינערליכען ווייסען פלאַם. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז מען קאָן זיך איינקוקען אין דער ערד, ווי אין אַ שפיגעל, און דערזען דאָס אייגענע געזיכט.

„און דו ביזט אויך בלוי, מיין ליבער,“—הער איך לאה׳לעס שטים, וואָס איז ווייס, ווי די ערד.—„אַנ׳אויסטערלישע נאַכט היינט“.

און לאה׳לע קוקט מיט ווייסע בליקען אינ׳ם גלאָז פון דער לופט, פון דער ערד און פון הימעל, און מיר ביידע

שווייגען כמעט אָהן אַנ'אָטעם, כמעט אָהן בעוועגונג, כמעט אָהן
מחשבות, און די ווייסקייט טובל'ט און וואַשט אונז און מאַכט
אונז פאַר שטיקעלעך גלאָז אין דער גרויסער גלאָז-נאַכט.

דאָס איז גישט קיין נאַכט, נאָר אַ צופאַל אין דער איי-
ביגקייט, אַ קליינע שינוי אין דער ממשלה פון גאָט, אַנ'ענדע-
רונג אין די נאַכט-געזעצען. ערגעץ אויפ'ן הימעל האָט געפּלאַצט
אַ רעהר פון יענע כלים, וואו עס ליגען פערבעהאַלטען די רע-
זערווען פון ווייסקייט, און אָט האָט זיך אַריינגעגאָסען אַ בלענד-
ווייסע כוואַליע צווישען די גרענעצען פון צוויי טעג. דידאָזיגע
כוואַליע האָט פערגאָסען דעם אָרט פון דער נאַכט און האָט איינ-
גאַנצען ענטפּלעקט און נאַקעט געמאַכט דעם הימעל. די גאַנצע
הימעל-ממשלה איז פערגליווערט געוואָרן אין דער ווייסקייט און
זי העננט פאַר אונזערע אויגען אָפען און נאַקעט. אָט איז אַ
מלאך אין מיטען פליהען פלוצלונג געבליבען שטעהן. די פליג-
לען זיינען איהם אויפגעהויבען, אָבער זיי בעוועגען זיך נישט,
און ער קוקט אין איין פינטעל מיט ווייסע בליקען. אין ווייסע
לופט-כוואַליעס איז פערטרונקען דער כסא-הכבוד און וואו-נישט-
וואו שימערן אַרויס זיינע גאָלד-שניצונגען. ווייט אויף די הי-
מעל-וועגען שימערן קאַלט די היכלע מאַסיווע גאָלדענע טירען
פון גן-עדן, און קליינע מלאכים'לעך העננען דערביי פערגלי-
ווערט אין דער ווייסקייט, מיט אַראָבגעלאָזטע פליגלען. מיט רוי-
טע פלאַמען אָטעמט דער גיהנם ערגעץ אַנ'עק הימעל, אָבער
דידאָזיגע פלאַמען ווערען אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

לאַה'לע קוקט אויפ'ן הימעל, און צוויי ווייסע פעדים צי-
העז זיך פון איהרע אויגען צום הימעל. און פון מיינע אויגען
ציהען זיך אויך ווייסע פעדים, און מיר ליגען וויים-געגלאָזטע
און שווייגען. די שטילקייט, וואָס איז אַלעמאָל אָנגעגאָסען מיט
אַ כאַאָס פון דיניטשקע קלאַנגען, איז ביז אַהער געלעגען אויף
אונזער אויער, ווי אַ גרויער שטיין. איצט אָבער בעוועגט זי
זיך, די שטילקייט, און מיר הערען קלאַנגען. די ווייסע לבנה-
נאַכט האָט אָנגעשטעלט איהר אָרקעסטער. ווייס און פייערליך
קלינגען די טענער פון די טרומייטערס, שטרענג און קאַלט פיי-

פֿען די פֿליטען, העל און קלאָר פֿערגעהען זיך הויך די פֿידע-לען. די קלאַנגען פֿלעכֿטען זיך נישט צוזאַמען, גיסען זיך נישט צונויף אין קרייזעלעך און דריידעלעך, אין צאַפּעלדיגע ריטש-קעלעך און קוואַלעכֿלעך, נאָר ציהען זיך לאַנג, אָבגעטיילט פֿון איינאַנדער און זעלבסטשטענדיג, ווי לאַנגע-לאַנגע ווייסע פֿעדעם, פֿון איין האָריזאָנט ביז אַ צווייטען. אָבער פֿון מינוט צו מינוט ווערען זיי שטרענגער און פֿייערליכֿער, ווי אַ תּפֿילה פֿון מיל-יאָנען זינגענדיגע הערצער אויף אַן׳אָפֿענעם פֿעלד, און עס דאַכֿט זיך, אַז די ערד הויבט זיך אויף צום הימעל און געהט אַריין אין איהם מיט איהרע ווייסע וועלדער און שטילע טייכֿען. אַלץ הויבט זיך און ציהט זיך שטיל אַרויף, אין דערהויך, און די ווייסקייט גיסט זיך אין אָרקעסטער און דער אָרקעסטער צוציהט זיך אין דער ווייסקייט. די טרומייטערס כאַפּען העכֿער, די פֿליי-טען שווימען איבער זיי און די פֿידעלעך הערט מען ערגעץ דאָרט, הויך, איבער די זיבעטע הימלען.

נאָר אָט קעהרט זיך מיר אום דער כּוח פֿון טראַכֿטען, און איך פֿערשטעה מיטאַמאָל, אַז די טרומייטערס שפּילען די ווייסקייט, די פֿליטען—די שטילקייט און די פֿידעלעך—די איי-ביגקייט. ווייסקייט, שטילקייט און אייביקייט. און זי ווייטע קלאַנגען פֿון די פֿידעלעך הויבען אונז אויף אָהן אונזער ווילען. לאַה׳לע הויבט זיך אויף מיט ווייסע פֿעדעם אין די אויגען און קוקט מיך אָן אַ בלאַסע, און גלייך און אויסגעצויגען איז זי און לופֿטיג איז זי און אַ שאַרפֿע ווייסקייט פֿליסט איהר פֿון די שוואַרצע האָהר, און אַ טראָט מאַכֿט זי מיט שטייפֿע קניה, פּונקט ווי עס וואָלט געגאַנגען אַ גלעזערנער מענש.

אַלץ הויבט זיך און טראָגט זיך אַרויף אין די שטרענגע פֿייערליכֿע קלאַנגען און עס דאַכֿט זיך, אַז די ערד איז שוין איין הימעל אַדורכֿגעגאַנגען און טראָגט זיך איצט צו אַ צווייטען הימעל, אין אַן׳אונבעקאַנטער לופֿט, אונטער אַן׳אונבעקאַנטער לבֿנה, אָבער זי, די ערד, איז דיזעלבע, און איך געה מיט לאַה׳לען טראָט ביי טראָט איבער איהר, צו אונזער הייזעל, צו פֿייפֿערס הייזעל, וואָס זעהט אונז אויס פֿון ווייטען, ווי אַ קליין

שיפעלע, וואָס וויגט זיך לייכט אין אַ ווייסען שטילען ים. לאה׳לעס פוס טרעט נישט זיכער, וואַקעלט זיך, פונקט ווי זי וואָלט געגאַנגען איבער אַ גלאַטען גליטשיגען אייז. אָבער דעם קאָפּ טראָגט זי הויך, און דער קאָפּ איז ליכטיג, פונקט ווי אַ גלעזערנער. נאָך הונדערט שווייגענדיגע טריט, נאָך צוויי הונדערט טריט, און אָט איז פייפערס הויפעל און אָט איז פייפערס הייזעל און זיין דאַך שניידט דאָס אויג מיט אַ שאַרפער ווייסקייט. קיטשע שטעהט אויף אַלע פיר פיס מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם קאָפּ און בילט צו דער לבנה, אָבער די הינטישע קולות, וואָס פאַלען איהם אַרויס פון האַלז, ווערען איהם באַלד דערשטיקט אין דער ווייסקייט. און עס דאַכט זיך, אַז ער חדוש׳ט זיך אַליין, דער הונד, וואָס זיין בילען ווערט פערפאַלען אָהן אַנ׳עכאָ. ער בילט און זוכט זיין בילען אין דער לופט און געפינט עס נישט. און לאה׳לען שרעקט עס עטוואָס. איבערגעוואַלד מאַכט זי עטליכע שטאַרקערע טריט און כאַפּט זיך אַריין אין אונזער הייזעל.

אָבער אין אונזערע שטילע און לופטיגע חדרים׳לעך, וואָס זענען עטוואָס אָנגעזאַפּט מיט׳ן ריח פון אַ יונגען מיידעלשען לייב און האָר, שפּילט די אייגענע ווייסקייט, וואָס אין דרויסען. אַ פער׳כשוף׳טער טאָג ליגט בעהאַלטען אונטער די בעטען, אונטער׳ן באַלקען, אונטער׳ן טיש. נאָר אויף דער פּאָדלאָגע ליגט דער בלויער שאָטען פון אַ צוגעמאַכטען פענסטער—זעקס קעסטעלעך, און אַז מען שפּרייזט זיי אַדורך, הויבען זיי זיך אויף, לעגען זיי זיך אויף די פיס און קעסטלען ציטריג מיינע הויזען און לאה׳לעס קליידעל.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַכט? זאָג מיר, ליבער, וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַכט?...״—כאַפּט זיך לאה׳לע פאַר׳ן קאָפּ און פאַלט אַנידער אויף אַ שטוהל. זי פערגראָבט דאָס פנים אין די ווייסע הענד און עס ציטערן איהר די אַקסלען קוים צו מערקען. לאה׳לע וויינט. זי וויינט פונ׳ם שטיקעלע ווייסע אייביגקייט, וואָס זי האָט געזעהן, פון די ענטפלעקטע הימלען, פון דער שווייגענדיגער ערד. און זי וויינט פון איהר אייגען לעבען, פון איהר אָטעם און איהר מזל, וואָס זענען איהר משונה דייטליך געווי-

זען געוואָרען אין דער גלעזערנער ווייסקייט פון דער לבנה-נאַכט. זי וויינט, ווייל זי האָט אונבעוואוסט געזעהן איהר גע-בוירען ווערען און איהר טויט. אין דער נאַכט זענען אַלע הימעל- און ערד-סודות ענטפלעקט געוואָרען, און לאה'לע האָט זיך פערלאָרען אין זיי. און פלוצלונג שפּרינגט זי אויף פון אָרט און פרעגט מיך, ווי אין אַ חלום:

„וואָס האָב איך געזעהן?"

„אַ ווייסע לבנה-נאַכט..."—פּאַלט מיין האַנד אויף איהרע האָהר

„ניין, דאָס איז נישט קיין לבנה-נאַכט",—בלאַנזשען איהרע אויפגעהויבענע הענד.

„דו שרעקסט זיך, לאה'לע?..."—דערנעהנט זיך מיין ליפּ צו איהר אויג.

„איך שרעק מיך עטוואָס..."—זאָגט זי און אַ קאַלטע און אַ ציטריגע פּאַלט זי מיר אַריין אין די אָרעמס.

„שרעק זיך נישט... שרעק זיך נישט, לאה'לע",—וויג איך זי אין די אָרעמס ווי אַ קינד און זי ווערט מיר קלענער און קלענער, פּונקט ווי זי וואָלט זיך מיר, ווי ווייסער שניי, גע-שמאָלצען אין די הענד.

און שטיל שעפּטשע איך איהר:

„שרעק זיך נישט, לאה'לע..."

און דאָס קליינע הייפעלע מיידעל רעדט צו מיר אָהן אויגען און אָהן אַ געזיכט:

„דו וועסט מיך קיינמאָל נישט פערלאָזען? זאָג, קיינמאָל נישט?..."

און איך פערזיכער זי, ווי אין אַ חלום:

„קיינמאָל נישט, מיין לעבען..."

„און דו האָסט מיך זעהר ליב?"

„זעהר ליב, לאה'לע..."

און זי שמעלצט זיך מיר ווייטער אין די הענד און פון מינוט צו מינוט ווערט זי מיר אַלץ קלענער און קלענער און איך שמעלץ זיך אויך און איך ווער אויך קלענער און קלענער,

אָלעשעץ.

און צוויי קליינינקע קיילעכלעך-מענטשעלעך שמעלצען זיך אין איינאַנדער, און איבער זיי און אין זיי פליסט די חייסקייט פון דער לבנה-נאַכט און די סודות פון די ענטפלעקטע הימלען, און די קלאַנגען פון די טרומייטערס, וואָס שפילען די חייסקייט און די קלאַנגען פון די פלייטען, וואָס שפילען די שטילקייט און די קלאַנגען פון די פידעלעך, וואָס שפילען די אייביגקייט
דאָס איז אַן'אייביגע ווייסע לבנה-נאַכט.

ח.

אַדיע, אָלעשעץ!

אויף די געלע טריבע פעלדער זיצט אַ געלער פערטראַכ־טער הימעל. דרויסען איז אפילו וואַרים, אָבער אונטער די פינף בייזע שטאַרקע רעגענס, וואָס זענען לעצטענס אַרויסגעפאַלען, האָט דער זומער שטיל און פערבאָרגען פערפאַקט זיינע פאַרבען און עשירות און איז גנב'יש אַנטרונען געוואָרען, איבערלאָזענ־דיג אַ פאָר פאַלשע זומער-ווינדטעלעך, וואָס האָבען אַרומגעבלאָנ־זשעט איבער דעם אָלעשעצער שטח און גענאַרט דאָס האַרץ מיט זומער-חלומות און זומער-רייץ.

אָבער מיר פאָהרען אַוועק. אונזערע טשעמאָדאַנטשיקלעך זענען שוין פערפאַקט, און אונטער'ן פענסטער וואַרט אויף אונז אַ בעקוועם פויעריש פוהרעל. אונזערע צוויי צימערלעך האָבען

פערלאָרען וייער זיסע געמיטליכקייט און מיידעלשע אָרדנונג. די בעטלעך זענען צעוואָרפען, דער טיש און די בענקלעך זענען משונה פונאַנדערגערוקט, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך פריהער געשלאָגען און איצט זענען זיי אָפּגעשפּרונגען פון איינאַנדער אין גרויס האַס און גרימצאָרן, אויף דער ווייסער פּאָדלאָגע וואַלגערן זיך שטרויעלעך, יענע שטרויעלעך, וואָס ווייזען זיך שטענדיג ערב אַ נסיעה; די טירען זענען פונאַנדערגעעפענט, די פענסטער וויגען זיך אַרום אויף די אייזענדלעך מיט אַ טריב געוב'דעל, און לאה'לע שטעהט ביים וואַנד-שפּיגעלע און דריקט צו מיט אַ לאַנגען פינגער די האָהר ביי די אויערן. אָט טוט זי אָן דאָס קליינע היטעלע אויפ'ן קאָפּ, און מיט דעמדאָזיגען מאָמענט טוט זי אויך אָן אויף זיך די שטאָדטישע לאַסט, די שטאָדטישע זאָרגען. זי איז איצט אַזוי עהנליך צו יענער לאה'לען, וואָס איז אין מאַי געקומען אַהער און וואָס האָט זיך אַזוי פערענדערט אין דאָרף. אין די לאַקירטע שיכעלעך, מיט'ן קורצען קליידעל און דעם קליינעם היטעלע אויף די שוואַרצע זיידענע האָהר איז זי שענער, אָבער עלטער, ערנסטער און סאָלידער. אין דערדאָזיגער קליידונג פּאַסט זי זיך נישט פאַר אונזערע צימערלעך, און עס דאַכט זיך, אַז די ווענד קוקען זי אָן ווי אַ פרעמדע. אָבער די ליבע ווענד פון אונזערע צימערלעך, וואָס זיינען בעהאָנגען מיט סאָסנע-צווייגעלעך, האָבען בכלל היינט עפּיס אַנ'אויסטערלישען אויסדרוק: אַ טרויער קוקט אַרויס פון זיי.

לאה'לע דרעהט זיך אויס פון שפּיגעלע, גרייט צום פּאָהרען, און איך כאַפּ די טשעמאָדאַנטשיקלעך. שטום און שנעל וואַרפען מיר אַ לעצטען קוק אויף די פענסטערלעך מיט'ן געלען הימעל, אויף די טרויעריגע ווענד מיט די סאָסנע-צווייגלעך, אויף די צעוואָרפענע בעטלעך און צערוקטע שטוהלען און לאָזען זיך אַרויס אין דרויסען צו אונזער פוהרעל. דער פחדן קיטשע, וואָס האָט דערזעהן אַ בהלה מיט אַנ'אַוועקפאָהרען פון מענשען, האָט זיך צוגעטוליעט צו דער טהיר פון שייער און קוקט מיט איין אויג, צי עמיץ פון דער בהלה וועט איהם געהן שלעכטס

שטאָן. דאָס קאָטערעל, וואָס שפּירט שוין אין די אַלטע לאַפּקעס, אַז דער זומער געהט אַוועק, באַווייזט זיך אויפ'ן הויף מיט די ערנסטע געלע שפּאַקולען אויפ'ן שטערען און מיט אַ נעבעכדי־גער און פּער'יתום'טער מינע, פּונקט ווי עמיץ וואָלט איהם טיף בעליידיגט. דער אַלטער פּייפער, הגם איך האָב איהם אַ גאַנץ זומער געשטאָפּט מיט פּאַפּיראָסען און שנאַפּס, האָט זיך אַרויס־גערוקט אין פעלד. בשעת מענשען פאָהרען אַוועק, בעדאַרף מען זיך געזעגענען מיט זיי, דאָס הייסט מען בעדאַרף זיי זאָגען אַ גוט וואָרט, און צו דעם איז ער נישט געוועהנט. בלויז צוויי ווייכע מענשען געזעגענען זיך מיט אונז, און ביידע קאָנען זיך אַ ליאַדע מינוט צעוויינען. דאָס איז פרידריך מיט אַמאַליען. בשעת מיר זעצען זיך אַריין אין וואָגען און דאָס פויערשע פערדעל פיהרט אונז אַרויס פון הויפעל און פערנעהמט זיך האָ־פּערדיג אויפ'ן גוט בעקאַנטען שליאַך, קוקען אונז נאָך פון ווייטען זייערע ברייטע ווייסע פּנים'ער, ווי זעקלעך מעהל, יעדעס מיט צוויי שוואַרצע פינטעלעך אָנשטאָט אויגען, און איך הער ווי זיי מורמלען צווישען איינאַנדער:

„אַ שאָד... אַ שאָד... גוטע פרעהליכע מענשען געווען...״

דאָס פערדעל ציהט פּעסט דעם וואָגען, אָבער מיר געפי־נען זיך נאָך אין דער סביבה פון אָלעשעץ, וואו יעדעס ווינ־קעלע, יעדעס בלימעלע, יעדעס לאָנקעלע האָט אונז צוגענומען אַ שטיקעלע נשמה. דער סאָסנע־וואַלד מיט'ן בעראָזע־וואַלד וואַר־פען אונז צו די איבערגעלעבטע בילדער, ווי אַ וואַרימען זיי־געזונד אויפ'ן וועג. אויף יעדען שריט און טריט זעהען מיר זיך אין זיי אין פערשידענע פּאָזעס און בעוועגונגען, און אין די אויערן קלינגען אונז די אייגענע פרייע וואַלד־געלעכטערס. אָבער לאה'לע זיצט מיט אַ היטעלע אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ שירעמעל אין האַנד, און אַ דין שמייכעלע ציהט איהרע ליפּלעך, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו פרעגען:

„וואָס וועט ווייטער זיין?...״

„אָבער עס איז געווען גוט, לאה'לע?״—נעהם איך זי אַרום און פיהל, ווי דאָס לייב איז איהר שטייפער געוואָרען אונטער

די העקלעך, קנעפּלעך און בענדלעך פון איהרע שטאָדטישע קליידער.

„עס איז געווען זעהר גוט, מיין ליבער... אפשר צו-גוט...״—קעהרט זי אום צו מיר איהרע שוואַרצע אויגען, וואָס גיסען זיך אָן מיט אומעט.

און איך וויל פערטרייבען דעם אומעט, זאָג איך:

„לאה׳לע, זעהסטו, אָט זענען די קוסטעס, וואו מיר פלע-גען רייסען מאַלינעס... דו האָסט דאָך אַזוי ליב מאַלינעס. און אָט איז מאַרטאָס גערטענדעל, וואו מיר פלעגען רייסען רויזען און פריהצייטיגע געאָרגיניעס. און אָט איז דאָס סעדעל, וואוהין מיר פלעגען געהן נאָך די האַרטע באַרנעס... און דאָרט, וויי-טער, וואו מיר פלעגען עפטער קוקען אויפ׳ן זונאונטערגאַנג, ווינקען צו אונז די ווינדמיהלען, פונקט ווי מיט לאַנגע שוואַרצע הענד...״

לאה׳עס אויגען גרעסערן זיך, און די ערינערונג פון דעם אַלעם טרייבט אַריין אַ פּייערל אין דעם אומעט פון איהר אויג, און זי רופט זיך אָן:

„מיין ליבער, אַ מענש איז אַ פערשאָלטען בעשעפעניש... אונז איז דאָ געווען אַזוי גוט, פאָהרען מיר אַוועק. איך זעה די מאַלינעס, מאַרטאָס גערטענדעל און יענס לאָנקעלע, וואו מיר פלעגען זיך שטענדיג שפּילען אין יאָגעניש. אָבער פאַרוואָס פאָהרען מיר אַוועק? פאַרוואָס האָבען מיר זיך נישט בעזעצט אין די גרויי ווייסע צימערלעך? אין די לאַנגע ווינטערנעכט וואָלטען מיר דערצעהלט איינאַנדער מעשה׳לעך אָדער געשוויגען.. זומער האָבען מיר אַ סך געלאַכט און ווינטער וואָלטען מיר שען גע-שוויגען... דו פערשטעהסט? מיר וואָלטען געלעבט, ווי צוויי קליינע שטילע פויגעלעך אין אַ שטילען נעסט. און אַז מיר וואָלטען איבערגעוואָרט דעם ווינטער, וואָלטען מיר פון דאָסניי געלאַכט, פון דאָסניי געשטיפט, פון דאָסניי אַרומגעלאָפען אי-בער די לאָנקעס און וועלדער...״

דאָס פּייערל גרעסערט זיך צוזאַמען מיט איהר אויג, און אין האַנד שפּילט איהר דאָס שירעמעל פון אויפרעגונג, ווי אַ

צייכען, אַז זי גלויבט שטאַרק דערין, וואָס זי רעדט. אָבער איך רוף מיך אָן:

„לאה'לע, וואָלסטו באמת געוואָלט בלייבען אין דאָרף? וואָלט דיר נישט געווען לאַנגווייליג? וואָלסטו נישט געבענקט נאָך דער שטאָדט, נאָך די ברייטע היט און זיידענע זאָקען?..."

און ביי די דאָזיגע ווערטער נעהם איך איך איהר אַרויס דאָס שירעמעל פון דער האַנד און קוק זי אָן מיט יענער אויפריכטיגער אָפענהערציגקייט, וואָס איז שטאַרקער פון אַ וואָרט. צוקט איהר ווידער אַ דין שמייכעלע די ליפּען און דאָס פייערל לעשט זיך אין אויג און זי פערשעמט זיך עטוואָס און שווייגט אַ ווייל און טראַכט מיט אַן אָנגעגנויגטען שטערען, ווי זי וואָלט געזוכט אַ מיטעל-וועג צווישען אויפריכטיגקייט און נישט-אויפריכטיגקייט, און זי ענטפערט דאָך אויפריכטיג:

„ניין, איך וואָלט נישט געקאָנט לעבען אין דאָרף..."

„איז דאָך גוט, וואָס מיר פאָהרען אַוועק..."—נעהם איך אַראָב פון איהר די אויגען, אָבער איך זעה זי פון דער זייט.

„גוט און נישט גוט..."—זאָגט זי און פערדריקט די ווערטער צווישען די צייהן.

איך פערשטעה לאה'לען און איך וויל מעהר נישט פיהרען דעמדאָזיגען שמועס, וואָס מאַכט זי נאָכמעהר אונבעהאָלפען. אין אָלעשעק, בשעת זי האָט אָנגעטאָן דאָס שטאָדטישע קליידעל מיט די שיכעלעך, האָב איך געזוכט אין איהר די שטאָדט, וואָס האָט מיך געשראָקען, איצט זוך איך אין איהר דאָס ליבע אָלעשעק, דאָס פעלד און די זון און דעם וואַלד, און איך וויל זיי נישט אַראָפּווישען פון איהר דורך שווערע קלוגע ווערטער. דאָס פערדעל לויפט פאָראויס, די רעדער ציהען הינטער זיך גלאַנציגע פאַסען אינ'ם ווייכען גרויען שטויב, די געשניטענע פעלדער לויפען פון ביידע זייטען צום וועג, פונקט ווי זיי וואָלטען געוואָלט אַדורכקוקען די פאָהרער, אונטער'ן הימעל קנוילט זיך אַ געלע וואַרימע לופט, און מיט יעדען נייעם וויאָרסט, וואָס מיר פאָהרען אַדורך, פאַלען מיר אַריין אין אַ נייער סביבה פון געדיכטע פעלד-ריחות: די ריחות פון צופוילטע קרייטעכער, צו-

פֿוילטע וואָרצלען און נאַסער בוימער-קאָרע, וואָס אָטעמט שוין מיט דער התחלה פֿון הערבסט. אַלטאונצוואַנציג וויאָרסט האָבען מיר צו פֿאָהרען מיט דער פֿוהר, נאָכדעם קומען מיר אין אַ פֿרעמדער שטאָדט און מיר נעכטיגען איבער, און פֿון דעדזאָזיגער שטאָדט פֿאָהרען מיר אַ טאָג מיט דער באַהן, ביז מיר קומען אַהיים. דאָס איז אייגענטליך אַ היבשע נסיעה, אָבער איך אייל מיך נישט און לאה׳לע איילט זיך אויך נישט. אינדערהיים וואַרט אויף אונז דאָס אַלטע לעבען, פֿון וועלכען מיר זענען פֿריהער אַנטלאָפֿען. עס וואָלט זיכער גלייכער געווען, ווען מיר פֿאָהרען איצט נישט אַהיים, נאָר ערגעץ ווייט אין דער פֿרעמד, צווישען פֿרעמדע מענשען, אונטער אַ פֿרעמדען הימעל, אָבער אונזער וועג איז אַן׳אונפֿערמיידליכער, ווי דער הערבסט, וואָס טריפֿט פֿונ׳ם געלען הימעל, און מיר טוליען זיך צו איינאַנדער, אויפֿ׳ן שפּרינגענדיגען וועגעל, מיט אַ שטילען זיסען וועה אין דער נשמה. אפֿילו דאָ, אויפֿ׳ן וואָגען, וואו עס זיצט געגען אונז, ווי אַ טונקעלע אונבעוועגליכע מצבה, דער ברייטער רוקען פֿונ׳ם פֿויער-אָנטרייבער, היטען מיר נאָך אַלץ אָב דאָס אָלעשעצער גליק, וואָס וויל אונז, קענטיג, אָנהויבען וועלקען, ווי אַ צאַרט בלימעל. וואָס אַמאָל ווייטער, ווערט לאה׳לעס אויג צאַרטער און די האַנד ווייכער און האַרציגער און די ליפּען זיסער, און עפּטער פֿרעגט זי מיך מיט אַ קול פֿון אַ מענשען, וואָס זיין ליבע איז לויטער און ריין, ווי אַ מאַי-וואָלקענדעל:

„זאָג, מיין ליבער, האָסטו נישט חרטה אויף אָלעשען? האָב איך דיר ווייניג גליק געגעבען?...“

און איך ענטפֿער איהר נישט דערויף, ווייל דאָס שווייגען איז שטאַרקער פֿון ווערטער.

נאָר לאה׳לע ווערט אָבגעשוואַכט פֿון דער אייגענער צאַרטקייט און האַרציגקייט און פֿון די געדיכטע פֿעלד-ריחות, און זי לעגט מיר אויפֿ׳ן אַקסעל איהר קאָפּ מיט׳ן קליינעם היטעלע און מאַכט-צו די אויגען. די לופֿט ווערט געלער און טונקעלער, די פֿעלדער בעדעקען זיך מיט נעבלען, דער הימעל נידערט אַ נאַסער און אַ גרויער. עס פֿאַלט צו דער אָוועגד. לאה׳לע דריי-

מעלט, און איך טראַכט פונ׳ם הייזעלע, וואָס מיר האָבען איבערגעלאָזט אין אָלעשעץ. אין זכרון זעהט עס מיר אויס, ווי אַ לעבעדיג פערבענקט ווענזען, וואָס שפּרייט אויס פון וויטען צו מיר די הענד. עס בעט זיך צו מיר. אָבער איך דערווייטער מיך פון דעמדאָזיגען הייזעלע, וואו עס האָט זיך געגעסטיגט מיין גליק. דאָס פערד ציהט דעם וואָגען אָהן רחמנות, און דער פויער איז איהם נאָך עפּטער מכבד מיט אַ שמיץ. אַ פעלד בייט זיך נאָך אַ פעלד, אַ שעה לויפט נאָך אַ שעה, און אָט וויקעלט אונז אַרום אַ וואַרימע פינסטערניש. דער פויער מיט׳ן פערדעל זענען שוין נישט מעהר קיין שוואַרצע פלעקען אין אַ געלער לופט, נאָר זיי גיסען זיך צוזאַמען מיט דער אַרומיגער שוואַרצקייט. לאה׳לע עפענט אַ ווײילע די אויגען, שעפּטשעט אַרויס עפּיס אַן׳אונפערשטענדליך וואָרט און טוליעט זיך צו מיר צו, ווי אַ געפאַנגען טייבעלע.

„לאה׳לע,—זאָג איך,—שלאָף, שלאָף...“

און איך בעהאַלט איהר בשמים׳דיגען קאָפּ אונטער מיין אָרעם. איצט זענען מיר אַנטרונען אַלע מחשבות פון קאָפּ, אויף דער נשמה איז מיר אַזוי שטיל, ווי אין אַ זיסען דרעמעל, אָבער איך האַלט אָפען די אויגען. ווייט אין דער שוואַרצקייט וואַקסט-אויס אַ קופּע פייערלעך. די שוואַרצקייט פערגיסט זיי אַלעמאָל און זיי ווערען אַנטרונען, אָבער יעדעס מאָל ווייזען זיי זיך פון דאָסניי בעהנטער און גרעסער. די שטאָדט שווימט צו אונז פון דערווייטענס.

נאָך אַ שעה קוילערט זיך אַריבער מיט אונז אויפ׳ן וואָגען, און מיר פאַלען אַריין אין שטאָדט מיד און שטיל. לאה׳לע זשמורעט מיט די אויגען פון די עלעקטרישע גאַסען-לאָמפּען, און דער פוס דינט אונז נישט גוט אויף די שטיינערנע טראָטואַרען. אונבעקאַנטע פּנים׳ער פון אַ פרעמדען ישוב טאַפּען אונז אַרום מיט נייגיריגע אויגען, אָבער קיינער פון זיי ווייסט נישט, פון וואַנען מיר זענען געקומען און וואָס פאַר אַ געפיהלען מיר האָבען געבראַכט אַהער. און דאָס פערשאַפט אונז גרויס תענוג און הנאה.

דוד קאַסעל.

לאה׳לע האַלט מיך אונטער׳ן אָרעם, שטעלט מידע גלייכ-גילטיגע טריט און שעפטשעט:

„שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען...״

פאַר לאה׳לען איז עס געווען נישט בלויז אַ נסיעה פון דאָרף אין שטאָדט, נאָר אויך אַ גייסטיגער איבערברוך, אַ שווע-רע איבערלעבעניש, וואָס האָט זי שטאַרק איינגעמידט. זי האָט באַלד איינגעשלאָפען אין אַ פרעמדער בעט, אין אַ גרויסען גרויען האָטעל-צימער, און אויף מאָרגען, בשעת מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָט אונז אַ זעץ געטאָן אין די אויגען אַ הייסע זון מיט אַ בלויען הימעל, וואָס האָט זיך מער געפאַסט פאַר׳ן דאָרף, ווי פאַר דער שטאָדט. דאָס הייסע ליכט האָט באַלד אָראָבגעווישט אַלע סמנים פון הערבסט.

צו דער באַהן האָבען מיר נאָך געהאַט געווג צייט, און מיר גע-האַן אינ׳ם שטאָדטישען פאַרק. לאה׳לע, איינגעוואַשען, אָבגע-טרישט און אויסגעפוצט מיט פאה׳לעך ביי די שלייפען, און מיט אַ דין ווייס בלוזקעלע איבער אַ שוואַרץ קורץ קליידעל, שפרייזט לייכט און קאָקעטיש איבער די אַלטע געלע אַלייען, צווישען רייך אויסגעפוצטע און אָבגעגעסענע דאַמען מיט קורצע העלזער און פראַנטישע יונגעלייט, לעדיגגעהער, וואָס שטעכען זי אָן מיט טונקעלע מאַנסבילשע אויגען. אָבער לאה׳לע קוקט מעהר אויף די קליידער פון די דאַמען, אויף זייערע היט, זאָקען און שיכעלעך, און אַ טרויעריגע מחשבה שאָטענט איהרע אויגען. איך פיהל בחוש, ווי זי טוט אָן אין דמיון די קליידער פון די דיזאָזיגע דאַמען און איז בעת מעשה משער, אַז זיי פאַסען זיך בעסער צו איהר, ווי צו זיי. פון דעם פאַרק הויבט זיך אָן פאַר לאה׳לען די שטאָדט מיט איהרע זאָרגען, און דאָס פרייע פרעה-ליכע קינד פון אַלעשען פערוואַנדעלט זיך אין אַנ׳אומצופרידע-נעם מיידעל מיט פערפרעסטע ליפען. איך ווייס אויך, אַז נאָך די דאַמען מיט די קליידער וועט איהר מחשבה נעהמען זוכען יענעם רייכען יונגענמאַן, וואָס זי האָט זיך אין דמיון צוגע-פאַסט פאַר אַ חתן. אפשר געפינט ער זיך אין דערדאָזיגער שטאָדט, אין דעמדאָזיגען פאַרק, אין דערדאָזיגער שעה?...

„לאה׳לע,—פרעג איך זי,—וואָס טראַכסטו איצט?"

„די זאָרגען הויבען זיך אָן...—איז זי זיך מודה און שמייכעלט, און איך געפין נאָך אין איהר שמייכעל אַ ביסעל אָלעשעצער זון און ליכט.

„וואַרף זיי אַוועק, די זאָרגען",—נעהם איך זי אָן פעסטער ביי דער האַנד.

„איך בין צו-שוואַך דערויף,"—פערענטפערט זי זיך.

„דערצו דאַרף מען נישט האָבען קיין גרויסע כוחות, לאה׳לע,"—רוף איך מיך אָן נישט אינגאַנצען אויפריכטיג און פיהר זי אַרויס פון פאַרק.—„ס׳איז נאַרישקייטען..."

„נאַרישקייטען, זאָגסטו?"—און לאה׳לע קוקט מיך אָן מיט עפּיס אַ צאַרטען אומעט אין פנים.—„ניין, מיין ליבער. צו וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען. איך ווייס, אַז איך בין אַ שען מיידעל, און דאָס איז מיין אומגליק. ס׳איז מיר אַ שאָד מיין הויט, מיין וואוקס, מיינע האָר... איך בעדאַרף לעבען אַ רייך לעבען... שענע קליידער בעדאַרף איך האָבען... אויף מיר ליגט אַ לאַסט פון שענקייט... דו פערשטעהסט?"

מיר פערקירעווען אין אַ שטילער גאַס, וואָס איז פערשטעלט מיט בוימער, און צווישען הויכע, מיט שטיינער געפלאַסטערטע ברעגען, פליסט דאָ דער טייך פּראָסנע. אַ ווייסע געפלאַכטענע באַנק שטעהט ביים ברעג, און שווייגענדיג זעצען מיר זיך אַנידער. לאה׳לע פערקוקט זיך אין וואַסער, וואָס לויפט און קלינגט מיט טויזענדער מאַטע גלעקעלעך, און דער הימעל לויפט אויך מיט איהם, אין איהם. די אַלטע בוימער, וואָס שטעהען אונבעוועגליך הינטער אונזער פּלייצע מיט אויסגעשפּרייטע גרינע הענד איבער אונזערע קעפּ, פערשטאַרקען דעם רושם פון לויפענדיגען וואַסער. איך קוק אויף לאה׳לען: זי איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזען אַזוי שען, ווי איצט, אין דערדאָזיגער מינוט: דאָס שוואַרצע פּאה׳לע ראַנגעלט זיך מיט דער ווייסקייט פון דער באַק, די צאַרטע ליניע פון דער נאָז מאַכט זי וואונדערליך ווייבליך און ווי אַ שטיק קיהלער געטאָקטער מאַרמאָר וואַקסט איהר אויס דער הויכער האַלז פונ׳ם ווייסען בלוזקעלע,

וואָס איז בעזוימט מיט שפּיצען. אָבער דאָס אויג איז איהר אָנגעוואָלקענט מיט אומעט.

„לאה׳לע,—זאָג איך און איך פיהל מיך בעת־מעשה שטאַרק געריהרט פון איהר פּאה׳לע, פון איהר אויג, פון איהר ווייסען האַלז,—לאה׳לע, דו ביזט היינט אַזוי שען... איך ווייס אָבער נישט, צי דו וועסט זיין אַזוי שען אין רייכקייט... וואָס טויג דיין אויג אָהן דעם טויש פון שמחה און אומעט? און, ווידער, אַז דו וועסט זיין שען און רייך אָנגעטאָן, וועט מיין דמיון קיין אַרבעט נישט האָבען... אַזוי פּוצט ער דיך כסדר. עס איז אַזוי אָנגענעהם דיך צו פּוצען אין דמיון, לאה׳לע...״

און לאה׳לע הערט אין שווייגט, אָבער מיר ווילט זיך ריידען, און איך רוף מיך אָן ווידעראַמאָל:

„לאה׳לע, דו זעהסט דאָס וואַסערל? ביי דעמדאָזיגען וואַסערל זאָג איך דיר: דו ביזט נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שען, ווי היינט. און מען בעדאַרף נישט קיין רייכקייט... געהט עס צו אַלדע שוואַרץ יאָהר...״

לאה׳לע קעהרט לאַנגזאַם אָב דאָס פּנים צו מיר, גיסט אַריין איהרע אויגען אין מיינע, איהר נשמה אין מיינער און רעדט צו מיר דורכ׳ן אָטעם עפּיס טיף־האַרציגס. נאָכדעם הויבט זי זיך אויף, נעהמט מיך אָן ביי דער האַנד—איך זאָל מיך אויך אויפשטעלען, דריקט מיך הייס צו צו איהר ווייס בלוזקעלע און זאָגט אַרויס מיט אַזאַ טאָן, וואָס זיין צאַרטקייט פערדעקט איינגאַנצען די ווערטער:

„קום, מיין ליבער, מיר בעדאַרפען שוין געהן צו דער באַהן...״

און זי צעלאַכט זיך פּלוצלונג שטיל און גליקליך, אַריינלעגענדיג איהר האַנד אין מיינער.

אָהן אַנ'אויסוועג

אָהן אַנ'אויסוועג.

I.

זאַלקינד איז שטיל אַריינגעגאַנגען, האָט זיך האַלב אַ נויג געטוהן און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל. אין צימער איז געווען אָנגערויכערט. דאָס פייער פון לאָמפּ האָט געשטעקט אין אַ פאַרביגען רינגעלע, ווי אין אַ רעגענבויגען, און לענע'ס קול האָט העל געקלונגען, ווי אַ וואַסערל אונטער אַ טונקעלן מאָך. דאָס איז געווען דיזעלבע לענע מיט די שוואַרצע האָר, בעשפּריצט מיט אַ בלויקייט, מיט שלאַנקע פיס און ברייטע אַקסלען פון אַ הויכוואוקסיגער מיידעל און מיט שוואַרצע אויגען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ קאַלט פייערל, וואָס האָט דעם צווייטען געמאַכט אָבהענגיג און אונטערטעניג. עס וואָלט געווען אַ שכל, ווען מען וואָלט געקאָנט אָט די צוויי אויגען פערלעשען, אָדער פערקעהרט, אַריינטאָן פייער אין זיי, אָדער נאָך בעסער—אָבנאַרען זיי, פערפיהרען זיי ביז צער און יסורים, אַז זיי זאָלען אָנווערען זייער מאַכט, זאָלען נישט קאָנען שטעהן מעהר אין וועג און נישט פייניגען מיט אַזאַ לאַנגער, אויסגעהאַלטענער און אינקוויזיטאָרישער פייניגקייט, פון וועלכער מען ווערט איינגאַנצען בטל. אַז מען קוקט אויף איהרע אויגען, דאַכט זיך אַלעמאָל, אונטער דעם געפיהל

פון אָבהענגדטיגקייט, אַז איהר איז אונגעהויער לייכט אויף דער נשמה, אַז ערגעץ וואַרט אויף איהר אַ גליקליכע צוקונפט, מיט וועלכער מען קאָן בשום אופן נישט פערבינדען די אייגענע צו-קונפט. זי איז אינגאַנצען אַלט צוויי־אונצוואַנציג יאָהר, אָבער זי איז שוין אַרויף אויפ׳ן וועג פון קאַלטען שטאָלץ און גדלות, וואָס שענע פרויען דרינגען זיך דורך דערמיט ערשט שפּעטער, ווען זייער אויג פערלירט אינגאַנצען דאָס אונשולדיגע פייערל פון די קינדעריאָהרען. דער גאַנצער קרייז בעקאַנטע איז איהר גע-האָרזאַם, און אפילו מיידלעך חנפה׳נען איהר, דרעהען זיך אַרום איהר אונבעהאָלפען און נישט נאַטירליך, און קוקען אויף איהר מיט בעהאַלטענעם שרעק.

זאַלקינד האָט זיך נישט געשעמט פאַר דער מפלה, וואָס ער האָט געהאַט, בעת ער האָט מיט אַ וואָך צוריק אַרויסגע-זאָגט לענע׳ן, אויג אויף אויג, אַז ער האָט זי ליב, און בעת מעשה האָט ער, שטעהענדיג, פעסטער צוגעדריקט די פיס צו דער ערד, זיי זאָלען נישט ציטערן. אַזאַ מפלה האָבען אויך געהאַט די אַלע יונגעלייט, וואָס זיצען דאָ איצט אין צימער און וואָס האָבען זיך, משמעות, אויך נישט געשעמט. נאָר איהם איז גע-ווען אונגעוועהנליך פיינליך דאָס, וואָס ער קאָן זיך בשום אופן נישט בעפרייען פון איהר, וואָס עמיצער טרייבט איהם נאָכאַנאַנד צו געהן אַהין, וואו זי געפינט זיך, וואָס איהם איז דורכאויס געבונדען די צונג אין איהר געזעלשאַפט און וואָס ער פיהלט זיך עפּעס נאַריש און אומבעהאָלפען נעבען איהר. איינמאָל האָט ער זיך געוואָלט בערוהיגען אויפ׳ן געדאַנק, אַז לענע איז נישט קיין סימפּאַטיש מיידעל, אַז זי האָט אין זיך שטריכען פון אַ בילינער קאָקעטקע און אַז אין גרונד דאַרף די בעקאַנטשאַפט מיט איהר איבערגעריסען ווערען אָהן שום צער און וועה. ער האָט קיין איין ראיה נישט געהאַט דערצו, אָבער דאָס איז גע-ווען אַ געדאַנק, וואָס האָט איהם טיף פעראינטערעסירט. ער האָט זיך לאַנג געגראָבען אין איהר, מיט גרויס אָנשטרענגונג און יסורים, פונקט ווי ער וואָלט געאַרבעט איבער אַ שווערער ענט-דעקונג, אָבער דידאָזיגע אַרבייט האָט קיין שום רעזולטאַט נישט

געגעבען, און ער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז לענע שטעהט מיט אַ קאָפּ העכער פון איהרע חבר׳שעס. אמת, לענע איז אַ קאָקעטקע, אָבער זי איז קלוג, דרייסט און ענטוויקעלט, און דער קרייז בעקאַנטע זעהט אויס קעגען איהר קליין, גרוי און מאָגער.

אָנשטאָט צו בערוהיגען זיך, איז ער, פערקעהרט, אַריינגעפאַלען אין אַ גרעסערער אונרוהיגקייט און האָט אינגאַנצען פערלאָרען דאָס גלייכגעוויכט. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּנים פון אַנ׳אבל, די אויגען האָבען געברענט מיט אַ טרוקענעם פייער, ווי ביי אַ מענשען, וואָס שלאָפט נישט, דער אַפּעטיט צו עסען און צו אַרבייט איז פערפאַלען געוואָרען, ווי עס ווערט עפּטער בעשריבען אין אַ מאַרק-ראָמאַן, און דאָס האַרץ האָט זיך געפונען אין שטענדיגע סתירות. דאָ האָט זיך געוואָלט אָנהויבען טרינקען בראָנפען, ווערען אַ שלעפער, אַ גאָרנישט, און דאָ האָט זיך געוואָלט, פערקעהרט, מאַכען אַ שענעם אָנצוג, זיך אויספוצען און שליסען פרישע געהויבענע בעקאַנטשאַפטען, אָנהויבען אַ נייע פרעהליך לעבען מיט גוטע ברידער, קאָרטען און לייכטזיניגע מיידלעך, ווי עס לעבען אַלע יונגע פערמעגליכע בחורים אין זיין שטאָדט. אָבער דערדאָזיגער פערלאַנג איז אויך געווען אַזוי שוואַך, ווי דער אויסדרוק פון זיין אבל׳דיג פּנים, און ער האָט געהאַט אַזאַ געפיהל, ווי ער וואָלט זיך געפינען אין אַ פער׳כּישוף׳טען קרייז, פון וועלכען ער וועט שוין קיינמאָל נישט אַרויס.

דער טונקעלער רויך און דער טומעל אין צימער האָבען, מעהר, ווי ליכט און שטילקייט ענטפלעקט און אַרויסגערוקט דאָס שלאַנק-פיסיגע מיידעל מיט די שוואַרץ-בלויע האָר, און אַלע, סיי די יונגעלייט און סיי די מיידלעך, האָבען געוואוסט, אַז מען קאָן ריידען ווענען וואָס מען וויל, מען קאָן זיך פרעהליך מאַכען, מען קאָן הוליען, זינגען, שיקען נאָך גוטע זאַכען, אפילו נאָך גוטען ווײַן; מען קאָן זיך פערליבען איינע אין די אַנדערע, מען קאָן האָבען גוטע מינוטען, מען קאָן ברענען פון גליק און ליבע — נאָר דאָך איז לענע די שענסטע פון אַט די

אַלע, וואָס זיצען דאָ אין צימער, און אפשר די שענסטע אין דער גאַנצער שטאָדט. און דאָ איז נישט נאָר די שענקייט—אויף דער וועלט מוזען נאָך זיין שענערע פון איהר, נאָר דער טויג, פון וועלכען לענע איז געקנאָטען, איז גאָר אַנ'אַנדערער. זי איז אין קיינעם נישט עהנליך. זי איז אינגאַנצען געקנאָטען פון מאַכט און שטאָלץ און שענע קאַלטע שמייכעלעך. די קאַלטע אויגען קוקען תמיד פון אַזאַ הויך און ווייטקייט, פונקט ווי זי וואָלט שטעהן ערגעץ אויף אַ הויכען באַרג. און נישט אומזיסט האָט דער בייזער און אויפגערעגטער ווילענקין אויף איהר געזאָגט:

—ווער ווייס, אפשר איז דאָס אַ קאַלטער מאַנסביל מיט אַ שענער פרויענהויט...

ווילענקין האָט געהאַט אַ ווייב, און אַז ער האָט זיך בע- קאַנט מיט לענע'ן, איז ביי איהם געוואָרען אַ שלעכט לעבען מיט דעם ווייב. ער האָט כמעט אויפגעהערט צו קומען ביי טאָג אַהיים. איהם איז אַ סך בעקוועמער געווען אַריינצו'גנב'ענען זיך אין שטוב ביי דער נאַכט, בעת אַלע שלאָפען, אינדערפינסטער, און, פער'כישופ'ט פון דעם מיידעל, האָט ער שטיל געוואָרפען זיינע בגדים אויפ'ן שטוהל און האָט זיך געלעגט אין בעט אַריין, ווי אַ מענש אין אַ פיבער און בעת-מעשה פיינליך געטראַכט:

—למאי האָב איך זי בעגעגענט? ווער האָט זי בעקענט מיט מיר, צו אַלדע שוואַרץ יאָהר?

נאָר ווילענקין האָט פערמאָגט פון נאַטור אַ ביסעל חוזק, און אַז עס פלעגט איהם ווערען איינג, פלעגט ער געפינען אַ טרייסט אין הוזק און געלעכטער. איינמאָל, בעת אַלע בעקאַנטע זיינען געזעסען דערביי, האָט ער זיך געווענדט צו לענע'ן:

—לענע, לאָזט מיר אָנוואַרעמען אייערע אויגען... גאָט, וואָס האָט זיך זעהר געמוזט צאַצקען מיט אייך ביים בעשאַפען, האָט פערגעסען אָן פייער... גיט מיר איבער די אַרבייט...

און לענע האָט איהם בעשפריצט מיט אַ קאַלט שמייכעלע און געזאָגט:

—ווילענקין, אַ שוואַך מענשעלע זענט איהר, אַ שוואַך באַ-

ווייבס מענשעלע און איהר ווילט, איך זאָל אייך איבערגעבען גאָטס אַרבייט... שעמען מעגט איהר זיך...

דידאָזיגע ווערטער האָבען איהם געשלאָגען איבער'ן גע-הער, ווי מיט קאַלטען שטאָל, דאָך אָבער האָבען די מיידלעך געלאַכט. זיי האָט שטאַרק געפרעהט, ווען עמיצער האָט לענע'ן אַ שטאָך געטאָן. אָבער די בחורים האָט אויך הנאה געטאָן, און עס איז געקומען אַ צייט, ווען עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מין ספּאָרט צו שטעכען לענע'ן. יעדער האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען דערין. און עס איז געוואָרען איין טעמא—שטע-כען, בעשיטען זי מיט בייסענדיגע גאַליגע ווערטער. אָבער לע-נע האָט דערויף נישט געענטפערט, האָט עס אַזוי ווי פאַרבייגע-לאָזט פאַר'ן אויער אָדער זי האָט געשמייכעלט, ווי אַ זייטיגע, אָדער אַמאָל יאָ געענטפערט, אָבער אַזוי געלונגען און שאַרפזי-ניג, אַז יענער האָט זיך פערהאַלטען און צוגעמאַכט דאָס מויל, און ביסלעכווייז זענען אַלע אַנטשוויגען געוואָרען.

איבער'ן צימער האָט זיך אומגעדרעהט דער סטודענט ביי-לין, אַ בחור מיט ברייטע לענדען, מיט שמאָלע בלויע הויזען און מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. ער איז געווען אַ שענער בחור און האָט זיך געפוילט צו לערנען. אָנשטאָט צו פאָהרען אין או-ניווערזיטעט, האָט ער גענומען ביי זיינע רייכע עלטערן געלד, האָט געשפּילט אין ביליאַרד און האָט געטרונקען און מעהר און רוהיגער פון אַלעמען זיך געיאָגט נאָך לענע'ן. נאָר די חברים האָבען איהם ליב געהאַט, און זאַלקינד'ן איז ער געווען געפע-לען פאַר זיין קענען זיין רוהיג, בעת זיין בילדונג געהט קאַ-פויר, בעת ער גליטשט זיך האַסטיג באַרג-אַראָב און ער ווערט בעשאַדעלט פון זיינע קרובים און עלטערן. אַרויסגעלאָזען ווייט דעם רויך פון מויל און אַ וואָרף געטאָן דעם פּאַפּיראָס אויף דער פּאָדלאָגע, איז ער מיט ברייטע טריט צוגעגאַנגען צו זאַל-קינד'ן.

—נו, וואָס זיצסטו, ווי אַ בעלטיגער,—האָט ער איהם אָנ-געפּאַטשט אין פּלייצע,—קום, דו געהסט ערגעץ?

—וואוהין?—האָט זאַלקינד געפרעגט.

—וואוהין?—האָט זיך ביילין אַ ווײלע פערטראַכט,—נו, מיר וועלען אַ פּאָהר טאָן אין אַקוואַריום, צי וואָס?

זאַלקינד האָט זיך אויפגעהויבען און האָט געפיהלט, אַז אין פלוג איז איהם אַלצאיינס, וואוהין צו געהן. ביילין וויל אין אַקוואַריום, זאָל זיין אין אַקוואַריום, כאָטש די גרויסע אוירינג־לעך, מיט די אַרויסגעשפּאַרטע אויגען און די געפאַרבטע פּנים'ער פון די שאַנסאָנעטקעס זענען איהם שטענדיג געווען אונאַנגע־נעהם. לאַנגזאַם האָט ער אָנגעטאָן זיין הוט און האָט געקוקט צום טיש, וואו לענע איז געזעסען אַרומגערינגעלט מיט די חניפה'דיגע אויגען פון די מיידלעך און די שטילע פערטראַכטע פּנים'ער פון די יונגעלייט. אינסטינקטיוו האָט זאַלקינד געפיהלט, אַז באַלד ווי ער וועט נעהמען געהן צו דער טיר, וועט לענע אויף איהם אַ קוק טאָן מיט עפּיס אַ טריבען בליק, פּונקט ווי זי וואָלט אין האַרצען בעדויערט, וואָס ער געהט אַוועק און זי וועט דערווייל נישט קאָנען זעהן, ווי ער פיינינגט זיך. פאַר אָט דעם בליק האָט ער איהר פיל מאָל געוואָלט בעצאָהלען מיט עפּיס אַ גראָב גאַליג וואָרט, וואָס זאָל זי צוטרייסלען. אָבער באַלד האָט ער זיך געפּרובט בערוהיגען דערויף, אַז דאָס, קאָן זיין, איז נישט מעהר ווי זיינע אַנ'אייגענע השערה, אַז דאָס איז בלויז אַ פועל־יוצא פון זיין אָנשטרייננגונג, פון זיין צוטריי־סעלטען נערוועניסיסטעם. ער און ביילין, ביידע גרייט צום געהן, האָבען זיך האַלב פערנויגט און געמאַכט אַ טריט צו דער טיר. אין דער אייגענער רגע האָט זאַלקינד דערפיהלט אויף זיך לע־נע'ס אויגען, אָבער ער האָט מיט נצחון אַרויסגערוקט די ברוסט און געטראַכט, אַז אויב זיין השערה איז דאָך ריכטיג, טאָ זאָל זי כאָטש עטוואָס ליידען וואָס, ער געהט אַוועק. נישט־ווילענדיג האָט ער בעמערקט די שוואַרצע האָהר איהרע, בעשפּריצט מיט אַ בלויקייט, וואָס האָבען אין אונגעוועהנליך שענע ליניעס צוגע־דעקט אַ האַלבען אויער. און אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט ביילינ'ען און זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע מיט אַ שוואַר־צען פערד, האָט ער צווישען די לאַמטערנעס אין גאַס און די בעלויכטענע פענסטער פון די מויערן געזעהן בלויז דעם אונ־

טערשטען קיילעכדיגען און צאַרטען ברעג אויער, און עטוואָס העכער—די שענע כוואַליענדיגע ליניעס פון די שוואַרצע האָהר, בעשפּריצט מיט אַ בלויקייט. איהם איז געוואָרען אונגעהויער אוּ-מעטיג, פּונקט ווי אַ האַלבע נשמה, אַ ליכטיגע און אַ פרעהליכע, וואָלט איהם מיטאַמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען.

—עט!—האָט ביילין זיך פּלוצלונג אָנגערופען,—זי פּאָזירט, לענע... נאָר דאָס איז נישט געפעהרליך. זי וועט זיך אונטער-געבען, זי מוז זיך אונטערגעבען. איך בין אין איהר געווען שטאַרק פערליבט, דו ווייסט? אָבער פריהער. איצט נישט. איצט איז עס ביי מיר אַ מין ספּאָרט און איך מוז זי בייקומען... דו וועסט זעהן!

II.

די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געווען אין טעאַטער. אין די אַנטראַקטען, בעת עס זענען אָנגעצונדען געוואָרען די עלעקטרי-שע לאָמפּען, האָבען זיך געזעהן דיקע רייכע קורצהאַלזיגע דאַ-מען מיט אַ סך צירונג אין די פאַלשע האָר און אויף די הענד. נאָר פון די יאַרוסען האָבען אַרויסגעקוקט יונגע מיידעלשע קעפּ-לעך פון גימנאַזיסטקעס, בעלויכטען פון די עלעקטרישע פייערן, פּונקט ווי עס וואָלט זיין פון זיי אַנ׳אויסשטעלונג, און דאָס איז געווען אַ סך אינטערעסאַנטער און אָנגענעהמער איידער די דראַ-מע, וואָס איז געשפּילט געוואָרען. די דראַמע איז געווען אַ מאָ-דערנע און אַ לייגוויילינע, מען האָט דאָרט אַ סך געשוויגען און ווענינ זיך בעוועגט, און גערעדט האָט מען שטיל, און געקוקט האָט מען מיט פאַלשע פערבענקטע בליקען. נאָר בשעת מען האָט געשפּילט אויף דער סצענע, איז אין פּאַרטער געווען כמעט פינסטער, און זאַלקינד׳ן, וואָס איז געזעסען נעבען לענע׳ן, איז אויסגעקומען אָנצוריהרען מיט׳ן עלענבויגען דעם סאַמעט פון איהר אַרבעל, און דאָס האָט איהם פערשאַפט גרויס תענוג. אָפטמאָל האָט ער צוגעלעגט זיין עלענבויגען צו איהרען אַרן

האָט געפיהלט, ווי אין זיין בלוט קומט עפּיס אַריין אַזוינס, וואָס איז עהנליך צו פייער און געזאַנג, און עס ווייזט זיך דעמאָלט אויס, אַז ער זיצט נישט אין טעאָטער, נאָר ער שיפט זיך אין אַ גרויסען האַלב-אָפּענעם שיפעל איבער אַ שוואַרצען טייך. ברענענדיגע און קנאַקענדיגע שטורקאַצען בעלייכטען די שוואַרצקייט פון וואַסער, הויכע באָרוועסע מיידלעך וויגען זיך פון ביידע זייטען מיט פונאַנדערגעלאָזטע האָהר, גרויסע מעשע-נע כלים שפּילען אַ שטורמישען מאַרש, און אַנטקעגען איהם אין שיפעל זיצט לענע, אָנגעטאָן אין שוואַרצען סאַמעט, מיט אַנ'-אָפענעם ווייסען האַלז, און שמייכעלט איהם אַ לאַנגען און אַ זיסען שמייכעל. איינמאָל האָט ער עס דערפיהלט אַזוי רעאַל, אַז ער האָט זיך אָבגעקעהרט און געוואָלט עפּיס זאָגען לענע'ן אַ פראַזע, וואָס זאָל האָבען אַ שייכות צו דעם שיפעל.

נאָר אויף דער סצענע האָט מען אויסגעשאָסען. עמיצער האָט זיך דאָרט, אַ פערצאַפּעלטער און אַ שרייענדיגער, ווי אַ געשאָכטענער האָהן, אַנידערגעוואָרפען, און דער פאָרהאַנג איז געפאַלען. עס איז מיטאַמאָל ליכטיג געוואָרען, און מען האָט אַפּלאָדירט די אַרטיסטען. ערשט איצט האָט זיך זאַלקינד אויפ-געכאַפּט, ווי ער וואָלט פלוצלונג אָבגעשפּריצט געוואָרען מיט קאַלט וואַסער, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פריהער נישט געווען ביים זינען. נאָר שוין האָט ער געשמייכעלט און האָט זיך געווענדט צו ווילענקינ'ען, וואָס איז געזעסען נעבען לענע'ן פון דער אַנדערער זייט:

—געפעלט דיר די פּיעסע?

נאָר ווילענקין האָט נישט דערהערט און געענטפערט האָט ביילין:

—טשעפּע נישט ווילענקינ'ען, פרעג ביי איהם גאָרנישט, וואָרום אויבען, אויף דער גאַליאָרקע, זיצט זיין ווייב...

—וואָס?—האָט זיך ווילענקין אַ כאַפּ געטאָן ווי פון אַ טי-פען שלאָף.—מיין ווייב? די צונג ביים זיך בעסער אָב.

—נו, מיט אַנ'אמת דיין ווייב. הויב אויף די אויגען, וועסטו זעהן, ווי זי קוקט אַראָב פון אויבען צו אונז.

לענע האָט אַ קוק געטאָן דורכ'ן בינאָקל אַרויף און האָט זיך באַלד צעלאַכט.

—זי האַלט אויך אַ בינאָקל,—האָט לענע לייכט געזאָגט, פונקט ווי זי וואָלט געווען זעהר צופרידען און גליקליך, וואָס זי וועט קיינמאָל, קיינמאָל אין לעבען נישט זיין ווילענקינס ווייב.—איהר זעהט נאָר, ווי זי שפירט אונז נאָך. נו, ווילענקין, איך בין אייך שוין נישט מקנא...

ווילענקין האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שווערען הפקר-בליק, ווי אַ שכור אָדער ווי אַ מענש, וואָס איז לחלוטין אַרויס פון גדר און האָט אויף אַלץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד.

—לענע,—האָט ער מיט אַ גאַליגער פוילקייט אַ זאָג גע-טאָן,—אַזאַ מאַן זאָלט איהר האָבען, ווי מיין ווייב... גלויבט מיר, אַז איהר פערדינט נישט קיין בעסערן... שענע אויגען אָדער שענע האָר זענען נאָך נישט קיין פערדינסט.

לענע האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ רוהיג שלעכט שמיי-כעלע.

—וואָס זענט איהר אַזוי בייז, ווילענקין?—האָט זי איהם אַזוי ווי געגלעט איבער'ן קאָפּ מיט אַ הייסען אייזען.—שוין-זשע אַז מען דערזעט אַ ווייב, ווערט מען אַזוי אויפגערעגט?... ווי-לענקין...

דער אָרקעסטער האָט צוגעוואָרפען הויכע ווילדע קלאַנגען פון אונטער דער סצענע, און זאַלקינד האָט זיך פערקוקט אויף אַ צייל קעפלעך פון צווייטען יאַרוס. זיי זענען אויסגעקומען פון ווייטען זעהר מאַלעריש, און איין פנים, בלאַס און געשניצט, מיט שטייף-צוגעקעמטע האָר, איז געווען וואונדערליך שען און בע'חנ'ט. ער האָט געקוקט אויף דעמדאָזיגען פנימ'ל און האָט בעת מעשה געטראַכט, אַז צו לענע'ן קאָן זיך קיינער נישט גלייכען. ער האָט געזען שענע דאָ הי און אין גאָר גרויסע שטעדט, אָבער קיין איינע פון זיי וואָלט נישט געקאָנט קאָנקו-רירען מיט לענע'ן, און נישט אומזיסט איז דאָס זעהן זי אַ מין קראַנקהייט, מיט וועלכער מען שטעקט זיך אָן אויפ'ן גאַנצען לעבען. אַז מען דערזעהט זי נאָר איין מאָל, קאָן מען זי שוין

נישט פערגעסען. די קאַלטקייט, וואָס ליגט אין איהר שענקייט, און דער אויסדרוק פון אונדערגרייכבאַרקייט, מאַכען אָבהענדטיג און דערשלאָגען. וואָלט כאָטש די קאַלטקייט בלויז אָבגעשטויסען, האָט זי אָבער אַ כח פון צוציהען און פון האַלטען שטענדיג אויף איין ליניע: נישט אַוועקצוגעהן און נישט צוצוגעהן נעהנ-טער. און שוין ביי די געדאַנקען האָט זיך זאַלקינד געכאַפּט, אַז לענע האָט געוויס געמוזט פיהלען, ווי ער האָט אָנגעדריקט זיין האַנד אָן איהרער, בעת מען האָט געשפּילט אויף דער סצענע און האָט געוויס פערשטאַנען, וואָס ער איז דערמיט אויסען גע-ווען. זי האָט זיך אודאי בעת מעשה געמוזט שפּירען, ווי אַ מענש, ביי וועלכען מען בעטעלט, נישט מען בעט, אַ נדבה. אַ מאַנסביל האָט שטום, דורך אַ רמז, געבעטעלט ביי אַ פרוי אַ פרויען-נדבה. זאַלקינד׳ן איז פּלוצלונג בעפאַלען אַנ׳עקעל צו זיך. אָבער ער האָט זיך, ווי זיין שטייגער, ווייטער געגראָבען אין זיינע רעיונות, וואָס האָבען איהם אַלעמאָל דערהיצט דאָס לייב, ווי אַ כראָנישע קראַנקהייט, און דעמאָלט האָט ער ביסלעכווייז איינגעפּונען, אַז לענע האָט דאָ אויך געהאַט אַ שלעכטע כונה, אַז זי האָט עס דערלאָזט בכיון, כדי אַז זי וועט איהם דערנאָך קאַלט אָבשטויסען, זאָל ער עס פיהלען פיינליכער און שווערער ווי אַלעמאָל. דאָס האָט איהם אינגאַנצען בערוהיגט, און ער האָט אפילו געשמייכעלט פון איהר חשבון. שוין-זשע ווייסט זי נישט, אַז ער טראַכט קיינמאָל נישט וועגען דעם, וואָס שפּעטער וועט זיין, אַז ער לעבט בלויז מיט דער רגע, מיט דער איצטיגער רגע?

ביילין, וואָס איז געגאַנגען אין בופעט, דאָט זיך אומגע-קעהרט מיט גרויסע הויפענס אַפּעלסינען און קעסטעלעך קאָנ-פעקטען. מען איז געקומען אין טעאַטער זאַלבעצעהנט, און ביי-לין האָט בעדאַרפט בעטיילען אַ גאַנצע רייה שטוהלען. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקעל טומעל, און זאַלקינד האָט געזעהן, ווי אַנ׳אַלטער גענעראַל מיט אַ גלאַטען קאָפּ, אָהן האָאר, וואָס איז געזעסען אין דער ערשטער שורה און איז עטוואָס בעאונרוהיגט געוואָרען צוליב דעם טומעל, האָט בעמערקט לענע׳ן, און אָנ-שטעלענדיג אויף איהר דעם בינאָקל, האָט ער שוין מעהר נישט

אַראָבגענומען פון איהר דאָס שוואַרצע חיה׳לע מיט די צוויי גרויסע גלעזער-אויגען. דערנאָך האָבען אויף איהר געקוקט דאַמען און פערפוצטע מאַנסבילען, און מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט וויסען, צי לענע נעהמט זיך איבער דערמיט, צי נישט. אַ קאַלטע מאַסקע איז איהר געהאַנגען אויף די שענע געשניצטע שטריכען פון געזיכט.

זאַלקינדס בערוהיגונג איז געווען נישט מעהר ווי אַ קליינע הפסקה אין דעם שטענדיגען פיינליכען גאַנג פון זיינע רעיונות, און באַלד דערויף האָט ער שוין ווידער געטראַכט — פאַרוואָס זיצט זי, לענע, צווישען זיי, צווישען אָט דעם האַלב-ביהיליסטישען און האַלב-צולאָזענעם קרייז מענשען, אַנשטאָט דעם, וואָס זי האָט בעדאַרפט זיצען אויף איהר ריכטיגען אָרט — צווישען פּוסטע און בורזשואַזע יונגעלייט, וואָס וואָלטען אויף איהר גע׳פּטר׳ט טויזענדער און וואָלטען אָפען געפיהרט אַ שטאַרקע קאָנקורענץ צוליב איהר. עס וואָלט אפשר נישט שאַדען אַנ׳אַלטער גענעראַל אָהן האָהר אויפ׳ן קאָפּ. אָבער ווי אַלעמאָל איז די דאָזיגע מחשבה תיכף דערטרונקען געוואָרען צווישען אַנדערע, וואָס זענען, ווי געדונגענע, געשטאַנען אויף לענע׳ס צד. און וויפיל ער האָט זיך נישט געסטאַרעט און נישט אָנגעשטרענגט דעם מוח, האָט זיך דאָך בעקומען איינס און דאָסזעלבע: אַז לענע וועט בשום אופן נישט געהן צו די פּוסטע און בורזשואַזע קרייזען, אַז זי האָט עפּעס אַ שניט אין אידען און פערלאַנגען, וואָס איהר געשמאַק וועט זיי נישט לאָזען לייכט אויסבייטען, און אַז אין איהר איז דאָ אַ געפיהל פאַר דעמאָקראַטיזם. און ווידעראַמאָל האָט זיין מחשבה מיט גרויס בושה באַנקראָטירט קעגען איהר, קעגען דערדאָזיגער מיידעל מיט דער קאַלטער מאַסקע אויפ׳ן פּנים.

דער פאָרהאַנג איז פון דאָסניי אויפגעהויבען געוואָרען. אַ הויכער יונגערמאַן, מיט אַ שוואַרץ צוקלעבט בערדעל האָט ציטעריג און שטיל גערעדט עפּעס צו אַ מיידעל מיט אַ לאַנגען טויטען צאָפּ און מיט שוואַרצע ברעמען. זיי ביידע זענען געשטאַנען נעב׳ן מאָדנע בוימער, וואָס זענען געוואַקסען אויפ׳ן

פּאָדלאָגע, און דערבײַ האָט זיך געצויגען אַ פּאַרקאַן, וואָס האָט זיך מערקליך געקנייטשט, פּונקט ווי ער וואָלט זיין נישט פון האָלץ. דערנאָך האָט דער יונגערמאַן אַזוי ווי געוויינט און געזאָגט, אַז ער וועט זיך אויך דערשיסען, ווי עס האָט זיך נישט לאַנג דערשאָסען זיין ברודער. דאָס מיידעל האָט געהערט און געשוויגען, געצוקט מיט די אַקסלען, געקנייטשט מיט'ן שטערן און יעדעס מאָל צוגעטראָגען, ווי אין גרויס פערלעגענהייט, אַ פינגער צום מויל. דער מאָדנער יונגערמאַן האָט אָבער געליטען, און, אַפּנים, נישט קאָנענדיג מעהר אויסהאַלטען, האָט ער אויסגעשריען מיט אַ ציטריג-הויכען קול, וואַרפענדיג די הענד און אַרויסשפּאַרענדיג די אויגען:

—ניין, איך וועל זיך נישט דערשיסען! איך וועל זיך סמ'ען! סמ'ען! סמ'ען!..

נאָר אין פּאַרטער איז געווען פינסטער און שטיל, און זאַלקינד האָט אָהן זיין ווילען ווידעראַמאָל צוגעדריקט דעם עלענבויגען צו לענעס האַנד. אינדערפינסטער זענען איהם צעלאָפען און צעשפּרונגען געוואָרען, ווי שווערע שטיינער, אַלע זיינע רעיונות און עס איז געבליבען זיצען אַ זאַלקינד אָהן אַ ווילען, מיט אַ שוואַכען וואַרימען לייב, מיט אַ הייסען שטערען און אַ מידען האַרץ. טיילמאָל האָט ער זיך אַזוי פערלאָרען, אַז ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איהר אַקסעל און האָט צוגעמאַכט די אויגען, און ווידעראַמאָל האָט ער געזעהן אַ שוואַרץ וואַסער מיט אַ שיפעל, נאָר איצט איז לענע געווען אַזוי ליכטיג, אַז פון איהר איז געפאַלען אַ שיין אויף די פּעך-שוואַרצע כוואַליעס און דער שיין האָט זיך געברעקעלט און געציטערט און האָט זיך אַוועקגעטראָגען וויית איבער'ן וואַסער. אָין מערקווירדיג, לענע איז געזעסען רוהיג און האָט איהם נישט געשטערט.

דער פערטער אַקט, וואָס איז געווען דער לעצטער, האָט זיך מאָדנע און אונפערשטענדליך געענדיגט. דאָס מיידעל מיט'ן לאַנגען צאָפּ איז עפּעס מיטאַמאָל פערפאַלען געוואָרען און מען האָט זי הויך גערופען בײם נאָמען און געזוכט. אויף דער סצע-

בע זענען געווען אַ סך מענשען, קענטיג, דעם מיידעלס קרובים און פריינד, און דער יונגערמאַן איז אַרומגעגאַנגען צווישען זיי, אַ שווייגענדיגער, מיט פערוויינטע אויגען און פערפרעסטע ליפען און האָט יעדען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט זיי שטום געסטראַשעט און עפּעס פאָרגעוואָרפען. דערנאָך האָט ער אַ טרייסעל געטאָן זיין האַנד אינדערהויך, האָט פערגלאָצט די אויגען, זיך ווילד פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ האַרטען, נישט נאַטירליכען געלעכטער און באַלד דערויף משונה און האַסטיג אַרויסגעלאָפען. דאָס איז געווען דער סוף. און אַז דער פאָרהאַנג איז געפאַלען, האָט מען אָט דעם יונגענמאַן נאָכאַנאַנד אַרויסגערופען, און דער צייל קעפּלעך פון די גימנאַזיסטקעס האָט זיך מיט התלהבות אומגעשאָקעלט און מיט בּרייטפונאַנדערגעעפענטע מיילעכלעך געשריען זיין נאָמען. אויף די געשרייען האָט ער זיך עטליכע מאָל בּעוויזען און, אָבגעהענדיג נאָר אַ צוויי טריט פון טהיר, האָט ער צוגעלעגט אַ האַנד צום האַרצען און עטוואָס אָנגעבּויגט דעם קאָפּ. נישט ווייט פון איהם איז געשטאַנען דאָס פערפאַלענע מיידעל און האָט זיך אויך גענייגט.

—הערט נאָר, נישט געאיילט!—האָט ווילענקין מיט די הענד פערשטעלט דער קאָמפּאַניע דעם וועג.—טאָמער איז טאַקי דאָ מיין ווייבּעל אין טעאַטער, טאָ זאָל זי בּעסער אַרויסגעהן פריהער... עס וועט זיין גלייכער פאַר מיר און פאַר אייך און פאַר איהר...

נאָר דער עולם האָט איהם נישט געהערט, און אַז מען איז אַרויס פון טעאַטער, איז זיין ווייב נישט געווען. געהן אַהיים האָט מען אָבער נישט געקאָנט: די ערד האָט פרעהליך געפּאַטשט אַ גרויסער און אַ זומערדיגער רעגען. דער הימעל, די דעכער, די בּוימער האָבען געפּלייצט מיט וואַסער, און בּי דער טעאַטער-לאַמטערנע האָט דאָס וואַסער זיך געראַנגעלט מי[illegible] אַ לאַנגען שפּילענדיגען שיין: עס האָט איהם געשלעפּט מיט זין און ער איז נישט געגאַנגען, נאָר געשפּילט אויף איין אָרט[illegible] דער רעגען האָט זיך מינוטענווייז געשטאַרקט, און עס האָט

אויסגעווייזען, אַז איין שטיק וואַסער איז געפאַלען פון אויבען אַראַב, הילכיג און רוישיג, און האָט געטאַנצט אויף דער ערד אַ פרעהליכען טאַנץ. פלוצלונג איז דער רעגען איבערגעריסען געוואָרען, מיטאַמאָל זיך אָבגעהאַקט, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם מעכטיג בעפוילען, ער זאָל אויפהערען און די שטילקייט האָט משונה געקיצעלט דאָס געהער נאָך דעם גערויש פון רעגען. קליינע דראָבנע טראָפּעלעך, אַזוי ווי אָבגעשטויסען פון דער ערד צוריק אַרויף, האָבען אַרומגעבלאָנזשעט אין לופטען, ווי זיי וואָלטען זוכען אַ וועג צוריק צום הימעל.

—נו, וואָס? מיר ווילען דאָ נאָך לאַנג שטעהן?—האָט לענע געפרעגט,—קומט, לאָמיר געהן.

די קאָמפּאַניע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אונטער אַ דעכעל פון טעאַטער. מען האָט גענומען געהן. די דראָבנע טראָפּעלעך האָבען נאָך אַלץ אומגעבלאָנזשעט אין לופטען און עס איז געווען זעהר אָנגענעהם, ווען זיי זענען פריש און קיהל געפאַלען אויף די באַקען.

—ווער האָט עס געראַטען איבערצוּוואַרטען דעם רעגען?—האָט לענע מיט פערדרוס געפרעגט.—אין אַזאַ רעגען איז דאָך אַזוי גוט צו געהן!

—דאָס האָט סטולסקי אונז געהאַלטען אונטער׳ן דעכעל,—האָט ביילין גע׳מסר׳ט,—ער האָט געזשאַלעוועט זיינע קליידער...

—דו וועסט מיך נישט פערשעמען,—האָט זיך סטולסקי אַרויסגערופען,—קליידער דאַרף מען טראָגען טרוקענע, נישט קיין נאַסע...

סטולסקי איז געגאַנגען נעבען זאַלקינד׳ן, און זאַלקינד האָט אינדערפינסטער געפיהלט סטולסקיס ברייט און געלב פנים, זיינע בלייכע אָבגעשטאָרבענע אויגען און דאָס קליינע ביטערע שמייכעלע אויף די ליפּען. ער האָט קיינמאָל קלאָר נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס דרעהט ער זיך אַרום מיט זיי, פאַרוואָס לאָזט ער זיך פטר׳ן געלד, בעת ער איז פון נאַטור אַ קאַרגער, אַ שלעכטער און אַ בעגרענצטער. איז ער אויך פערליבט אין לע-

נע׳ן? זאַלקינד האָט געמאַכט אַ פּאָר שנעלע טריט פאָראויס, אי־בערלאָזענדיג סטולסקי׳ן הינטער זיך.

—אַהאַ, זאַלקינד!—האָט די קליינע רחל׳ע פון דער זייט אַ זאָג געטאָן.—איך נעהם אייך אונטער׳ן אָרעם...

אינדערפינסטער האָבען גנב׳יש און קלוג געשטראַהלט איהרע אויגען. זי האָט איהם גענומען אונטער׳ן אָרעם און האָט זיך צוגעטוליעט צו איהם מיט׳ן אַקסעל און מיט אַ באַק. זאַלקינד האָט אינערליך געשמייכעלט און בעת מעשה געקוקט אויף לע־נע׳ן, וואָס איז געגאַנגען עטוואָס פאָראויס מיט׳ן ברייטען הוט איבער׳ן הויכען שטאָלצען קאָפּ. ער האָט זיך געשפּירט לייכט און פרעהליך, פּונקט ווי ער וואָלט זיך בשלום אַרויסגע׳גנב׳עט פון זיינע שוואַרצע רעיונות. אין דערדאָזיגער לייכטקייט איז איהם פּלוצלונג געקומען אין זכרון אַ פראַזע, וואָס ער האָט געהערט פון דער סצענע אַראָב, און באַלד דערויף האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דעם צרה׳דיגען יאָמערליכען יונגעמאַן, מיט דער צוגעקלעבטער באָרד און מיט די טראַגיש אַרויסגעשפּאַרטע אויגען, און זאַלקינד האָט איהם פרעהליך נאָכגעקרימט:

—ניין, איך וועל זיך נישט דערשיסען! איך וועל זיך סמ׳ען! סמ׳ען! סמ׳ען!...

III.

אין עטליכע טעג אַרום זענען אַלע געווען אויסער דער שטאָדט, אין קראַסאָוושטשינע. ביי טאָג האָט מען געגעסען שוואַרץ ברויט מיט קאַלטער סמעטענע ביי דעם אַלטען, קלוגען און שכור׳ליכען לייב׳ן אין שטוב, וואָס איז געווען אויף דער העלפט אָהן פּאָדלאָגע, מיט שוואַרצע פעררויכערטע ווענד, מיט אַ גרויסען שוואַרצען אויווען און מיט קליינע פענסטערלעך, און אין דערדאָזיגער פויערשער מרה-שחורה און דלות האָט לענע אַריינגעטראָגען אַ שיין פון ליכט און עשירות. דאָס לייכטע ווייסע

קלייד מיט'ן ווייסען האַלז האָבען פערשטיקט און צוגעדעקט די שוואַרצקייט פון די ווענד.

—לענע,—האָט זיך זאַלקינד דערנעהנט צו איהר מיט שטיל בעגייסטערטע אויגען,—לענע, זענט היינט אַזוי גוט, ווי שען...

לענע האָט איהם רוהיג און גוטמוטיג אָנגעקוקט, און נישט בלויז מיט די אויגען, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, נאָר אויך מיט'ן ווייסען האַלז, מיט די בלישטשענדיגע קנעפּלעך אויף דער ברוסט און מיט די שלאַנקע פיס, וואָס האָבען זיך לייכט גע-צייכענט אונטער'ן ווייסען קלייד.

—צו וואָס בעדאַרפט איהר מיין גוטסקייט, זאַלקינד?—האָט זי עטוואָס אויפגעהויבען דעם שענעם שוואַרץ-בלויען קאָפּ.—צו וואָס זיין גוט? און וואָס איז עס בכלל פאַר אַ וואָרט גוט?...

זי האָט געוואַקסען, זיך געגרעסערט אין זאַלקינדס אויגען און ער אַליין האָט זיך געפיהלט קליין און אָהנמעכטיג און איינ-געשרומפּען, אָבער דאָס האַרץ איז געוועזן רוהיג, האָט זיך נישט געוואָרפען, נישט געצאַפּעלט, ווי אַלעמאָל, פונקט ווי עס וואָלט געווען אַרומגעבונדען מיט דינע פעסטע שטריק. און ער האָט רוהיג געזאָגט:

—מעגליך, אַז איהר זענט גערעכט, לענע. אמת'ע, עכטע שענקייט גיט שטענדיג אַנ'אמת'ען עכטען ענטפער...

אַ קאַלטער, אָבער קלאָרער שמייכעל האָט איהר עטוואָס אויפגעריסען די ליפּען. זי האָט געהאַלטען אין האַנד צוויי רוי-זען, האָט זי איהם צוגעוואָרפען אַ רויז, אַ פּאַטש געטאָן איהם מיט אַ פינגער איבער'ן באַק און באַלד דערויף אַרויסגעלאָפען מיט רחל'ען אין דרויסען. זאַלקינד האָט דורשטיג איינגעאָטעמט די אויפגערודערטע לופט פון איהר האַסטיגער בעוועגונג, אַ דריק געטאָן די בלעטעלעך פון דער רויז, ביז דער זאַפט האָט איהם פייכט געמאַכט די פינגער, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז לענעס בלוט. ער האָט לייכט אויפגעציטערט, אַריינגעלעגט די צוקוועטשטע רויז אין קעשענע און שטיל אַ זאָג געטאָן צו זיך:

—אָרעם קינד מיינס, זאַלקינד, דו ביזט אַ נאַר... אַ נאַר... אַ נאַר...

פון לייבע׳ן איז מען אַוועק אין וואַלד אַריין. הויכע רוי-
טע שטארקע סאָסנעס זענען שטאָלץ און שווייגענדיג געשטאַנ
אויף גרינעם שמעקענדיגען וואַלד-גראָז, פונקט ווי זעלנער, וואָ
היטען די אוצרות פון דער ערד. היטעלעך מאָך, אָנגעשטעק
מיט ווייסע בלימעלעך, האָבען זיך דאָ און דאָרט געהויבע
צווישען די בוימער און רויטע יאַגדעס, פונקט ווי מיניאַטור-
פאָמעראַנצעלעך, האָבען שטיל אַרויסגעקוקט פון אונטער העל-
גרינע געשפיצטע בלעטלעך. נאָך די יאַגדעס האָט זיך דער
עולם ענערגיש אַ לאָז געטאָן. זאַלקינד האָט זיי געשיקט גע-
קליבען און ער האָט געהאַט בדעה אונטערצוטראָגען זיי לענע׳ן.
אָבער אַז ער האָט שוין געהאַט אַ פולען הויפען, האָט ער זיך
פעמעליך אָבגעקעהרט און, רויט ווערענדיג, האָט ער זיי צ
שאָט געטאָן אונטער אַ קוכט. עסען זיי האָט זיך איהם ניש
בעגלוסט.

די יאַגדעס האָבען פערפיהרט טיפער אין וואַלד או
טיפער אין שטילקייט און טיפער אינ׳ם געדיכטען וואַריכע
וואַלד-ריח, וואָס האָט געווירקט ווי לייכטע שכרות. יעדער שאָרן
האָט געקלונגען ווי אַ שאָס און באַלד דערויף האָט זיך געדאַכט
אַז אָט וועט עפּעס צופאַלען צו דער ערד אין גרויס שטילקייט
איין מינוט איז די שטילקייט געוועזען אַזוי גרויס און אַזוי צוו
פיהלען, אַז אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פערבאָרגענע
שרעקעדיגער נייגיריגקייט. נאָר ביילין האָט מיטאַמאָל געמומע
זינגען, און דער עכאָ האָט, ווי נאָך אַ ביילין, וואָס ליגט ער-
געץ בעהאַלטען ווייט אונטער׳ן הימעל, צוריקגעוואָרפען די איי-
גענע קלאַנגען.

ווילענקין האָט פאָרגעלעגט, מען זאָל שפּילען אין זשמור-
קעס. ער האָט געהאַט אַ מיד אויסזעהן. אויף די באַקען, פון
באָז צום מויל, האָבען זיך טיפער איינגעשניטען די קנייטשען
די אויגען האָבען געקוקט אונטער׳ן שטערען, ווי ביי אַ מענשען
וואָס מאַכט אַ חשבון הנפש און קענטיג, אַז ער האָט פאָרגע-
לעגט דאָס שפּיל, צו פערגעסען אַ פיינליכען געדאַנק. און שוין,
אַז זיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרען, האָט זיך גלייך בע-

וויזען אַ חוזק-שמייכעלע אין זיינע אויגען, ער אַליין איז גע-וואָרען ריהרעוודיגער און בעוועגליכער. מען האָט אויסגעפונען אין וואַלד אַ שטיקעל לעדיגען פלאַץ און מען האָט געוואָרפען גורל. דעם גורל האָט אַרויסגעצויגען חיה, אַ לאַנג דאַר מיידעל, מיט אַ געלבען אומעטיגען פּנים. אין אָט דעם מיידעל אָבער איז, ווי אויף צו להכעיס, געווען שטערבליך פערליבט גאָלד-שטיין, אַ שענער בחור און אַ כוואַט, און אַז ער האָט איהר מיט אַ ווייס טיכעל פערבונדען די אויגען, האָבען איהם געצי-טערט די פינגער. אַלע האָבען עס בעמערקט און אַלע האָבען זיך שטיל גע'חדוש'ט דערויף.

חיה איז געווען זעהר קאָמיש, בעת זי, אַ הויכע, אַ לאַנ-גע און אַ מאָגערע, מיט אַ פּנים אויף דער העלפט פערבונדען און מיט אויסגעצויגענע דינע הענד, ווי אַ צלם, האָט נישט זי-כער געמאַכט אַ טריט און געלאָזט זיך עמיצען כאַפּען. מיט אַ הילכיגען געלעכטער האָט זיך איהר דער עולם גענומען גנב'ענען אונטער די הענד, אָבער לענע האָט זיך אַוועקגעשטעלט גלייך קעגען איהר, מיט פערלעגטע הענד אויף הינטער, און חיה האָט זי דורכגעלאָזט. אַלע זענען אומגעלאָפען, האָבען זיך גע'גנב'עט און געפּלאָנטערט צווישען איינאַנדער, נאָר איין לענע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, און אין איהר שטעהן איז געוועזען עהר זיכערקייט, אַז מען וועט זי נישט כאַפּען, ווי אין די אַרומלויפער. חיה'ן איז אויסגעקומען לאַנג און קאָמיש זיך צו דרעהען מיט'ן ווייסען טיכעל אויפ'ן פּנים, און ווען נישט זאַל-קינד, וואָס האָט צוגעבונדען זיינע אויגען צו לענע'ן מיט ציט-ריגע זעה-פעדעמלעך, און האָט בעת מעשה גאָר פערגעסען, אַז ער שפּילט, וואָלט חיה, אויסער איהם, מסתמא קיינעם נישט געכאַפּט. איצט איז דאָס טיכעל איבערגעטראָגען געוואָרען אויף זאַלקינדס אויגען, און ביי אַ גרויס געלעכטער האָט ער זיך גע-מען נאָכיאָגען די שפּילער. איהם, אַלס מאַנסביל, האָט מען עניג געשאַנעוועט. מען האָט איהם געשמיסען מיט צווייגלעך יבער די הענד, געשלעפּט פאַר דער מאַרינאַרקע אָדער גע-טויסען אין קאַרק. אונטער'ן טיכעל האָט ער געהאַלטען צוגע-

מאַכט די אויגען און ער זאָגט זיך נישט געקאָנט בעפרייען פון דעם געפיהל, אַז נישט ווייט פון די פיס געפינט זיך ערגעץ אַ טייכעל. ער האָט זיך אָבער בעהערשט, און דעמאָלט איז איהם איינגעפאַלען, אַז ער קאָן אייגענטליך כאַפּען לענע׳ן. נאָך פון חיה׳ס שפּילען האָט ער פערשטאַנען, אַז לענע׳ס מעטאָדע אין זשמורקעס איז שטעהן אויף איין אָרט, אָבהאַלטען דעם אָטעם און דורכלאָזען פאַרביי זיך די זשמורקע. דאָס איז, וואַהרשיינ-ליך, ריזיקאַליש און דעריבער אָנגענעהם. דער פּלאַץ איז געווען נישט קיין גרויסער, און ער האָט אויסגערעכענט, אַז ער וועט איהם דורכלויפען אין אַלע פיר זייטען און דערנאָך דעם מיטען. זיין פּלאַן איז געווען אַ ריכטיגער. שוין אויפ׳ן דריטען ווינקעל האָט ער דערפיהלט אַ ריח פון מאַי-בלומען, וואָס לענע האָט שטענדיג געברויכט און באַלד דערויף אַנ׳איינגעהאַלטענעם אָטעם, וואָס האָט זיך שטיל געראַנגעלט מיט די לונגען און עפּעס אַ בעוועגונג. ער האָט זיך האַסטיג אַ לאָז געטאָן פאָראויס מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענד און אין דער אייגענער רגע איז ער כמעט ווי אַרויפגעפאַלען אויף אַ פיין געפאָרמטען קערפּער, בע-צויגען מיט אַ דינעם שטאָף. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז לענע און האָט זי פיינליך, מיט׳ן פּנים צו זיך, שטאַרק צוגע-דריקט צום האַרצען. לענע האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסען, אָבער זיינע הענד האָבען זיך איינגער צוזאַמענגעשלאָסען. אין די צוגע-מאַכטע און פערבונדענע אויגען האָט איהם גרין געבליצט, אין די אויערן האָט קוויטשיג געקלונגען, פּונקט ווי עמיץ וואָלט געשטויסען גלאָז, און דער מוח איז אויף אַ רגע אַזוי ווי אָב-געשטאָרבען. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און האָט זי אָבגעלאָזט מיט אַ שווערען אָטעם, און דידאָזיגע מינוט האָט ער שפּעטער, שוין נאָכ׳ן שפּילען, סיי בייטאָג, סיי אויף דער נאַכט מאָדנע יסורים׳דיג געדענקט.

—בראַוואָ!—האָט ביילין אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד,—זאַלקינד איז אַ כוואַט...

לענע׳ן איז משונה׳דיג געגאַנגען. זי האָט נאָר בעוויזען צו מאַכען עטליכע טריט—און שוין האָט זי געכאַפּט די קליינע

רחל׳ען. די קליינע רחל׳ע האָט זיך אַליין זעהר צולאַכט און האָט מיט התפּעלות אָנגעטאָן דאָס טיכעל אויף די אויגען. אָבער זי איז געווען זעהר אַ צולאָזען מיידעל, און אָנשטאָט צו שפּילען, איז זי געשפּרונגען מיט פערבּונדענע אויגען אינדערהויך, אויסגעטאַנצט פערשידענע טענצלעך מיט די אַקסלען און מיט׳ן בּויך, געמאַכט אַלערליי תּנועות און בּעוועגונגען און צום סוף האָט זי גאָר גענומען דעקלאַמירען עפּעס אַ וואוילינגעריש לידעל. דערפאַר האָט זיך מיט איהר אָבּגערעכענט ווילענקין. ער האָט זי פון הינטען אָנגעכאַפּט בּיי די הענד און האָט זי, אַ בּלינדע, געפיהרט נאָך זיך. זי האָט זיך כּלומר׳שט צעוויינט און האָט איהם פון הינטען געקלאַפּט מיט די ווייסע שיכעלעך אין די קניה.

—לאָזט אָבּ!—האָט זי צולעצט בּייז, נישט מיט איהר קול, אַ זאָג געטאָן.

ווילענקין האָט זי איינגעלאָזען און האָט זיך געשווינד אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט. איצט איז זי נאָכגעלאָפען נאָך די שפּילער, אין הויכע ווייסע שיכעלעך מיט ווייסע זאָקען, און אַ דין ווייס קליידעל, וואָס האָט זיך שען געווינטעלט איבּער איהרע קניה. זי איז געווען קליין, אָבּער זעהר שען געבּויט, מיט אַ בּרוין-געלאָקטען קעפּעל, און די לאָקענדלעך האָבּען זיך איהר בּעוועגט בּיי די שלייפען און אויפ׳ן שטערען, ווי טונקעלקופּערנע שטומע גלעקעלעך. איצט, אַז די שענע אויגען איהרע זיינען געווען פערבּונדען מיט אַ טיכעל, האָט זיך בּעזונדערס שאַרף אויסגעטיילט דאָס מיילעכעל, אַ פּולס, אַנ׳אַרויסגערוקטס, פּונקט ווי צום קושען זיך. אַ וואָרף געטאָן זיך לינקס, האָט זי פּלוצלונג אָנגעכאַפּט בּיילי׳ען, וואָס האָט זיך גאָרנישט געוועהרט מיט איהר. בּיילין האָט אַריינגעטראָגען גאָר אַנ׳אַנדער מונטערקייט אינ׳ם שפּיל. אַרום איהם זיינען אַלע געווען העכסט גאַרזיכטיג, אין אַ גויט איז מען אַרויסגעלאָפען פון לעדיגען פּלאַץ אין וואַלד אַריין, און אפילו לענע האָט זיך אָבּגעהיט מעהר ווי פריהער.

—שטעהט!—האָט לענע אויסגערופען פון אונטער אַ בּוים.—

איך לעג פאַר, אַז דער, וועמעןביילין וועט כאַפּען, זאָל מיט עפּעס בעשטראָפט ווערען. דאָס וועט אַריינטראָגען מעהר אַזאַרט!..

—עס געהט!—האָבען אַלע צוגעשטימט.

דערהערט דעמדאָזיגען פאָרשלאָג, האָט זיך ביילין הילכיג צולאַכט און דער וואַלד-עכאָ האָט איהם נאָכגעלאַכט. מיט די לאַנגע פיס, אין שמאָלע בלויע הויזען מיט רימענדלעך אונטער'ן שוך, אַ געזונדטער, אַ ברייטער, האָט ער זיך ווי אַ ווינד געטראָגען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, און די מיידלעך האָבען משונה געקוויטשעט, ווען זיי האָבען דערשפירט זיין אויסגעצויגענע האַנד הינטער זיך. ער האָט שוין געוועסט אָנגעכאַפּט חיה'ן, אָבער דערהערט איהרע קוויטשיגע קולות, האָט ער זי איינגעלאָזט, זיך ווייטער געיאָגט, שווער געטופּעט אינ'ם ווייכען גראָז, געפלויגען אויף אַנ'אָטעם, אויף אַ שאָרך פון אַ מענשען און אָנגעכאַפּט דוקא דאָס מיידעל, וואָס האָט פערהאַלטען דעם אָטעם. לענע האָט זיך געצאַפּעלט אין זיינע הענד, ווי אַ געפאַנגענער פויגעל.

—געפּאַקט אַ גוטען העכט!...—האָט זיך ביילין געוויצעלט און זי שטיפעריש, ווי אַ לאָבוז, וועלכען מען קאָן געבען איבער די הענד, צוויי מאָל אַ קוש געטאָן אין די ליפּען.

לענע האָט עס אַזוי ווי נישט בעמערקט און האָט רוהיג דאָס טיכעל אויף די אויגען.

—שטראָף!—האָבען עטליכע מיטאַמאָל אויסגעשריען.

—וואַרט נאָך,—האָט זיי לענע אָבגעהאַלטען.

איצט איז זי ווידער געוועז מיט פערבונדענע אויגען, און פאָרזיכטיג האָט זי זיך גע'גנב'עט מיט איהרע שלאַנקע פיס און אויסגעצויגענע הענד.

זאַלקינד האָט זיך פערדוקט צווישען די בוימער און פון דאָרטען געקוקט אויף לענע'ן, ווי פון אַ בעהעלטעניש. קיינער האָט איהם איצט נישט געקאָנט שטערען דערין, און לענע האָט געהאַט פערבונדענע אויגען. אָנגעהויבען פון די שפּיצען פון איהרע שיכעלעך, איז זיין אויג סיי מיט וועה און סיי מיט שמחה לאַנגזאַם געגאַנגען אַרויף, צאָהל נאָך צאָהל, איבער איהר קלייד,

און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער טרינקט פון איהר, ווי פון אַ בּעגינען-קוואַל. ער טרינקט פון איהרע הענד, פון איהר האַלז, פון איהרע האָהר, פון די ווייסע קנעפּעלעך אויף דער ברוסט. און אַ מאָדנע זאַך—ער טרינקט און די ליפּען טריקענען איהם און דער גומען איז אַ פערשמאַכטער. און וואָס מעהר ער טרינקט, אַלץ מעהר ווערט איהם דערהיצט דאָס לייב און דער קאָפּ נעהמט שווינדלען, ווי ער וואָלט געפלויגען אין אַ תהום. אָבּער ער קאָן נישט אָבּרייסען די אויגען פון איהר, ווי מען קאָן נישט אָבּרייסען פון זיך די אייגענע האַנד, דעם קאָפּ. ער זעהט שוין נישט מעהר די שפּילער און דער וואַלד איז אָבּגעמעקט געוואָרען פון דער ערד, און פאַר די אויגען טאַנצט איהם בלויז ארום אַ ווייסע געשטאַלט צווישען אַ הימעל און אַנ'אָבּגרונד, און אין דערדאָזיגער געשטאַלט ציטערט און וויינט זיין האַרץ.

„אָבּער איך בּין דאָך אַ משוגע'נער!"—שרייט ער כמעט אויס צווישען די בּוימער און קומט בּאַלד צו זיך.

די גאַנצע אָנשטרענגונג לאָזט בּיסלעכווייז נאָך, ווי אַ היצקראַנקהייט. די בּוימער שטעלען זיך צוריק אַוועק אויף זייער אָרט, די שפּילער שווימען פון דאָסגיי אַרויס, יעדער מיט זיינע בּעוועגונגען און תנועות און לענע וואַרפט זיך רעכטס און וואַרפט זיך לינקס און—כאַפּט בּיילינ'ען. דוקא בּיילינ'ען. מיט אַ פערבּאָרגענער שוואַרצער קנאה אין דער נשמה רוקט זיך זאַלקינד אַרויס פון זיין בּעהעלטעניש: פאַרוואָס פאַסט זיך אַזוי בּיילין צו לענע'ן? פאַרוואָס מאַכט ער אַזוינע זיכערע טריט, בּשעת ער דערנעהנט זיך צו איהר? פאַרוואָס בּעקומט ער אַזוינע בּרייטע אַקסלען, בּשעת ער נעהמט זי אָן בּיי דער האַנד? פריהער האָט בּיילין זי געקושט פאַר אַלעמען אין די אויגען. אמת, די קושען זענען אַזוי ווי דורכגעשמועלט געוואָרען אונטער דעם אָנשטעל פון שטיפעריי און וואוילינגערישקייט, אָבּער פאַרוואָס קאָן עס זאַלקינד נישט טאָן? פאַרוואָס ווערט ער אָבּגעשוואַכט און איינגעשרומפען אונטער איהרע בּליקען?

מיד און פערשעמט האָט זיך זאַלקינד אַרומגעקוקט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אָפען ווי אַ בוך, און עמיץ לייענט

אויף איהם זיינע רעיונות און איבערלעבונגען. אָבער קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט. דער עולם האָט פערקאָכט געשפּילט, ביז ער איז איינגעמידט געוואָרען.

אַ שטילער פאַרנאַכט האָט זיך זאַכט געדרוקט מיט הויפּענס שאָטענס אין די הענד און האָט זיי צעוואָרפען אונטער די בוימער. די שפּיצען פון די סאָסנעס האָבען זיך געדרויטעלט; די ווייסע וואַלדבלימלעך, בעריהרט פון אַ לייכט ווינדטעל, האָבען זיך גע־בויגט אין איין זייט, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך געזעגענט מיט'ן טאָג; די מאָך-היטעלעך האָבען זיך פערלאָרען אין ט נקעלע טולען. פון וויטען האָט זיך דערטראָגען אַ געדיכט און שווער ברומען פון בהמות, פונקט ווי די מידע ערד וואָלט געבלאָזען אין אַ האָרן און וואָלט געהייסען אַלע לעבעדיגע ברואים, זיי זאָלען צומאַכען די אויגען, וויל דער טאָג געהט אַוועק.

דער עולם האָט זיך געלאָזען אין וועג אַריין, און יע־דער איינער פון די בחורים, אויסער זאַלקינד'ן, איז געוועזן זיך פער'שיכור'ט פון זיינע יונגע בלוטען און חלומות, און פערליבט אין זיך און אין די מיידלעך, ווי די מיידלעך אין די בחורים.

IV.

אַרויס פון וואַלד, איז מען נישט געגאַנגען אין שטאָדט אַריין, נאָר מען איז אַרויף אויפ'ן הויכען קראַסאָוושטשינער באַרג און זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויפ'ן שפּיץ. אונטען האָט דער פאַרנאַכט אויסגעלעגט טונקעלע בריקען פאַר דער נאַכט און אויבען האָט דער הימעל געעפענט זיינע רויטע טויערן און מיט גרויס פּאַראַד אַדורכגעלאָזט די זון. פאַר דערדאָזיגער צערעמאָ־ניע איז אַלץ אַנטשוויגען געוואָרען, און פון וויטען איז דער וואַלד געשטאַנען אויסגעצויגען, ווי צו אַ תפילה.

אונטער'ן באַרג איז געלאָפען אַ שמאָל האַסטיג טייכעל, בעגאָסען מיט שקיעה-פלאַמען, געלאָפען און געלאָפען, און אַרויס־

געגעבען צוויי טאַקטען: איינעם אַ גראָבען, איינעם אַ דינעם, ווי
אַ זייגער וואָלט געקלאַפּט: טיק-טאַק, טיק-טאַק! אויף יענער זייט
טייכעל האָבען זיך די פעלדער געראַנגעלט מיט'ן פאַרנאַכט,
וואָס האָט אָהן רחמנות געלאָשען זייערע פאַרבען, און דאָרט,
ווייטער, ביים סאַמע האָריזאָנט, וואו די שטאָדט איז געשטאַנען,
האָבען זיך אין פאַרנאַכט-טול געהויבען קלויסטערס מיט קיילעכיגע
דעכלעך, עהנליך צו ריזיגע שוואָמען, שפּיצען און דעכער פון
שטאָדט-בנינים, איינצעלנע בוימער, וואָס האָבען געשטאָכען דעם
הימעל, ווי שוואַרצע פינגער. איבער דעם ברייטען קראַסאָוו-
שטשינער שליאַך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין שטאָדט און
זיך געענדיגט אַקוראַט ביי דער אונטערגעהענדיגער זון, האָבען
געפינטעלט פער'חלומ'טע פאָרלעך, זענען געגאַנגען און געשטאַ-
נען אויף איין אָרט, זיך בעוועגט ווי גרויסע שוואַרצע געהעב-
דיגע פויגעל, וואָס דערקענען נישט דעם וועג און עס האָט זיך
געדאַכט, אַז דידאָזיגע פאָרלעך און דער וואַלד און דאָס טיי-
כעל און דער הימעל און די פעלדער זענען איינס, בעשטעהען
פון איין געוועב, פון איין שטימונג און איין בעגעהר. און עס
האָט געצויגען אָדער טיף אין די ווייכע טולען פון דער ערד
אָדער הויך אויפ'ן הימעל.

נאָר זאַלקינד האָט געפיהרט זיינע בלאָנזשענדיגע בליקען
איבער לענע'ן. צום טויזענדסטען מאָל האָט ער בעטראַכט איהר
ווייס קלייד, דעם האַלז, וואָס איז געווען אַזוי ווייס, ווי דאָס
קלייד, און די שיכעלעך. אויף די הויכע שמאָלע אָבצאַסען האָ-
בען זיך עטוואָס אָבגעריבען די מעשענע קנעפּעלעך, אויסגעזעצט
אין אַ האַלבען קרייז, און זיי האָבען איהם אָנגעקוקט פון אונ-
טען אַרויף ווי קליינינקע שמייכלענדיגע אויגלעך. איהרע קליי-
דער, איהרע שיכעלעך לעבען, פונקט ווי זי. עס ציהט צו זיי,
ווי צו איהר. נישט אַנדערש, דער שוסטער האָט געמוזט הנאה
האָבען, מאַכענדיג די שיכעלעך, דער וועבער—דאָס שטאָף פונ'ם
ווייסען קלייד, דער שניידער—פונ'ם געניעה. זיי זענען אַ לעבע-
דיגער טייל פון איהר. אַז זאַלקינד פלעגט אַמאָל נישט דערווי-
סען לענע'ן אינדערהיים, פלעגט ער זוכען איהרס אַ קלייד, אַ

שטיקעלע ציהרונג, אַ קעמעלע פֿון קאָפּ. דעמאָלט איז איהם שוין ניִשט געווען לאַנגווייליג צו וואַרטען אויף איהר שעה׳ן-לאַנג, און ניִשט איינמאָל האָט ער געהאַט אַ פֿערלאַנג אַראָפּצורייסען כאָטש אַ קנעפּעל פֿון איהר מאַנטעל און, אַריינלעגענדיג איהם אין קעשענע, האַלטען איהם דאָרט אין האַנד שטענדיג און אומעטום.

אין די שוואַרץ-בלויע האָהר האָט איהר געציטערט אַ רויטער שקיעה-שיין, די ווייסע גלאַנציגע קנעפּעלעך האָבען געטוקט מיט רויטע פּייערלעך, און ווי אַלעמאָל, ווען זאַלקינד האָט געקוקט אויף איהר, האָט זי געהאַלטען אין איין וואַקסען, זי האָט זיך צוצויגען, צושפּרייט, ווי אַ וואָלקען, ווי לופט, און די ווייסקייט פֿון האַלז, הענד און געזיכט האָט איהם געשפּילט אין אויג ווי אונרוהיגער שוים. און ער האָט געטרונקען מיט׳ן אויג דעמדאָזיגען שוים און געטראַכט, וואָס דאַרף מען פֿערמעגען, אַז מען זאָל זי קאָנען אינגאַנצען בעזיגען. טאַלענט? שׂכל? שענקייט? אָדער אפשר רייכקייט? אָדער מען דאַרף אפשר האָבען ניִשט מעהר ווי העזה און מוט? מיט וואָס פּאָרט קאָן מען זי בעזיגען, פֿער׳כשופֿ׳ען, איבערברעכען, אַריינבלאָזען אין איהר אַנ׳אַנדער האַרץ, אַנ׳אַנדערן ווילען, אַנ׳אַנדער קוק? צווישען אַלע בעקאַנטע, האָט ער געטראַכט, זענען אייגענטליך נישטאָ קיין קליגערע און פֿיינפֿיהלענדערע פֿאַר איהם. ער איז אפשר אויך דער ענטוויקעלסטער פֿון זיי און אפשר אויך דער רייכסטער. דער טאַטע האָט עטליכע הייזער און אַ גרויס געשעפֿט אין צענטער פֿון שטאָדט און דאָס פֿערמעגען איז סוף כל סוף זיינס, מחמת ער איז אַ בן-יחיד און האָט בלויז איין שוועסטערל צו זיך. נאָר אפשר זענען פֿאַרהאַן שענערע פֿאַר איהם? ביילין איז אַ שענערער. ביילין איז אויך אַ רייכער. אָבער צי קאָן דען שפּילען אַ גרויסע ראָליע מאַנספּילשע שענקייט? און וואָס איז אַזוינס מאַנספּילשע שענקייט? ער פֿיהלט זי קיינמאָל ניִשט און פֿערשטעהט זי קיינמאָל ניִשט. טאַלענט איז שוין עפּעס אַנדערש, און דאָס, אַפּנים, האָט ער ניִשט. נאָר אפשר האָט ער יאָ טאַלענט, אפשר האָט ער יאָ אַ געבאָרענעם בערוף צו עפּעס, אָבער

ער איז צופיל עסטעטיקער און גריבלער צו מאַכען אַ פּראָבע. דעריין ליגט זיין גאַנץ אומגליק. ער האָט שטענדיג אויסגעווייכט אַ פּראָבע. מען דאַרף קענען וואַגען. אין גימנאַזיע האָט ער זיך גרויסאַרטיג געלערנט, ער האָט געהאַט אַלע שאַנסען צו זיין דער ערשטער שילער, אָבער ער איז עס נישט געוועזן, מחמת מען האָט בעדאַרפט האָבען העזה און קענען וואַגען.

—אייך איז נישט קאַלט, לענע?—האָט זי ביילין, וואָס איז געזעסען נעבען איהר, פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן.—נעהמט מיין טוזשורקע.

—ניין,—האָט לענע קורץ געענטפערט.

דער טאָן פון ביילינס פראַגע איז אויסערליך געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער, אָבער זאַלקינד'ס אויער האָט אויפגעכאַפּט אין איהם אַ בעזונדער ווייכקייט, אַ פערבאָרגען פייערל. זאַלקינד האָט עטוואָס אויפגעציטערט, און אַ לאַנגער קראַנקער רעיון האָט שוין געוואָלט פערכאַפּען זיינע נערווען. אָבער זאַלקינד האָט זיך איבערגעשטאַרקט און האָט זיך נישט דערלאָזט צו טראַכטען. ער האָט אויסגעריסען אַ לאַנג טרוקען גראָז און דערמיט אַ שמיץ געטאָן רחל'ען איבער'ן באַק. רחל'ע האָט עס איהם אַרויסגע-כאַפּט פון די הענד, און, צורוקענדיג זיך נעהנטער, האָט זי פערוואָרפען דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט און האָט זיך צולאַכט. די ברוינע לאָקענדלעך-גלעקעלעך האָבען זיך שטיל בעוועגט אין דער פערטראַכטער לופט, און זאַלקינד, אַזוי ווי אַ בערוהיגטער, האָט זי געגלעט בּיי דער האַנד און געקוקט איהר איבער'ן שטערן אין די אויגען אַריין.

—יאָ?...—האָט זי איהם אויפ'ן וואונק געפרעגט.

—וואָס?—האָט זאַלקינד נישט פערשטאַנען.

—נ-נ-נו...—האָט זי זיך פערקרימט און אַרויסגעמורמעלט: פערשטעהסט נישט...

—וואָס פאָרט?—האָט זאַלקינד שטיל געפרעגט און געדריקט מיט די אַקסלען.

זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, גרויסע, שטראַהלענדיגע, בעטענדיגע בשותפות מיט עפּעס אַנ'איראָניע, און, אַ שאָקעל

טוענדיג מיט'ן קאָפּ פון אויבען אַראָב, האָט זי גנב'יש און געצויגען געפרעגט:

—ליבּ?... ליבּ?...

ערשט איצט האָט ער פערשטאַנען און האָט זיך צולאַכט. ער האָט אַראָבערגעלאָזט טיפער דאָס פּנים איבער איהר שטערען און האָט שטיל אַדורכגעלאָזט דורך די ליפּען:

—ליבּ, רחל'ע...

און זי האָט דערנעהנט איהרע אויגען צו זיינע און האָט נאָך שטילער געפרעגט:

—שטאַרק?...

—שטאַרק...

—און לענג?

—וואָס לענג?

זי האָט אָנגעשטעלט ברוגז'ע ליפּלעך:

—פערשטעהסט נישט...

—וואָס?

—האָסט דאָך לענג'ן ליבּ...

—און אַז ליבּ?...

—טויג נישט...

—ס'טויג יאָ.

—ווי אַזוי?

—דו פרעגסט צופיל.

—דו ענטפערסט צו-ווענינ...

רחל'ע האָט ווידעראַמאָל אַ שאָקעל געטאָן מיט איהרע [illegible] קענדלעך-גלעקעלעך, זיך אַרומגעקוקט און אַראָבגעבלאָזען [illegible] די ליפּען אַ קלאַנג:

—זאַלקינד...

—וואָס?

—אָבער ליבּ?...

זאַלקינד האָט ווידער נישט פערשטאַנען, וואָס זי פרעגט, איז רחל'ע ברוגז געוואָרען און האָט זיך אָבגערוקט פון איהם. זי איז געזעסען מיט אָנגערוקטע ליפּלעך און האָט ווי אַ צו-

לאָזען בעליידיגט קינד געשאַרט דאָס ווייסע שיכעלע איבער׳ן גראָז. אין אַ ווײלע אַרום איז זי ווייכער געוואָרען, האָט ווי־דעראַמאָל אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט און פון דאָס־ני׳ געפרעגט:

אָבער ליב?...

און זאַלקינד האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ:

—ליב, רחל׳ע...

דער הימעל האָט פערשלאָסען זיינע רויטע טויערן, די זון איז פערגאַנגען, דער וואַלד האָט זיך פערבאָרגען הינטער אַ טונ־קעלער וואַנד, דאָס טייכעל האָט ווי אַ שוואַרצער גלאַנציגער בּראַסלעט אַרומגעכאַפּט די ערד און אויפ׳ן טונקעלען האָריזאָנט האָט די שטאָדט זיך אַרומגעגאַרטעלט מיט פייערדיגע שטריק. אַ קיהל ווינדטעל האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם באַרג, דאָס גראָז, די בּנימ׳ער און איז אַנטרונען געוואָרען.

דער עולם איז נאָך אַלץ געזעסען שוויגענדיג, דורכגע־נומען און פער׳כשופ׳ט פון דער שטילקייט, פון די שקיעה־פאַרבען און פון דער אייגענער ליבע צו זיך. די טונקעלקייט, וואָס איז געהאַנגען איבער זייערע קעפּ ווי אַ זיידען דעכעל, האָט זיי אַזוי ווי נעהנטער צוזאַמענגערוקט און צונויפגעפלאָכ־טען, ווי אַ קוסט. לענע איז געלעגען אָנגעשפּאַרט אויף ביי־לינ׳ען, האַלב צוגעדעקט מיט זיין סטודענטישער כוזשורקע. איצט האָט זי זיך געלאָזט צודעקען און געהאָרזאַם און שטיל איז זי געווען, ווי אַ קליין געפאַנגען שעפעלע. און, ווי דאָס פעלעכל פון אַ ווייס שעפעלע, האָט שטיל געריזעלט אין דער לייכטער פינסטערניש די ווייסקייט פון איהר קלייד.

בלויז איין ווילענקין איז געזעסען אַזוי ווי אָבגעטיילט פון אַלעמען, נישט איינגעפלאָכטען און נישט איינגעפּאַסט אינ׳ם שוואַרצען מענשען־קוסט, און זיין קאָפּ האָט שפּיציג געשטעקט אינדערפינסטער. זיינע אָפענע אויגען האָבען געקוקט ווי צוגע־מאַכטע, די אונבּעוועגליכע אַקסלען האָבען דערמאָהנט אין אַנ־איינזאַמען שטיין אויף אַ פעלד. פלוצלונג אָבער האָט ער זיך

בעוועגט מיט'ן שפיציגען קאָפּ און די פערגליווערטע אָקסלען און עס האָט זיך דערהערט אַ וואַרימע גאַליגע שטים:

—מיינע ליבע דאַמען און הערען. איהר האָט זיך אפילו זעהר שען און געמיטליך דאָ צולעגט און דער אָוועגד איז אויך זעהר אַ שענער, אָבער זאָגט מיר נאַר, מיר וועלען זיך נאָך לאַנג קוויקען מיט איהם? ער קריכט מיר שוין פון האַלז...

קיינער האָט איהם אָבער נישט געענטפערט, און דער שפיציגער קאָפּ האָט ווייטער גערעדט:

—כ'לעבען, עס פּאַסט פּאַר אַ חברה יונגלעך ערגעץ אין אַ קליין שטעדטעל... ווי מען האָט זיך דאָס אַ ביסעל צונויפגע-רוקט... דער זונאונטערגאַנג האָט פערכאַפּט די פּאָעטישע נשמה... „די רויטע פלאַמען אין מערב-זייט...” עס עקעלט דאָך פון אייך!

—שטילער זיי! געה צו אַלדי רוחות!—האָט ביילין אַ ברום געטאָן.

—אַ חברה קוועטשערס זענט איהר...—האָט ווילענקין גע-ענטפערט און אַ בלאַסער הימעל-שימער האָט אינדערפינסטער אָנגעריהרט זיין שפּיץ נאָז, אויגען, שטערען און האָהר.—געווען אין וואַלד, געמאַכט אַ שפּאַציר, געשפילט אין זשמורקעס, זיך אויסגערוהט אויפ'ן באַרג, הויבט מען זיך אויף און מען געהט. און דאָ האָט מען זיך אויסגעלעגט מיט טעאַטער-אָנשטעלעגישען און קוועטשעניש, אַז עס קעהרט די גאַל. וואָס זעהט איהר דאָ פּאַר אַ רייץ אין דערדאָזיקער קוועטשעניש? קומט, לאָמיר געהן. אַנ'ערשט מאָל און אַ לעצט מאָל געה איך מיט אַזעלכע קווע-טשער אין וואַלד!

—איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט,—האָט ביילין ווידער-אַמאָל אַ ברום געטאָן,—געה צו אַלדי שוואַרציאָהר!...

ווילענקין האָט זיך אויפגעהויבען, געשטאַנען אַ ווילע מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, מיט אַ טונקעלער מאַסקע אָנשטאָט אַ פּנים, און נאָכדעם שטיל צוגעוואָרפען:

—ברוגז ווערען וועל איך נישט, זאָל מיך גאָט אָבהיטען, און אַוועקגעהן וועל איך אויך נישט. אַוועקגעהן וועלען אַלע גלייך. איך האָב, פערשטעהסטו, גאָר אַנ'אַנדער תרופה צו אייך.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט, אַ קיי געטאָן מיט גרויס רחבות די צונג און אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אין לענעס שויס. לענע האָט זיך נישט בּעוועגט און געשוויגען, אָבער די מיידלעך האָבּען זיך צעלאַכט אין דעם שוואַרצען קנויל. בּאַלד דערויף איז געוואָרען שטיל, און די שטילקייט האָט געקלאַפּט אין אויער, ווי אין אַ דין פּייקעלע. די צייט האָט זיך געצויגען, און איינצעלנע שטערענדלעך זענען דאָ און דאָרט אַרויסגעשפּרונגען אויפ'ן הימעל, ווי נייגיריגע אויגען.

—זענט מוחל, ווילענקין, איהר האָט אַ צו-שווערען קאָפּ...—האָט זיך לענע פלוצלונג בּעוועגט.—און לאָמיר זיך טאַקע אויפהויבּען.

דער גאַנצער קנויל האָט זיך געריהרט פון אָרט, לענע האָט זיך אויפגעהויבּען אַ הויכע, אַ ווייסע: ווייס דאָס קלייד, דאָס געזיכט, די הענד. נעבּען איהר איז געשטאַנען ווילענקין מיט אַנ'אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און האָט געוואָרטשעט מיט אַנ'אָנשטעל און אַ טאָן פון אַ שכור:

—נו, האָבּ איך אַ שווערען קאָפּ. מילא, אַ שווערער קאָפּ, אַ לייכטער קאָפּ. אָבּער אַ שאָד. פאַר מיין שווערען קאָפּ האָט זיך דוקא געפּאַסט אייער לייכטער שויס...

בּיילין האָט איהם לייכט אַ שטויס געטאָן.

—טראָג זיך, חברה-מאַן, געה, געה,—האָט ער געזאָגט און אַ פערבּאָרגענע אויפרעגונג האָט געציטערט אין די ווערטער:—דו האָסט אונז היינט קאַליע געמאַכט אַנ'אָוועַנד.

ווילענקין האָט זיך צולאַכט מיט אַ טרוקענעם שטעכיגען געלעכטערל און דער שפּיציגער קאָפּ האָט זיך איהם דראָבּנע און גאָכאַנאַנד געבּוקט אונטער'ן טונקעלען דעכעל פון דער נאַכט.

—שוטה!—האָט ער צולעצט גראָבּ אַ זאָג געטאָן.—וואָס געהמסטו זיך איבּער? וואָס האָסטו געהאַט פון דעם אָוועַנד? און וואָס בּעהמסטו זיך איבּער ווי אַ גימנאַזיסט פון פערטען קלאַס? איך וועל דיר זאָגען אָפענע קלאָרע ווערטער: לענע איז אַ שען מיידעל. נו, זעהר אַ שען מיידעל. איך געה צו איהר, עס ציהט מיך צו איהר, מיר פערבּרענגען צוזאַמען. אָבּער דאָס איז דאָך

גאָרנישט! איך פיהל, אַז דאָס איז גאָרנישט! וואָס מעהר איך געה צו לענע׳ן, אַלץ מעהר זעה איך די פלאַכקייט, דעם אומ-זין דערפון... איך געה אַ פערליבטער, דאָס הייסט אַ געצוואונ-גענער, מיט אַ גאָגעניש אין האַרצען און איך זעה, אַז דאָס איז נאַרישקייט... לענע בעדאַרף זיך גאָרנישט בעליידיגען. זאָל זיין נישט לענע, זאָל זיין אַנ׳אַנדערע, נו, איך ווייס? וואָס איז די התפעלות? פאַרהאַן העכערע זאַכען פון שענע מיידלעך און פון ליבע. פאַרהאַן אַ הימעל מיט שטערען, פאַרהאַן אַ טויט, פאַרהאַן אַ נביא, מסירת-נפש... איך גיב דיר מיין קאָפּ, אַז ווען לענע ווערט מיין ווייב, ווערט זי מיר נמאס און העסלעך אין אַ יאָהר אָדער צוויי אַרום... אָבער לענע בעדאַרף זיך גאָרנישט בעליידיגען, זאָל זיין נישט לענע, אַנ׳אַנדערע...

סטולסקי האָט געמיינט, אַז נאָך דידאָזיגע ווערטער וועט אויסברעכען אַ סקאַנדאַל, האָט ער זיך אויפגעהויבען, ווי אַ חיה׳לע, וואָס וויל זיך נישט בעטיילינען אין אָנפאַל, נאָר וואָס וויל בחינם געניסען פונ׳ם רויב, און האָט זיך מיט שטילע גנב׳ישע טריט אַריינגעשטעלט צווישען ווילענקינ׳ען און לענע׳ן. קיין סקאַנדאַל איז אָבער נישט געווען.ביילין האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ גרויסען גענעץ, ווי אַנ׳ענטפער אויף ווילענקינס ווערטער, און לענע האָט מיד אַ זאָג געטאָן:

—וואָס לעניעט איהר, ווילענקין?...

דער עולם האָט זיך אויפגעהויבען. די מיידלעך האָבען אָנגעטאָן די שטרויענע היט אויף די קעפּ און, שאָרכענדיג מיט׳ן טרוקענעם שטרוי, אַריינגערוקט די לאַנגע שפּילקעס אין זיי, און נאָכדעם האָט מען מיט אָבגעלעגענע פּיס זיך אַראָבגעלאָזט פון באַרג. רחל׳ע האָט גענומען זאַלקינד׳ן אונטער׳ן אָרעם, זיך גע-טוליעט צו איהם, געפּאַכט מיט די ווייסע פיסלעך באַרג-אַראָב און גערעדט:

—זאַלקינד, איך בין שענער פון לענע׳ן. הונדערט מענ-שען פון הונדערט ווען זאָגען, אַז זי איז שען, אָבער צעהן מענשען פון הונדערט וועלען זאָגען, אַז איך בין שענער פון איהר. לענע האָט געוועהנליכע פאַרבען: שוואַרצע האָהר און אַ

זוייס לייב. איך האָב קופּערפאַרביגע האָהר, קליינע, געקרייזעלטע, און אַ גאָלדען לייב... מיין הויט איז אַ גאָלדענע, דו פער-שטעהסט? און איך נעהם מיך נישט איבער דערמיט. איך טראַכט נישט דערפון. אָבער לענע טראַכט. זי נעהמט זיך איבער. און איהר נעהמט זיך אויך איבער מיט איהר שענקייט און מעהר הערט מען נישט פון איין, ווי לענע, לענע, לענע... איהר פערשטעהט?

זי האָט איהם געזאָגט דו און געזאָגט איהר און זיך אַליין מעהר און מעהר צוגעטוליעט צו איהם אָדער געשלעפּט איהם שטיפעריש ביים אָרעם און בעת מעשה לייכט געפּאָכט מיט די ווייסע פיסלעך באַרג-אַראָב, און זאַלקינד האָט זי געהערט, אַ צוזייהטער, ווי אַ ווייטען עכאָ און האָט געקוקט אַזוי ווי מיט בלינדע אויגען אין הימעל אַריין. אַ קליינע, בלאַסע און שע-מעוודיגע לבנה, איינגעפּאַסט אין אַ געלען נעבעל, איז אַרויס-געפּאַלען אויפ׳ן הימעל, און דערשראָקען, נישט זיכער האָט זי זיך געגליטשט אין זיין בלויקייט, ווי אַ קינד אין אַ ים. אָבער אין לופטען האָבען שוין געפּאָכט די פער׳כשופ׳טע פליגלען פון דער נאַכט, וואָס האָט געטראָגען צירונג פאַר דער לבנה און פאַר׳ן הימעל. אויף דער ערד האָט זיך אויסגעשפּרייט יענע יום-טוב׳דיגקייט און יענער געהיימער פלאַטער פון ליכט און שאָטען, וואָס קומט אַלעמאָל אין אַ שטילער זומערנאַכט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד פליט ערגעץ ווייט-ווייט, הינטער זונען און שטערן, אויף אַ גרויסען באַל פון אַ סך ערדען, וואָס קומען ווייזען זייער עשירות פון ליכט און שאָטען. אַזוי איז געווען אין פעלד. אין שטאָדט אָבער איז די ערד געלעגען אונטער געלען קינסטליכען ליכט אַנ׳אַלטע און אַ געוועהנליכע, אויסגעטראָטען אין גאַסען און פלעצער, און די קליינינקע זייגערלעך אין די קעשענעס האָבען מיט פּישטשענדיגע שטימע-לעך אָנגעוויזען די צייט און געשריען, אַז עס איז שוין שפּעט. און די זייגערלעך האָבען נישט געגנאַרט: עס איז באמת געווען שפּעט. דער געדיכטער אָווענד-גערויש איז געפּאַלען און וואו-נישט-וואו האָט געקלאַפּט אַנ׳איינזאַמע דראָזשקע. צו דעמדאָזיגען

קלאַפּען האָט זיך צוגעקלעבט דער מידער קלאַנג פון אַ טראַמ-וואַי-גלאָק און ביידע קלאַנגען האָבען משונה געציטערט אין דעם אָבגעפּאַלענעם גערויש פון דער שטאָדט.

—איהר זענט בלאַס, זאַלקינד,—האָט זיך רחל׳ע פּלוצלונג אָנגערופען און האָט איהם אָנגעקוקט מיט שענע, גוטע, פאַלשע אויגען.—וואָס פאַר אַ מענש ביזטו? שטענדיג פערטראַכט, פער׳-דאגה׳ט...

—איך טראַכט גאָרנישט, רחל׳ע...—האָט זיך זאַלקינד אַזוי ווי פערענטפערט.—דאָס שווייג איך בלויז...

—קענסטו נישט שווייגען, מיין ליבער,—האָט זיך רחל׳ע ווידערראַמאָל אָנגערופען.—נאָך אַלעמען ביזטו אַ גאַנץ לאַנגוויילי-גער בחור... איהר קענט אפילו נישט שווייגען ווי געהעריג, דייכט... פריהער אָבער זענט איהר נישט געווען אַזאַ שלאַק...

—יאָ, איך בין לאַנגווייליג,—האָט איהר זאַלקינד נאָכגע-געבען.—מיט מיידלעך דאַרף מען שטענדיג ריידען, שטיפען, זיך בעוועגען...

—איך וועל דיר שוין אַרויסשלאָגען די לאַנגווייליגקייט,—האָט זיך רחל׳ע אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער און האָט איהם שטיפעריש איינגערוימט אויפ׳ן אויער, אָנריהרענדיג איהם מיט די ליפּען ביים שלייף.—איהר וואַרט נאָר אָב מיט האַרצ-קלאַפּעניש דידאָזיגע מינוט... מיר קלאַפּט אויך דאָס האַרץ אין אַזאַ פאַל...

זאַלקינד האָט מיד אַ שמייכעל געטאָן און זיך איבערגע-קוקט מיט איהר ווי צוויי פערשווערער.

נעבען לענעס וואוינונג האָט מען זיך אָבגעשטעלט. איהר ווייס געזיכט מיט׳ן שטרויענעם היטעלע האָט זיך שטרענג גע-הויבען איבער דעם פערשטויבטען קנויל מענשען. זי האָט איינ-גאַנצען געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ הויכען זייל שניי, וואָס ענ-דיגט זיך מיט אַ היטעלע. אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, אַ מידער שמיי-כעל, אַ שימער און אַ פּאָך מיט׳ן ווייסען קלייד-און דער טויער האָט זי איינגעשלונגען, ווי אַ שוואַרצער טונעל.

באַלד נאָך לענע׳ן האָט מען בעגלייט רחל׳ען, וואָס האָט

זעהר געוואָלט עסען. זי איז געווען אונגעדולדיג און איילינ, ווי אויף אַ וואָקזאַל. איהר קליין הענדטעל האָט, אין איילעניש, קוים אָנגעריהרט אַלעמענס הענד, אָבער ביי זאַלקינד׳ן האָט זיך זיִ עטוואָס פערהאַלטען.

— זענט נישט זויער און לאַנגווייליג, — האָט זי איהם אַ שעפּטשע געטאָן. — איך האָב פיינט לאַנגווייליגע בחורים, אַ רעגען און אַלט שוואַרץ ברויט...

זי האָט געוואוינט אויף אַ מיאוסער גאַס, אין אַ ראָג, אין אַנ׳אַלטען רויטען מויער, מיט שמוציגע טרעפּ צום גאַס. געשיקט און געניט איז זי אַרויפגעלאָפען אויף די פינסטערע טרעפּ, און עס האָט זיך געהערט, ווי זי האָט דערגרייכט די טיר און האָט זי מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ געעפענט.

— נו, וואָס רעכענסטו צו טאָן? — האָט ביילין אַ פרעג געטאָן זאַלקינד׳ן — ווּעסט אפשר געהן מיט מיר?

זאַלקינד האָט געפיהלט, אַז ער וועט איהם שטעלען די־ דאָזיגע פראַגע, און ער האָט זיך אינערליך איינגעצויגען, איינגעשרומפּען, ווי אַ מענטש אונטער אַ דונער. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און געענטפערט קוקענדיג אָן אַ זייט:

— ניין, איך וועל געהן אַהיים. איך בין היינט אַ ביסעל פערנומען...

צוזעגענט זיך מיט אַלעמען, איז ער אַוועק אַליין. שוין פון אָנהויב, געהענדיג אַליין און אַרויסזיפצענדיג פון זיך די שווערקייט פון דעם שפּאַציר, וואָס האָט זיך געצויגען אַ גאַנצען טאָג, האָט איהם אַרומגענומען אַ גרויסע פוסטקייט, פונקט ווי ער וואָלט פערלאָרען דאָס האַרץ, און איהם האָט זיך געדאַכט, אז ער געהט אַליין ערגעץ אין אַ וויסטעניש, וואו קיינער וועט זיך נישט אָפּרופען, וואָס מיט איהם זאָל נישט געשעהן. אָט געהט ער אַזוי, שטעלט טריט, בויגט אָן עטוואָס דעם קאָפּ, האַלט אין האַנד אַ שטעקען און פיהלט דאָס לעבען אין זיך, אָבער ער האָט קיינעם נישט אין אָט דער גרויסער וויסטעניש. ער האָט נישט — נישט קיין פריינד און נישט קיין בעקאַנטע. אפילו קיין טאַטע און מאַמע, קיין שוועסטער האָט ער נישט.

אַמאָל האָט ער זיי יאָ געהאַט—און איצט נישט. און די וויסטעניש, ווי גרויס זי איז אויסערליך, אַזוי גרויס צעוואַקסט זי זיך אין איהם אינערליך, איז אַריינגעקראָכען, ווי אַ נעבעל, אין האַרץ, אין מח, אין אַלע גלידער, האָט זיי צוצויגען, צושלעפּט און אָבגעטיילט איין טייל גוף פון אַ צווייטען. און עס דאַכט זיך, אַז ער וועט צופאַלען ווערען אויף שטיקער, אויף איינציגע שטיקער, וואָס וועלען זיך צוזייהען ווי ווייסע טרוקענע ביינער, איבער דעם גרויסען מדבר.

נאָר ביים זייט לויפט אַ טראַמוואַי, דאָס גלעקעל קלינגט, עס לייכטען עלעקטרישע לאַמטערנעס, דראָזשקעס לויפען מיט פּאַסאַזשירען צום שפּעטיגען צוג, און עס איז בשום אופן נישט קיין וויסטעניש. דאָס האָט זיך אַ ווײַלע נאָר אַזוי אויסגעדאַכט. ער איז אין זיין שטאָדט, אין זיין אייגענער שטאָדט, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, וואָס יעדע גאַס, יעדען מויער, דעם ברוק אפילו, האָט ער טויזענדער מאָל געזעהן, און ער געהט בלויז אַהיים צו זיינע עלטערן, וואָס וואוינען אין אַ גרויס אייגען הויז אין דערדאָזיגער שטאָדט.

דאָס וויסטעניש האָט געמידען, אָבער איצט האָבען זיך די מויערן צונויפגעדריקט, צוזאַמענגעקוועטשט און האָבען נאָר איבערגעלאָזט פאַר איהם אַ קליין שטעגעלע, אַ גליטשיגס און אַ שוואַרצס. און אָט האָט ער באַלד נישט וואו צו געהן. דאָס שטעגעלע ווערט שמעלער און שמעלער. און אָטעמען איז נישטאָ מיט וואָס. און עס דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט איז געקומען אַהער, אין דעמדאָזיגען פונקט, האָט זיך צוטיילט אויף צוויי זייטען, און, צונעהמענדיג די לופט, האָט זי איהם נאָר איבערגעלאָזט דאָס גליטשיגע שטעגעלע. און די גאַנצע וועלט מענשען האָט זיך פערקליבען אין די מויערן, ביי ביידע זייטען, און זיי קוקען אַרויס פון די פענסטער, די מענשען, און שאָקלען מיט די קעפּ און טייטלען אויף איהם מיט די פינגער, און לאַכען און לאַכען מיט אַ ווילדען שטעכיגען געלעכטער.

—ער וועט געהן, ער וועט געהן און וועט פאַלען,—האָט זיך איהם אָנגעבונדען אַ געדאַנק מיט אַ ריטם פון אַ ליד, אַקו-

ראַט אין טאַקט צו זיין טראָט,—ער וועט געהן, ער וועט געהן און וועט פאַלען! ער וועט געהן, ער וועט געהן און וועט פאַלען!

אַ פּאָר גאַסען האָט ער אַזוי ווי נישט דערקענט, און אַז ער איז, ענדליך, צוגעגאַנגען צום ווייסען פיר-שטאָקיגען מויער, וואָס האָט געהערט צו זיין טאַטען, האָט ער דערזעהן די לבנה, אַ קלאָרע און אַ פרעהליכע, אַ ריינעם בלויען הימעל מיט גאָלדענע שפּיזעלעך, און אַ קאַלטער שווייס, ווי פערלייכטערונגס-טרערען, האָט איהם בעדעקט דעם שטערען. איהם איז באמת לייכטער געוואָרען.

V.

אַ גאַנצע וואָך צייט האָט זאַלקינד זיך נישט געזעהן מיט זיינע בעקאַנטע. ער איז צו זיי אומישנע נישט געגאַנגען. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער בערוהיגט זיך, אַז אין זיין לעבען טרעט אַריין אַ שנוי פון בעהערשונג און אינערליכען גלייכגעוויכט. עטליכע אָוועגדען איז ער געזעסען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און שוועסטער אין עסצימער. עס האָט געקאָכט דער סאַמאָוואַר און מען האָט געטרונקען טיי. דער גרויסער אַלט-בעקאַנטער זייגער האָט היימיש, ווי אַמאָל אין זאַלקינדס קינדער־יאָהרען, אויסגעשלאָגען די שעה, אויפ׳ן וואַנד האָבען געשמייכעלט די טאַפּעטען אונטער די שטראַהלען פונ׳ם בליין-לאָמפּ, און פון דעם טאַטען און דער מאַמען, און פונ׳ם שוועסטערל און פון די וועגד און פונ׳ם מעבעל האָט געבלאָזען אַ וואַרימקייט און אַ זיכערקייט אין געלד, אין מאָרגען, אין געזונד. ביים טיש האָט מען ווענעג גערעדט, אָבער אַלץ איז געווען אַזוי פערשטענדליך און איינגעפונדעוועט, אַז אָנשטאָט אַ וואָרט, האָט מען בלויז בעדאַרפט אַ שאָקעל טאָן מיט׳ן קאָפּ. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געווען צוויי געזונדטע

פשוט׳ע מענשען, וואָס האָבען ליב געהאַט געלד, עסען, געשעפט און שלאָפען. דער טאַטע—אַ בערדיגער, מיט אַ קורצען האַלז, די מאַמע—אַ הויכע מיט וואָגיגע טריט און אַ טאָפּעלער גאָמבע. זיי האָבען געלעבט אַ שטום פערטאָן לעבען, און אין אָוועגד, ביים טיי, האָט מען אַמאָל שטיל און קורץ זיך בעריהמט מיט עפּיס אַ געשעפט-איינפאַל, מיט אַ קלוגען סוחר׳ישען צוג. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט זיין בעשטימטע פונקציע אין די געשעפטען, און די מאַמע האָט געאַרבייט נישט וועניגער פון טאַטען. אין שטוב האָט מען וועניג געלאַכט, וועניג הויך גערעדט פון וועלטליכע אָדער זייטיגע זאַכען, דערפאַר אָבער האָט מען קיינמאָל נישט געוויינט, נישט געקלאָגט, נישט בעדויערט, נישט געזיפצט און זיך נישט געקריגט. יאָ און ניין—דידאָזיגע צוויי ווערטער האָט מען תמיד געהערט אינדערפריה ביים שאַרען און שאַרכען מיט די שטעקשיך און אין אָוונד ביי דעם קלינגען און קלאַפען מיט די לאַנגע קראָם-שליסלען. דער טאָג האָט אויפגעדעקט צוויי רוהיג-געזונדטע, געלאַסען-ענערגישע מענשען און די נאַכט האָט צוגעדעקט צוויי רוהיגע געזונדטע, געלאַסען-ענערגישע מענשען. אָבער די קינדער זענען געוועזן די איינציגע מניעה און דאָס איינציג-אונפערשטענדליכע אין דערדאָזיגער שטוב. צאַרטע, בלאַסע און פערקלערטע, האָבען זיי זיך גאָרנישט געפּאַסט צו דעם געזונדטען פאַרב פון זייערע עלטערן. אָבער די עלטערן האָבען ליב געהאַט די קינדער פאַר זייער שוואַכקייט און בלאַסקייט און האָבען זיי געלאָזט שטודירען פון ליבע און רחמנות. זייער לעבען האָט זיך געגויטיגט אין עפּיס אַ מניעה און דידאָזיגע מניעה האָבען זיי געפונען אין זייערע שוואַכע קינדער.

דאָס שוועסטערל, צילה, איז אַלט פערצעהן יאָהר און לערנט זיך נישט שלעכט אין גימנאַזיע, אָבער זי איז אינגאַנצען עהנליך צום ברודער מיט איהר פערטראַכטקייט, מיט איהרע גרויסע אויגען און געוואַלדיגען חשק צו ביכער. זי איז אָבער דאָך אַ רוהיגע, אַנ׳אויסגעהאַלטענע און קאָן אַ סך לאַכען. ביי איהרע פערצעהן יאָהר איז זי אפילו אויסערליך פערבליבען ווי-

אַנ'אַכט-יעהריג קינד, און עס איז אונמעגליך פאָרויסצוזעהן, ווען וועט זי איפּהערען אויסצעווייזען קינדיש. אויפ'ן פלייצע ליגט איהר אַ קליין שמאָל בלאָנד שטייף צעפּעלע, ווי ביי אַ מיידעלע. פון פאָרענט, ביים שטערען, זענען די האָהר שטייף צוגעקעמט אין אַ גלייכען שייטעל, די גרויע אויגען זענען נאַאיוו-קינדיש, די בעקלעך צאַרט, קליין און אונשולדיג און דאָס מיילעכל איז אַ שמאָלס און אַ ציטריגס, פונקט ווי עס וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ וואָרט. לייענען לייענט זיך אַ סך, איבערהויפּט ראָמאַנען, נאָר אויסער די מעשה—בעמערקט זי אין זיי גאָרנישט.

זאַלקינד'ן איז געווען שטאַרק אָנגענעהם צו זיצען און הערען, ווי זי רעדט און בעוועגט בעת מעשה מיט דער נאַאיוו-ציטריגער אויבערשטער דינער ליפּ. און אַז ער האָט איהר דערקלערט, אַז דאָס אַלץ, וואָס האַנדעלט זיך אַרום דער מעשה, איז סוף-כל-סוף וויכטיגער ווי די מעשה גופא, האָט זי מיט צוטרוי געשמייכעלט און דאָך נישט מסכים געווען.

—די מעשה איז אָבער שענער!—האָט זי פער'עקשנ'ט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

און זאַלקינד האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, און אַ לאַכענדיגער, איז ער איבערגעגאַנגען צו זיך אין צימער. דאָרט איז, ווי אַלעמאָל, געווען שטיל, און אויפ'ן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ אונטער אַ בלויען אַבאַזשור. דאָס איז געווען אַ בעזונדער צימער, נישט איבעריג גרויס, אויף איין פענסטער, און האָט זיך געגרענעצט מיט'ן קאָרידאָר, וואָס האָט געפיהרט צו דער גאַס-טיר. אויף די טונקעלע טאַפּעטען, אויף דעם שען-צוגעבעטען בעט, אויף דער פראַנטישער קושעטקע און דעם קליינעם שרייב-טיש איז געהאַנגען עפּיס אַ בעזונדער ווייכקייט און זויבערקייט, און די בעקאַנטע האָבען אָפטמאָל איינגעפונען, אַז דאָס איז אַ מיידעל-צימער, אַז אַ מיידעלשער גייסט שוועבט איבער איהם, און אָפט האָט מען אויף דעם סמך גע'חוזק'ט פון זאַלקינד'ן. מיידלעך האָבען טאַקע ליב געהאַט אויסצונוצען דאָס צימער פאַר געהיימע בריוועלעך.

דוד קאַסעל.

זאַלקינד האָט אַ ביסעל געלייענט און איז אַוועק שלאָפֿען. איהם איז געווען אָנגענעהם צוזופּצולעגען די הענד אויפ'ן האַרצען, איינגנורען דעם קאָפּ אין קישען און צומאַכען די אויגען, אַ רוהיגער, אָהן פערלאַנגען, אָהן רעיונות, ווי אַן'איינגעוויגטער. נאָר אַקוראַט סוף וואָך איז געקומען רחל'ע, אין אַ ווייס קליידעל, ווייסע שיכעלעך, מיט ברוינע לאָקענדלעך-גלעקעלעך ביים שטערען, און די אויגען האָבען איהר אויך אויסגעזעהן, ווי ברוינע קלינגענדיגע גלעקעלעך. זי האָט באַלד אָנגעפילט דאָס שטילע צימער מיט אַ ריח פון בעז, מיט געלעכטערלעך, מיט טאַנץ-טריטלעך, מיט אַ שימער פון נאַקעטע הענד און נאַקעטען לייב. און באַלד דערויף איז אויפ'ן שרייבטיש פונאַנדערגעוואָרפען געוואָרען אַלץ, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, עס זענען צוריסען געוואָרען זאַלקינדס אַ פּאָר נויטיגע פּאַפּירלעך, אַ טינטער איז איבערגעקעהרט געוואָרען מיט'ן דעק אַרויף און אַ שוואַרצער פּאַס איז, געדרעהט ווי אַ שלאַנג, אַוועקגעלאָפען גלייך צום ברעג טיש.

זאַלקינד האָט זיך לכתחילה, ווי אַ זייטיגער אַוועקגעזעצט אויפ'ן קושעטקע. ער האָט גוט געקענט דאָסדאָזיגע מיידעל, הגם ער האָט זי שטענדיג זעהר דעליקאַט און אומבעמערקט אויסגעמידען. זי האָט איהם טיילמאָל געשטערט מיט איהר פרייער האַלטונג און לייכטער אויפפיהרונג. דער געשלעכטס-גדר האָט לחלוטין נישט עקזיסטירט פאַר איהר. זי האָט זיך אַרומגעפיהרט מיט אַלע בחורים פון קרייז און האָט זיי גענומען זיכער און עקשנות'דיג, ווי אַ בחור נעהמט אַ מיידעל. אין בעשטימטע מינוטען איז זי בכלל געווען אָנפאַלעריש, אָנגרייפליך, ווי אַ בחור. דערפון האָט עטוואָס געליטען די אָבשאַצונג פון איהר שענקייט. זי איז געווען איינע פון די שענסטע מיידלעך אין קרייז, אָבער דערפאַר וואָס זי האָט זיך קיינמאָל נישט געוועהרט, ווי אַ מיידעל, האָט מען זיך וועניג אומגעקוקט אויף איהר שענקייט. זי איז ביליגער געוואָרען. ווילענקין האָט זי דאָך געליבט:

—זי ווייס אַ סך און האָט אַן'אויג... קלוג—אַ רוח! נו,

און זי איז דאָך שען... זי איז דאָך זעהר שען.

איצט האָט עס, קענטיג, געהאַלטען ביי זאַלקינד'ן. זי האָט זיך פעסט גענומען צו איהם, און ער האָט זיך געשפירט אונ־בעהאָלפען און האָט געקווענקעלט. זי האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן שרייבטיש, געקלאַפּט אַ שיכעלע אָן אַ שיכעלע, געקוקט אויפ'ן שוואַרצען טינט־שלענגעלע, וואָס האָט זיך ביים ברעג טיש געבראָכען און טראָפּענווייז אַראָבגעטריפט אויף דער פּאָדלאָגע און אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול, וואָס האָט אַלעמאָל גלייכצייטיג געקלונגען, ווי אַ סאָפּראַן און ווי אַנ'אַלט:

—צו וואָס בין איך געקומען אַהער? איך געה שוין טאַקע אַוועק... דו ביזט זויער, מיאוס, גאַריש און פויל... אַ פוילינקער זויערער זקן... איהר מוזט זיין נישט געזונד, זאַלקינד?...

זאַלקינד האָט זיך אויפגעהויבען פון דער קושעטקע און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

—פאַרוואָס בין איך נישט געזונד?—האָט ער געפרעגט און האָט זיך אויך פערקוקט אויפ'ן טריפענדיגען טינט.

—אָבער דו זעהסט דאָך אויס, ווי אַ לעמעשקע, נו, זאָגט אַליין, קאָן אַ מיידעל אַריין צו אַזאַ בחור? מען ווערט דאָך אָב־הענדטיג און פער'יתומ'ט... מען קאָן דאָ קראַנק ווערען פון אור־מעט, פון עקעל, פון נודנעקייט. וואָס האָב איך דאָ אייגענטליך צו טאָן און נאָך וואָס בין איך געקומען? דרויסען איז אַזאַ שע־נער פאַרנאַכט. עס איז אַזאַ פרעהליכע בעוועגונג אין גאַס, און דאָ איז נודנע און טויט, ווי אין אַ קבר... איך געה מעהר נישט אַהער.

רחל'ע האָט זיך שוין מעהר נישט געוואָרפען און זיך מעהר נישט בעוועגט. די הענדטלעך האָט זי צוזאַמענגעלעגט אויפ'ן שויס, דאָס בעזעל אויסגעצויגען, די אויגען עטוואָס מ'ר פערגלאָצט, ווי אַ מענש, וואָס לעבט איבער אַ שווער חרטה־געפיהל. זאַלקינד האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנד און האָט זי טיפער אָנגעקוקט. איהרע אויגען האָבען איהם אָנגעריהרט מיט אַ ווייכען שיין, און די הענד, דער האַלז און די ברוסט האָבען

איהם אַ גלעט געטאָן מיט׳ן צאַרטען ריח פון אַ בעז-בוימעלע, וואָס ווערט עטוואָס צעשאָקעלט פון ווינד

—רחל׳ע,—האָט ער געזאָגט,—למאי שרייסטו? אויב דיר איז שווער דאָ אין צימער, קאָנען מיר געהן אין אַ קאַפע, אין גאָרטען.

—ניין, מיט דיר איז מיר שווער,—האָט רחל׳ע שטיל געזאָגט.

דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז עטליכע מינוט: רחל׳ע איז צוריק בעוועגליך געוואָרען. פון טיש זענען געפלויגען די לעצטע טיש-זאַכעלעך און זי האָט ווידער געקלאַפּט אַ שיכעלע אָן אַ שיכעלע.

—דו מוזט לעבען, זאַלקינד!—האָט זי אויפגעהויבען איהר קול, אין ווערכען עס האָט שטאַרק געקלונגען דער סאָפּראַן מיט׳ן אַלט.—טרינק דאָס לעבען, ווי אַ שכור טרינקט שפּירט. קרים זיך און טרינק, שאַנעווע זיך נישט. אַנ׳אַנדער הויט וועט זיך אָנציהען אויף דיר...

די קופּערנע לאָקענדלעך-גלעקעלעך האָבען איהר געציטערט ביי די שלייפען, די אויגען האָבען זיך געגרעסערט, פונ׳ם ווייכען שיין איז געוואָרען אַ ציטריגער גלאַנץ, די ליפּען זענען אָנגעגאָסען געוואָרען מיט אַ לעבעדיגער ראָזיגקייט, די ווייסע שיכעלעך האָבען געפּלאַטערט און דער צאַרטער ריח פונ׳ם בעז-בוימעלע האָט זיך צעגאָסען איבער׳ן צימער, ווי אַנ׳אונרוהיגע כוואַליע. זי איז אַראָבגעשפּרונגען פון טיש, האָט אַ טאַנץ געטאָן מיט צושפּרייטע הענד און אַ צושפּרייט לופטיג קליידעל איבער ווייסע דורכזיכטיגע זאָקען מיט קליינינקע צאַרטע שפּיצען פון די הויזלעך, און האָט איהם אַ גלעט געטאָן פאַר די האָהר אַזוי, אַז זיין קאָפּ איז צוגעפאַלען צו איהר אָרעם. ער האָט געפיהלט, אַז אין איהרע תנועות, בעוועגונגען און נישט-בעשיידענקייט ליגט עפּעס אַ געוואַלדיג-שטאַרקער הייס-בלוטיגער אמת, אַנ׳אמת, וואָס שלאָגט, ווי אַ דופק, אין די אַלע ערטער, וואו מענשען לעבען און בעוועגען זיך, און ער האָט זיך אונטערגעגעבען דעמדאָזיגען אמת. ער האָט צוגעמאַכט די אויגען,

און האָט פערלאָרען דעם קאָפּ אויף איהר ברוסט, אין איהר שויס, אין איהרע קיהלע צאַרטע פינגער, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דער בעז-ריח רופט איהם טיפער אין איהר, אין רחל׳ען, און ער איז געגאַנגען נאָך דעמדאָזיגען ריח אין איהר, אין רחל׳ען. ער איז געוואָרען אַ קלייניטשקער און אַ לייכטער, און זי איז געוואָרען גרעסער און ווייכער און האָט זיך צו-שפּרייט ווי אַ וואָלקען אין דער לענג און אין דער ברייט, און אומעטום, וואו זיין ליפּ און זיין האַנד איז געפאַלען, איז געווען רחל׳ע. רחל׳ע—אַ הייסע און אַנ׳איין-אָטעמדיגע, און אַ נאָכגיביגע. אָבער דידאָזיגע נאָכגיביגקייט האָט בלויז גע-צוואונגען און בעפוילען.

אין צימער איז געווען שטיל און טונקעל, און עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס קלאַפּען פון׳ם אייגענעם בלוט, וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט בערוהיגען.

שפּעטער, אַז ער האָט זיך דערפיהלט שווערער און גרע-סער און דאָס בלוט האָט אַזוי הויך נישט געקלאַפּט אין דער שטילקייט פון צימער, האָט ער אין דער טונקעלער לופט דער-זעהן איהרע אויגען: דינע פייערדיגע שפּיזעלעך האָבען זיך איהר ווילעוויז אַרויסגערוקט פון די שוואַרצאַפּלען און זיך פערבאָרגען צוריק, אַרויסגערוקט—און זיך פערבאָרגען צוריק. אָבער די ליפּען האָבען מיד געשמייכעלט.

—לאָמיר אַוועקפאָהרען, זאַלקינד,—האָט זי געזאָגט, און עס האָט זיך געפיהלט, אַז זי רעדט בלויז דאָס, וואָס ס׳פאַלט איהר תיכף איין אויפ׳ן אָרט, אָהן אַ צוזאַמענהאַנג צווישען איין מחשבה און אַ צווייטער.—לאָמיר התונה האָבען...

זאַלקינד האָט זיך אויפגעהויבען פון קושעטקע און גענו-מען שפּרייזען איבער׳ן צימער מיט אַ וואַרימען נעבעל אין די אויגען און מיט אַ האַלב שכור׳ען קאָפּ. און רחל׳ע האָט ווי-דעראַמאָל געזאָגט:

—איך וואָלט איצט געגעסען אייזקרעם...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ווידער געקלונגען איהר צווי-קלאַנגענדיגער קול:

—מיין עלטערע שוועסטער האָט געבוירען אַ מיידעלע...

זאַלקינד האָט איהר נישט געענטפערט. ער האָט גע-שפּרייזט איבער'ן צימער און געטראַכט, אַז עס איז גוט, וואָס די אויגען זענען בעדעקט מיט אַ נעבעל און דער קאָפּ איז פער'שכור'ט. אַזאַ מין צושטאַנד בעפרייט איהם פון שווערע רעיונות, פון צער און יסורים און ער עפענט אַ פרייען וועג, דורך וועלכען מען קאָן אַרויס פון פער'כשופ'טען קרייז. אָט איז גאָר נישטאָ קיין פער'כשופ'טער קרייז, אַלע כמאַרעס זענען צורונען, אַלע וועגען זענען אָפען, און ער שפּירט אַ פעסטען באָדען אונטער די פיס, און גלייך איז ער מיט אַלע געזונדטע זייטיגע מענשען, וואָס אָטעמען פריי. און פון דאַנקבאַרקייט האָט ער, שפּרייזענדיג, אָבגעקעהרט דאָס פּנים צו דער קושעטקע און האָט צאַרט אַ זאָג געטאָן:

—רחל'ע, איך האָב דיך ליב...

און רחל'ע איז געלעגען מיט אויסגעצויגענע פיס, מיט די הענד פערלעגט אונטער'ן קאָפּ, און די לאָקענדלעך-גלעקע-לעך האָבען זיך איהר פערלאָרען אין די האָהר, פונקט ווי עמיץ וואָלט זיי פערדריקט און צוטראָטען.

—איצט דאַרף איך דיין ליבע נישט...—האָט זי געזאָגט.—דו זעהסט? עס ווערט נאַכט.

עס איז געוואָרען טונקעלער, אָבער די פייערן פון שטאָדט האָבען אַריינגעוואָרפען אין פענסטער אַ געלען שיין, און אין דעמדאָזיגען שיין האָט זיך אויסגעשיילט אַ וואַנד, דער שרייב-טיש און די קושעטקע מיט רחל'ען. די וואַנד, דער שרייבטיש און די קושעטקע מיט רחל'ען האָבען זיך איבערגעקוקט, ווי לעבעדיגע קלוגע ברואים, וואָס זענען שוין לאַנג געקומען צו דער מסקנא, אַז די בעסטע טאַט אין דער וועלט איז די טאַט פון אַ חטא. מען דאַרף געהן אַראָב, אַראָב, אַראָב,—האָבען זיי שטיל בעוועגט ווי מיט קעפּ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעמדאָזיגען צימער, צווישען דידאָזיגע פיר וועגד האָט מען לייכט און רוהיג געקאָנט דערטרינקען, דערוואָרגען, דער'הרג'ע-

נען אַ מענשען און בעת מעשה אָנפילען דאָס האַרץ מיט גרויס תענוג

נאָכדעם האָט דאָס בלויע פענסטער אויפגעזאַמעלט די זילבערנע טראָפּעלעך ליכט, וואָס זענען געפאַלען פון די שטערען. און די געדיכטע טונקעלקייט האָט זיך אויסגעפּוצט מיט׳ן גאָלד פון די שטאָדט-פייערן און מיט׳ן זילבער פון די שטערען. זאַלקינד האָט געעפענט דאָס פענסטער. אַ שווערער גערויש פון שטאָדט, ווי אַ געדיכטער הערבסט-רעגען, האָט זיך אַריינגעגאָסען אין צימער, און האָט דערשטיקט די שטילקייט אונטער זיך, ווי אַ קליין צאַרט וואָלקענדעל. זאַלקינד האָט זיך משונה אַרומגעקוקט, איז אַדורכגעגאַנגען דאָס צימער, ווי אויף אַ גליטש און איז ווידעראַמאָל צוגעפאַלען צו רחל׳ען.

עס איז געווען שטיל און שפּעט, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט מיט ציטריגע הענד אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. דער בלויער הימעל איז באַלד שוואַרץ געוואָרען און דורך דעם אָפּענע פענסטער האָט איהם אָנגעקוקט די שטאָדט מיט געלע פייערדיגע ציינער. הינטער איהם איז אויפגעשטאַנען רחל׳ע, פריהער האָט זי אַרויפגעצויגען די זאָקען, וואָס האָבען זיך אַראָבגערוקט און נאָכדעם האָט זי פון אַלע זייטען אַ ציה געטאָן דאָס דינע לייכטע קליידעל, וואָס האָט זיך שטאַרק איינגעקניימשט. נאָכדעם האָט זי פונאַנדערגעלאָזט די האָהר און גענומען פלעכטען איהרע קליינע קאַפּריזנע צעפּלעך. זי איז געווען בלאַס, בייז און קאַלט.

—איך געה נישט אַהיים. איך שלאָף דאָ...—האָט זי אַ זאָג געטאָן טיף אין נאָז, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.

—אָבער...—האָט זיך זאַלקינד נישט זיכער בעוועגט.

—וואָס אָבער?

—ס׳איז נישט בעקוועם...

—וואָס גערט עס מיר אָן? פערקעהרט, זאָל טאַקי זיין נישט בעקוועם...

אָבער אַז זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט די צעפּלעך און האָט ווי עס איז איינגעלעגט די לאָקענדלעך-גלעקעלעך אויפ׳ן

שטערן, האָט זי אָנגעטאָן דעם הוט און ווידער אַ זאָג געטאָן טיף אין נאָז:

—בעגלייט מיך!

ביידע האָבען זיך שטיל אַרויסגערוקט אין דרויסען. רחל׳ע האָט זיך לייכט אָנגעלאָזט איבער׳ן שווייגענדיגען שטיין פון טראָטואַר, אָנפּילענדיג די פאַלדען פון קליידעל מיט פרישער לופט, און זאַלקינד איז איהר נאָכגעגאַנגען פון הינטען. איבער דער טויטער גאַס האָבען שטיל גע׳גוסס׳עט די שטערען אין הימעל, און די פייערלעך פון די לאַמטערנעס האָבען אויך גע-וואָלט גוסס׳ען און נישט געקאָנט. אַ פנים פון אַ פערגליווערטען בעגינען-פּאָליציאַנט אָדער אַנ׳איינזאַמער דראָזשקע-פוהרמאַן האָט זיי וואו-נישט-וואו נאָכגעקוקט, ווי אַ טויטע מאַסקע. רחל׳ע האָט זיך פּלוצלונג אָבגעקעהרט צו זאַלקינד׳ן:

—וואָס טהוסטו,—האָט זי געפרעגט,—ווען איך קום נישט מעהר צו דיר?... איצט וועט שוין נישט זיין—נישט לענע, נישט רחל׳ע...

און זי האָט זיך צעלאַכט אין בעגינען אַריין מיט אַ שאַרפען שפּיציגען געלעכטער.

זאַלקינד האָט עטוואָס אויפגעשוידערט, אָבער ער האָט זי גענומען אונטער׳ן אָרעם און איז געגאַנגען גלייך מיט איהר. אויף איהר האַלז, אויף דער באַק און ביים קליינעם אויערל האָט ער דערקענט די סימנים פון זיינע קושען, און דערפון האָט ער אויפגעשוידערט נאָכמעהר, ווי פון איהר געלעכטער. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען שפּורען פון פיינליכע פּיזישע ליגענס.

צוגעגאַנגען צו רחל׳עס וואוינונג, ביים רויטען שמוציגען ראָג-מויער, האָבען זיי זיך צוזעגענט. ביידע האָבען געהאַט קאַל-טע הענד מיט אַ שפּירונג פון עקעל אין די פינגער. זאַלקינד האָט געשוויגען, און רחל׳ע האָט זיך אָנגערופען גלייכציי‌טיג מיט אַ סאָפּראַן און אַנ׳אַלט:

—איך האָב דיך פיינט, זאַלקינד, ווי אַ העסליכקייט, ווי אַ פערזעהעניש און איך האָב פיינט דאָס מויער און מיין טאַ-

טען און מיין מאַמען און מיינע שוועסטער און ברידער... פוי!

און זי האָט זיך האַסטיג אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפּ.

זאַלקינד איז אַוועק מיט אַ שווערען קאָפּ צוריק. גרויע רעיונות, ווי שווערע מתים-גופים האָבען איהם אַזוי ווי אָנגעפילט דאָס האַרץ, די הענד און די פיס, נאָר ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט אַלע כּוחות, געזוכט מיט די אויגען דעם וועג ווי אַ פערד, וואָס שלעפט א וואָגען מיט משא, און נישט דערלאָזט זיך צו טראַכטען. אַריין מיט אַ שווערען קאָפּ און מיט שטילע טריט צו זיך אין צימער, האָט ער דערשפּירט אַ קאַמף פון צוויי קערפּער-ריחות: זיינער און רחל׳עס. אָבער רחל׳עס ריח האָט גובר געווען. רחל׳ע האָט געשמעקט פון די ווענד, פון טיש, פון די שטוהלען און בעזונדער׳ס שטאַרק—פון קושעטקע.

VI.

ציבעל׳יג האָט ער אינדערפריה בעגעגענט לענע׳ן אין גאַס. שוין פון וויטען האָט ער דערקענט די שלאַנקע פיס, וואָס האָבען זיך לייכט געצייכענט אונטער׳ן ווייסען קלייד און די געמאָסטענע רוהיגע שטאָלצע טריט, און זאַלקינד׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז אין גאַס איז ליכטיגער געוואָרען, פּונקט ווי אַ שטראַהל וואָלט זי בעגלייט. באַלד אין דעם ערשטען מאָמענט, בשעת ער האָט דערזעהן דעמדאָזיגען שטאָלצען געמאָסטענעם טראָט, האָט ער זיך אפילו דערשפּירט בייז, האַרט און פערגאַלט און אַ בעזונדער רציחה האָט פערכאַפּט זיין מחשבה: וועד אייגענטליך טוט מיט איהר דאָס, וואָס איך טו מיט רחל׳ען? אָבער וואָס קלענער עס איז געוואָרען דער שטח צווישען זיין אויג און דעמדאָזיגען שלאַנקען פוס, אַלץ לייכטער, העלער און ריינער איז איהם געוואָרען אויף דער נשמה, און עס האָט איהם גענומען ציהען צו איהר, ווי אַ קינד צו ליכט. ער האָט זי

אָנגעיאָגט און האָט זי מוטיג אָבגעשטעלט.

—אָך, זאַלקינד!—האָט זי זיך אויפריכטיג דערפרעהט און האָט איהם אונגעוועהנליך שטאַרק אַ דריק געטאָן די האַנד.— וואו זענט איהר דאָס געווען? פאַרוואָס זעהט מען אייך נישט? איך האָב געבענקט נאָך אייך. באמת געבענקט. ביי אַלעמען זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך. אָבער קיין איין מאָל נישט צו קומען. שוין זשע מיינט איהר, אַז אונז בינדט גאָרנישט?

—וואָס בינדט אונז?—האָט ער געפרעגט און האָט זיך גע-וואַרעמט אין אויפריכטיגען טאָן פון איהר וואָרט.

—וואָס בינדט אונז? קומט, לאָמיר געהן. קומט מיט מיר,— האָט זי איהם אַ ציה געטאָן מיט די אויגען.—אונז בינדט די בעקאַנטשאַפט... די אויפריכטיגע בעציהונג צו איינאַנדער און די געוועהנהייט זיך צו זעהן... אַז איהר קומט נישט, פעהלט איהר מיר. נו, און איך האָב אייך ליב. איך האָב אייך אַלעמאָל ליב, ווי אַ גוטען ברודער. פאַרוואָס פערשטעהט איהר דאָס נישט?

און ווייך און אויפריכטיג האָט זי איהם אָנגעקוקט מיט די שענע קאַלטע אויגען.

אַ בלויער הימעל איז געהאַנגען איבער׳ן קאָפּ, אַ גאָלדענע זון האָט געשפּילט דאָס ליכט פון טאָג אויף לאַנגע פייערדיגע פליטען און אַ ליכטיגע ערד איז געלעגען אונטער די פיס, און זאַלקינד האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אַ זעלטענע קלאָרקייט צווי-שען איהם און איהר. מען האָט איצט געקאָנט ריידען דאָס סאַ-מע פיינליכסטע און בלוטיגסטע. די ווערטער און דאָס געמיט זענען געלייטערט געוואָרען דורך דער זון און דורכ׳ן הימעל, און דאָס האַרץ האָט נישט געליטען.

—לענע,—האָט ער זיך פלוצלונג אָנגערופען מיט אַן׳אָפּ-געפרישטער גע׳טובל׳טער שטים,—לענע, איהר האָט מיך ליב ווי אַ פריינד, ווי אַ ברודער, אָבער איך האָב אייך ליב מיט אַ העכערער, דאָס הייסט מיט אַ פיינליכער ליבע... ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אייך איצט גענומען אויף די הענד און וואָלט אייך אַרומגעטראָגען דאָס גאַנצע לעבען. איך דאַרף גאָר-נישט, נאָר טראָגען אייך, נישט אַראָבלאָזען אייך אין גאַס, אויף

דער ערד. אויף דער גאַנצער וועלט איז אפשר פאַרהאַן איין אָרט, איין ווינקעלע, וואו איך דאַרף זיין, וואו איך קאָן אָטע-מען—דאָס איז נעבען אייך... איבדערפריה, אַז איך שטעה אויף, טראַכט איך: לענע. זעה איך: לענע. און בייטאָג דאָס אייגענע און ביינאַכט דאָס אייגענע. לענע אין מחשבה. לענע אין אויג. דאָס איז פיין און משוגעת. דאָס איז אָבער ליבע, לענע. יע-נע ליבע, וואָס מאַכט אַ תל פון אַ מענשען, וואָס פערצעהרט איהם, ווי אַ פייער. זאָגט מיר, ווי קאָן איך געהן צו אייך, ווי אַ פריינד, ווי אַ ברודער? וואו נעהמט מען כוחות דערצו?

לענע האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און אַ דריק געטאָן זי. אַ לייכטע רויטקייט האָט איהר אַ שפריץ געטאָן אי-בער'ן באַק, אָבער דאָס אויג איז געבליבען דאָסזעלבע קאַלטע שענע אויג, וואָס פריהער.

—איך פיהל דאָס, זאַלקינד, אָבער דאָס איז דאָך אַ נאַ-רישקייט, אַנ'איינריידעניש, ווי מיין באָבע זאָגט אַלעמאָל... איהר האָט עס גענומען אַזוי טראַגיש, אַז מיט אייך איז גאָרנישט צו ריידען וועגען דעם. לאָזט אָבער אַראָב מיט אַ הונדערט טענער נידעריגער. מיר זענען אַ גרויסאַרטיגער מאַטעריאַל פאַר ברודער און שוועסטער, פאַר פריינד, פאַר חברים, פאַר וואָס איהר ווילט, אָבער נישט פאַר אַ „פאָרעל״, פאַר אַ ראָמאַן,—האָט זי זיך צע-לאַכט,—פאַר געליבטע... ווי קום איך דערצו? איך האָב אַ לעדיג האַרץ פאַר אַזוינע זאַכען... איך פערשטעה אַלץ, וואָס בעפוצט און בעפעפערט די ליבע: איך קען קאָקעטירען, פייניגען, מאַ-טערן, אַרויסציהען די נשמה, ריידען מיט'ן אויג, מיט'ן שמיי-כעל, אָבער ליבע... די ליבע אַליין—דאָס זעהט מיר אויס ווי אַ נאַרישקייט...

—איך גלויב אייך נישט,—האָט זאַלקינד, פערזונקען אין איהרע ווערטער, ווי אין אַ שווערען חשבון, אונטער וועלכען מען קאָן בשום אופן נישט אונטערציהען קיין סך-הכל, אַ זאָג געטאָן.—לענע, איך גלויב אייך נישט.

און זי האָט רוהיג געשמייכעלט מיט קאַלטע אויגען.

—מיר בעגעגענען זיך דריי יאָהר צייט כמעט טאָג אין

טאָג, און איהר קענט מיך נישט! דאָס איז אַ שלעכטער אַטעס־טאַט פאַר אייך.

—איהר וועט אָבער אַריינפאַלען, לענע. עס וועט קומען אַזאַ איינער,—האָט ער זיך געשטאַרקט אין זיין מחשבה,—און ער וועט אייך נעהמען. איך ווייס אָבער נישט מיט וואָס—צי מיט חוצפה, צי מיט אינטעליגענץ...

—וואָס רעדט איהר, זאַלקינד? מ י ך קאָן מען נ ע ה מ ע ן?—האָט זי געפרעגט מיט אַזאַ לייכטען געמיט, אַז זאַלקינד האָט איהר אין דער שטיל מקנא געוועזן.

אין איהר קול, ווי אין טראָט, האָט זיך געפיהלט געזונד יונג בלוט, שטאָלץ און בעשערט פערזיכערט גליק.

—ער וועט אָבער נעהמען נישט אייך אַליין,—האָט זאַל־קינד ווייטער געזאָגט,—נאָר מיך אויך... מיין לעבען וועט ער נעהמען. אייער לעבען וועט זיך דורכציהען, ווי אַ גאָלדענער שטראַהל. דערביי וועט זיך אָבער ציהען אַ שאָטען. און דער שאָטען־דאָס בין איך. און ווער עס וועט נעהמען דעם שטראַהל, דער וועט אויך נעהמען דעם שאָטען...

לענע האָט זיך צולאַכט.

—זאַלקינד,—האָט זי געזאָגט און האָט איהם אַ גלעט גע־טאָן מיט די קאַלטע אויגען.—לאָמיר ריידען איינפאַכער. לאָמיר ריידען, ווי פריינד.

—ניין, דאָס נישט... ליבע האָט פיינט בעטלעריי, און פריינדשאַפט אין ליבע—דאָס איז אַ נדבה. איך קאָן בעטען אַ שטיקעלע ברויט, אַ גראָשען, אַ העמד אויפ׳ן לייב, אָבער נישט אַ שטיקעלע ליבע, אַ שטיקעלע בעציהונג, אַ שטיקעלע זכרון, אַ שטיקעלע נשמה...

ער האָט קיינמאָל מיט לענע׳ן נישט גערעדט אַזוי פריי, אָהן יסורים און פיינליכע זשעסטען. ער איז לאַנגזאַם און רו־היג געגאַנגען מיט איהר פוס אין פוס, מיט די שוואַרץ בלוי[illegible] האָהר און דעם ווייסען האַלז אין אויג און האָט דורך שטיל[illegible] ווערטער ענטפלעקט די סאַמע פערבאָרגענסטע ווינקעלעך פון [illegible] נשמה און זיינע איבערלעבונגען. און די זון האָט אַלץ געשפי[illegible]

אויף לאַנגע גאָלדענע פּלייטען דאָס ליכט פון טאָג און איבער'ן קאָפּ איז געהאַנגען אַ בלויער ים, און די שטיינערנע מויערן פון שטאָדט האָבען זיך פערוואַנדעלט אין פּאַלאַצען מיט גאָלדענע זיילען און געשליפענע פענסטער, און אין לענע'ן, האָט זיך געדאַכט, איז געלעגען דער שליסעל פון העלען גליק נישט בלויז פאַר איהר, נאָר אויך פאַר זאַלקינד'ן און פאַר אַלע מענשען—פאַר דער גאַנצער וועלט.

פלוצלונג האָט זי זיך ווידעראַמאָל צולאַכט און געזאָגט:

—מיר ריידען אַ סך. אָבער איהר זענט דאָך מיין שאָטען? טאָ קומט בעגלייט מיך. איהר מוזט דאָך מיך בעגלייטען!

און זי איז אַריין מיט איהם אין אַ געשעפט, וואו זי האָט געקויפט קליינישקע, פיין-געקוועטשטע קאָנווערטעלעך; נאָכדעם האָט זי איהם אַריינגעפיהרט אין אַ דושנעם צימער פון מאָדיסטקעס, מיט אַ סך גאַרדינען, שפּיגלען, צוגעפּוצטע לאָמפּען און היטעלעך, וואו עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט פרויען-שוויים און פּודער און וואו אַלטע געפּאַרבטע מיידלעך האָבען אויף דינע בלויע ליפּען אַרויפגעצויגען אַ שמייכעלע און זיך שטיל איבערגעשמועסט מיט לענע'ן; פון די מאָדיסטקעס איז מען אַריין אין אַ גרויס טוכלע הויז, וואו לענע האָט אַנ'אַלטען טוכלע מענשען אויסגעצאָהלט געלד און גענומען אַ קוויטונג און פון דאָרט האָט מען ווידער אַ ביסעל שפּאַצירט איבער דער אייגענער גאַס, און מען איז נאָכדעם אַריין אין אַ קליין גערטענדעל עסען אייזקרעם. די בוימער אַרום די טישלעך האָבען מיד און פערשמאַכט געהויבען די צווייגען אין דערהויך, ווי זיי וואָלטען געוואָלט טרינקען דעם הימעל און הייסער זומערשטויב איז געלעגען אויף די בלעטער. זאַלקינד האָט שוין מעהר נישט גערעדט. אַ שטיק נשמה איז איהם אויסגעלאָשען געוואָרען, ווי אַ גרין שטערענדעל, אָבער ער האָט זיך געפיהלט רוהיג, נאָכגיביג און געהאָרזאַם.

—אָט אַזוי, נאָכגעהן נאָך איהר, פאָלגען אהער, ווי אַ הונד, ווי אַ שאָטען,—איז איהם טיילמאָל איינגעפאַלען,—וואָלט אויך געווען נישט שלעכט. מעהר בעדאַרף מען אפשר נישט...

און ער האָט זיך איינגעשרומפּען און לענע איז איהם, ווי אַלעמאָל, געוואַקסען און געוואַקסען אין די אויגען מיט'ן ווייסען האַלז און קאַלטען שמייכעל. אַ שטיק צייט איז מען שווייגענדיג געזעסען ביים טישעל, און אַז מען האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך לענע אָנגערופען:

—קומט, מיין ליבער שאָטען. איצט געה איך אַהיים. בעגלייט מיך.

זאַלקינד האָט זי אָבגעפיהרט אַהיים אַליין מיט דעמזעלבען געפיהל פון געהאָרזאַמקייט און נאָכגיביגקייט. ווען זי וואָלט איצט געוואָלט טרעטען איבער איהם מיט די פיס, וואָלט ער זיך אָהן ווערטער אַוועקגעלעגט אויף דער ערד און וואָלט געלאָזט טרעטען איבער זיך, און ער וואָלט איהר נאָך געדאַנקט און געקושט די פיס דערפאַר. ביים גוט בעקאַנטען טויער פון לענעס וואוינונג האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנד און האָט אַזוי ווי צום ערשטען מאָל בעמערקט, אַז זי איז מיט אַ גאַנצען קאָפּ העכער פאַר איהם—אַ הויך שלאַנק מיידעל און אַ קלייניטשקער בחור. דאָס איז אויך אַ מורא'דיגער פעהלער. זי מוז שטענדיג קוקען העכער פון איהם, פון אַ העכערן פונקט. נאָכדעם האָט ער בעמערקט אַ הויך פענסטער מיט ווייסע גאַרדינען—לענעס צימערל, און אונטער איהם—אַ קעז-קראָם מיט אַ מיאוס בלוי שילדעל, פונקט ווי דידאָזיגע קראָם וואָלט געהערט צו זאַלקינד'ן. ער האָט געדריקט לענעס האַנד, אָבער די קעז-קראָם איז מיט גרויס חוצפה געקראָכען אין אויג אַריין, און פון דער הויך האָט רוהיג און שטאָלץ געשמייכעלט לענעס פענסטער מיט ווייסע זייבערע גאַרדינען. נאָר לענע האָט געזאָגט:

—זאַלקינד, זענט אַ מענש און קומט עפּטער אַרויף צו מיר. נישט פערגעסט, איהר זענט דאָך מיין שאָטען...

ער האָט געדריקט איהר האַנד און צוגעטראָגען זי צו די ליפּען, און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, נאָר מיט'ן אויג אַליין געזעהן די קעז-קראָם מיט'ן פענסטער אויבען. לענע איז אַריין אין טויער און זאַלקינד איז אַוועק, אָנגעפילט מיט שווערע אונפערשטענדליכע שפּירונגען, ווי מיט אונרוהיגען שוים. ער איז גע-

גאַנגעז מיט שווערע טריט און אין דמיון האָט זיך אַלץ געדרעהט און געצאַפּעלט, ווי אין אַ פער׳כשופ׳טען קעסטעלע: ליעגעס ווייסער האַלז, דאָס הויכע פענסטער מיט די גאַרדינען און די קעז-קראָם מיט׳ן שילדעל. באַלד דערויף האָט ער אָנבעגעגעגט ביילינ׳ען, וואָס האָט, ווי אַ יונג געזונד פערד, געאָטעמט מיט פרישע כוחות און שמחה. ער האָט לאַנג געדריקט זאַלקינדס האַנד, געלאַכט ווי אַ ישוב׳ניק מיט אַ ברייט-אויפגעריסענעם מויל און דורכ׳ן געלעכטער געשאָטען מיט איינצעלנע ווערטער:

—וואו ביזטו... געווען... צו אַלדי שוואַרץ יאָהר!... אַ מענש... ווערט פערפאַלען!

זיי זענען אַריין אין אַנ׳ענגער קאָנדיטעריי מיט ווייסע טישלעך, רויטע פּנימ׳ער און שווער סאָפּענדיגע נעזער. די הייסע דושנע לופט האָט געפּאָכט איבער די באַקען מיט אַ ריח פון קאַווע און שוויים פון די קעלנער. ביילין האָט בעשטעלט אייזקרעם, און זאַלקינד האָט געקוקט אויף זיינע ברייטע און צעוואָרפענע בעוועגונגען, אויף זיין פרייען שאַר מיט׳ן שטוהל, אויף זיין אַרויסגערוקטער טרוקענער גאָמבע פון אַ גירייבען צעלאָזענעם יונג, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז שענער און שטאַרקער פאַר איהם. נאָר שענער און שטאַרקער פאַר איהם, ווייזט איהם אויס, זענען אפילו די אַלע, וואָס זיצען דאָ ביי די טישלעך מיט רויטע פערשוויצטע פּנימ׳ער. דאָס זענען אַלץ מענשען, וואָס געהען אויף זיכערע פיס, וואָס ריידען מיט באַטיגע מאַנסבילשע שטימען, וואָס האָבען גרויסע אַפּעטיטען און טראַכטען זיכער און קורץ. ווען מען זאָל אַזאַ איינעם אַוועקשטעלען אויף איין וואָג מיט איהם, וועט יענער אַריבערוועגען. און דאָס איז נישט בלויז דערפאַר, ווייל יענער האָט מעהר פליש, נאָר ווייל יענער איז עפּעס אויך מ ע ה ר מענש. און ווי אַלעמאָל, ווען זאַלקינד האָט זיך טיפער פערזונקען אין דידאָזיגע רעיונות, האָט ער געפונען אין זיך לויטער חסרונות און אינ׳ם צווייטען—בלויז שענקייט און מעלות.

—דו ווייסט מיט ווענמען איך האָב היינט געשפּאַצירט?—

האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן ביילינ'ען און איז רויט געוואָרען.—מיט לענע'ן... געמאָסטען מיט איהר די גאַסען, געשמועסט...—האָט ער זיך אָבגעהאַקט.—זאָג, זי איז דיינע?

—מיינע?—האָט זיך ביילין צעלאַכט מיט אַ ברייט אויפגעריסענעם מויל.—לענע איז, ברודער, אַ צו-שווערער ביסען. אָבער איך ווער נישט נתפעל פון איהר. דאָס גלאָצט איהר די אויגען מיט התפעלות אויף איהר. דאָס טאַנצט איהר אַרום איהר ווי דערשראָקענע גימנאַזיסטלעך. איך האַלט מיך רוהיג און קאַלט און דערפאַר טאַקע...

—וואָס דערפאַר טאַקע?

—בין איך דער סאַמע נאָהנטסטער צו איהר. פערשטעהסט? איך קאָן ווירקען אויף איהר. איך קאָן זי בינדען, ווי מען זאָגט. איך קאָן זי האַלטען אין צוים... אָבער צו וואָס? איך האָב אַנדערע קאַפּריזען אין קאָפּ, איידער לענע...

זאַלקינד האָט איהם געגלויבט. ער האָט איהם אָנגעקוקט ווי אַ גליקליכען מענשען און האָט איהם מקנא געווען מיט אַ ליכטיגער, גוטער, נישט-זינדיגער קנאה. ביילין איז אַ מענש אָהן אַ פער'כשופ'טען קרייז, אָהן פיינליכע חשבונות און אָהן פיינליכער ליבע, וואָס גרענעצט זיך מיט משוגעת, און זאַלקינד'ן האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס ביילין וועט זאָגען, וועט זיין אמת, אַז נאָר אַזוינע מענשען ריידען געזונד און אמת'דיג.

—יאָ,—האָט זאַלקינד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.—דו ביזט גערעכט...

—נו, אודאי בין איך גערעכט!—האָט זיך ביילין אַטעסטירט מיט אַ לייכטען געמיט.—קיין ליבע איז, ברודער, נישטאָ, עס זענען נאָר דאָ מיידלעך, פרויען, און מען דאַרף זיי קענען נעהמען... איינע שטאַרקער, איינע שוואַכער. אָבער דו מוזט אַלעמאָל זיין קלוג און שטאַרק. אָט האָסטו דיר אַ לעקציע אין דריי קורצע ווערטער...

נאָך דערזאָגער לעקציע איז מען אַרויס פון דער קאָנדיטעריי און זיך צושיידט, און זאַלקינד האָט ווידעראַמאָל דערהערט די אייגענע ווערטער:

—זאָלסט קומען, דו הערסט? וואָס ווייזטו זיך נישט? באַהאַלט זיך נישט, ווי אַ שוואַך חיה'לע, אין דיין נאָרע. קום צו געהן.

זאַלקינד איז אַוועק אין שטאָדט-גאָרטען און האָט געטראָפען ווילענקינ'ען. וואונדערליך איז איהם היינט געגאַנגען מיט בעקאַנטע. ווילענקין האָט אויסגעזעהן בלייך און דערשלאָגען און אָפּגעלאָזט, נישט אַרומגעשאָרען, אַזוי ווי נישט אַרומגעוואַשען, און באַלד ווי ער מיט זאַלקינד'ן האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, האָט ער זיך אָנגערופען:

—איך פיהל מיך נישט גוט. אין מיר קומט פאָר—זאָגענדיג מיט'ן בעקאַנטען סטיל—אַ קריזיס... קיין גרויסע מלוכות וועלען, באַמירליך, נישט אונטערגעהן צוליב דעמדאָזיגען קריזיס... איך וועל מסתמא אַוועק צוריק צו מיינע לעקציעס און וועל זיצען מעהר אינדערהיים... אָבער דערווייל איז אומעטיג און נודנע, פוי.

ווילענקין האָט, אַ פערקרימטער און אַ בייזער, געצופט דאָס צו־טויבערטע בערדעל זיינס, און מיט פעראַכטונג אַ שפּיי געטאָן, ווי אַ פויער.

—ווער איז שולדיג?—האָט זאַלקינד אַ פרעג געטאָן.

—קיינער נישט, מסתמא,—האָט ווילענקין אַרויסגעמורמעלט.

—לענע...—האָט זאַלקינד נישט זיכער צוגעוואָרפען.

—פאַרוואָס?—האָט ווילענקין אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען.—לענע איז אַ שען מיידעל, און הלואי וואָלט זי יאָ געווען שולדיג... עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט. שולדיג איז דאָס נודנע לעבען, וואָס ציהט זיך, ווי פעך, ווי גרויער קליי. יעדער טאָג איז אַ שטיק פעך, אַ שטיק קליי...

—מען טאָר זיך אָבער נישט אָבלאָזען...—האָט זאַלקינד אַ זאָג געטאָן אַזוי ווי נישט מיט זיין קול.

ווילענקין האָט זיך זויער פערקרימט.

—פאַרוואָס אייגענטליך טאָר מען זיך נישט אָבלאָזען? וועמעס געזעץ איז דאָס?—האָט ער זיך צושריען מיט איינגעהאַל-

טענע קולות און אָנגעכאַפּט זאַלקינד'ן פאַר דער האַנד, פונקט ווי ער וואָלט איהם געוואָלט שלאָגען.

און זאַלקינד האָט זיך אַזוי ווי פערענטפערט:

—איך ווייס? אפשר איז דאָס באמת אַ נאַרישקייט... אַ מענש מעג פאַלען, ווי ער מעג זיך אויפהויבען. ווען אַ מענש ליידט, זענען אַלע כּלים און געזעצען לעכערליך...

„און דאָס, וואָס איך האָב אָקאָרשט געזאָגט, איז אויך אַ גרויסע נאַרישקייט״,—האָט זאַלקינד באַלד דערויף אַ טראַכט געטאָן און האָט זיך אַרומגעקוקט. די זון האָט שוין נישט געשפּילט אויף לאַנגע גאָלדענע פליטען דאָס ליכט פון טאָג, נאָר ווי אַ שווערע פייער-לאַסט איז זי געלעגען אויף דער שטאָדט. אין גאָרטען זענען די בוימער געשטאַנען מיט אַ דורכגעשרפּ'עטער גרינקייט אין די בלעטער, די גראָזען האָבען זיך געבויגט צו דער ערד מיט דאָרשטיגע שפּיצען און געזוכט פייכטקייט אויף איהר.

זאַלקינד האָט זיך אויפגעהויבען, זיך צוזעגענט מיט ווילענקינ'ען און איז אַוועק אַהיים. אָבער אין וועג האָט ער ווידעראַמאָל געהאַט אַ נייע בעגעגעניש: סטולסקי'ן.

ער איז זאַלקינד'ן געגאַנגען פון פלייצע און האָט דער ערשטער אָנגעהויבען ריידען. סטולסקיס זייפיג פּנים, מיט די בלייכע אויגען, מיט דעם ברייטען שטערען, פון וועלכען מען האָט זיך געקאָנט אָנשטויסען אפילו אונטער'ן הוט, אַז ווייטער געהט אַ פליך איבער'ן קאָפּ, האָט זאַלקינד'ן אָבגעגאָסען מיט אַ געלען הערבסט-שיין. זאַלקינד האָט נישט געהערט וואָס ער רעדט. ער האָט נאָר געפיהלט, ווי צופרידענע קוויטשיגע קלאַנגען פאַלען איהם נאָכאַנאַנד פון די ליפּען און שטעכען איהם, זאַלקינד'ן, אין די שלייפען. פון שוואַכקייט אָבער איז ער לאַנג געגאַנגען מיט איהם און האָט איהם עפּטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

—יאָ, יאָ, יאָ...

מיד און אָנגעפּילט מיט קליינישטקע קאַלטע שפּילקעלעך, האָט ער געעפענט די טהיר, איז אַריין אין שטוב און האָט זיך

זויסגעצויגען אויפ'ן קושעטקע. דער פערבראַכטער טאָג אין גאַס האָט זיך געשטעלט פאַר די אויגען, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזעהן, איז געווען: לעבעט ווייסער האַלז, דאָס הויכע פענסטער מיט די ווייסע גאַרדינען, די קעז-קראָם מיט'ן שילדעל.

VII.

אין אָוועגד איז ער געזעסען ביים טיש אין עס-צימער. עס איז געווען ליב און היימליך, און זאַלקינד האָט שוין בעשלאָסען דעם אָוועגד ערגעץ נישט צו געהן. דאָס שוועסטערל איז געזעסען ביים טיש מיט אַ גרויסען, בעריהמטען רוסישען ראָמאַן, האָט שטאַרק פערטאָן און שנעל געקעהרט די בלעטלעך, פונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען איהרען אַ פערזענליכען ענין און זאַלקינד האָט מיט אַ מאָדנער הנאה געלאַכט. בעת ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס שוועסטערל זוכט אויך אין דעם ראָמאַן בלויז די מעשה. נאָר שפּעטער אַ ביסעל האָט ער זיך ערנסט פערטראַכט. ווער ווייס, אפשר איז טאַקע די מעשה, דאָס נאַקעטע געשעהעניש, דער פאַקט אַליין, נישט וויכטיגער פאַר דעם גאַנצען פּסיכאָלאָגישען בנין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען, ווי אַ הויכער טורעם אויף דעמדאָזיגען פאַקט? ווער ווייס, אפשר איז עס זיין נאַאיוו און נאַטירליך שוועסטערל די עכטע לעזערין, וואָס האָט אַ נאַטירליך און פראָסט געפיהל פאַר'ן לעבען, און עס אינטערעסירט איהר בלויז די מעשה, ווייל דער פּסיכאָלאָגישער טורעם איז געקינסטעלט און נישט נאַטירליך? נאָר איהם האָט זיך ווידער געוואָלט לאַכען, און עפּעס נאַטירליכעס און ריינעס האָט איהם געטריפט אין האַרצען אַריין פון איהר יונג און נאַאיוו מיידעכל, פון איהר קליינעם קיילעכדיגען שטערען, פון איהרע שמאָלע אַקסלען און דין העלזעל. ער האָט זיך צוגעזעצט צו איהר און עטליכע זייטלעך פון ראָמאַן האָט ער צוזאַמען מיט איהר דורכגעלייענט. דאָרט איז,

בּרייט, זיכער און לעבּעדיג בּעשריבּען געוואָרען אַ ספּאָרט אויף פּערד, און איינע, אַ פרוי, מיט אַ שטאַרק פּערליבּטען האַרץ, האָט שטעהענדיג צווישען פּובּליקום, בּעת מעשה אויסגעשריען: איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איהר געליבּטער, וואָס האָט זיך בּעטייליגט אין ספּאָרט, איז אַראָבּגעפאַלען פון פּערד. זאַלקינד האָט נאָכאַמאָל איבּערגעלייענט די עטליכע זייטלעך און האָט געצוואונגען דאָס שוועסטערל צו טאָן דאָסזעלבּע, נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבּען פון טיש מיט אַ מאָדנער שפּירונג, פּונקט ווי די ווענד, דער בּופעט און דער וואַנד-זייגער וואָלטען זיך עטוואָס בּעוועגט. בּאַלד דערויף האָט ער זיך צוריק געזעצט. אין שטוב איז געווען שטיל, און אין דערדאָזיגער שטילקייט האָט זיך האַרב געצייכענט דער שאָרך פון אַנ׳איבּערגעקעהרט בּלעטעל אין בּוך און די זשומענדיגע גוואַלד-געשרייען פון אַנ׳-איינזאַמער פליג, וואָס האָט זיך געראַנגעלט מיט׳ן פייער פון לאָמפּ. דאָס איז געווען די שעה, ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען זיצען געוועהנליך בּיים טיש, אָבּער היינט זענען זיי אַוועק אויף אַ תנאים פון עפּעס אַ קרובה.

זאַלקינד האָט זיך ווידער אויפגעהויבּען פון טיש און איז אונפערשטענדליך פאַר זיך אַריין אין קיך און אין שלאָף-צימער. פון דאָרט איז ער ווידער אַריין אין עס-צימער, וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בּיים טיש און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, אין דער כראָניק, וואו די קליינטשקע אותיות׳לעך האָבּען אי-בּעריג און קאַלט דערצעהלט וועגען אַ פופצעהן-יעהריג מיידעל, וואָס האָט זיך פערסמ׳ט, וועגען אַ פערד-גנב, וואָס איז אַריינ-געזעצט געוואָרען אין תפיסה און פון אַ קליינער בּאַהן-קאַטאַס-טראָפע.

די ווענד, דער בּופעט, דער לאָמפּ האָבּען זיך קוים בּע-וועגט פאַר׳ן אויג, די פּאָדלאָגע איז עטוואָס געשוואומען אַהין און צוריק, די צייטונג האָט אויסגעזעהן אין דער האַנד, ווי אַ שטיק שמוציגער, צוטראָטענער שניי, און זאַלקינד איז איבּער-געגאַנגען צו זיך אין צימער. ער האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, גענומען פון שרייבּ-טיש אַ בּוך און זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן

קושעטקע. איין האַנד האָט ער אַרויפגעלעגט אויפ׳ן שטערען, מיט דער אַנדערער האָט ער געהאַלטען דאָס בוך—און געלייענט. קומענדיג צו אַ קאַפּיטעל, האָט ער דאָס בוך אַוועקגעלעגט נע-בען זיך, האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערען, באַלד דערויף אים אויסגעגלעט מיט דער האַנד, טיף אָנגעצויגען דעם אָטעם און זיך פערטראַכט.

איהם איז פּלוצלונג נודנע געוואָרען דאָס זיצען אין שטוב, און ער האָט געטראַכט, וואוהין צו געהן. אפשר גאָר געהן צו לענע׳ן? אַריינגעהן צו איהר, דריקען איהר די האַנד, קושען איהר די האַנד, זאָגען איהר, אַז ער איז געקומען צו איהר ווי אַ משרת, אַ דינער, אַ קנעכט, אַ׳אייביגער אומזיסטער קנעכט, וואָס איז גרייט איבערצוטראָגען די גרעסטען בעליידיגונגען, די גרעסטע עולות און בזיונות, און צולעגען בגנבה דעם שטערען צו איהרס אַ קלייד, וואָס הענגט ערגעץ אויף דער וואַנד, צו איהרס אַ בלוזקעלע, אָדער זאָגען איהר, בעטען זי שטיל, ערנסט און שטרענג: „לענע, נאַט אייך אַ מעסער, דער׳הרג׳עט מיך. וואָס האָט איהר צו מיר?״ עס האָט זיך אָבער בלויז אַזוי גע-טראַכט וועגען לענע׳ן—געהן צו איהר האָט זיך נישט געוואָלט. דעמאָלט האָט ער בעשלאָסען צו געהן צו ביילינ׳ען און מיט איהם צוזאַמען פערברענגען פרעהליך און לייכטזיניג אַ נאַכט, ווי ביילין קען. אָבער אויך ביילין האָט נישט געצויגען. סוף-כל-סוף האָט קיינער נישט געצויגען און קיינער איז נישט געפעלען. ער האָט אויסגערעכענט אַלע בעקאַנטע און זייערע מעלות, גע-מאַכט אַ חשבון פון דעם אַלעם, וואָס זיי קאָנען איהם געבען און ער קאָן נעהמען, און קיין איינער פון זיי האָט איהם נישט. אויפגעהויבען פון קושעטקע. ווי פרעמדע טויטע מאַסקעס זענען געשוואומען זייערע פּנים׳ער פאַר זיינע אויגען, און עס האָט געעקעלט פון זיי. ענדליך איז ביי איהם געבליבען, ער זאָל געהן צו רחל׳ען. מיט רחל׳ען וועט ער אַ ביסעל שפּאַצירען און נאָכדעם וועט ער זי נעהמען צו זיך אין צימערל. זאָל זיך היינט איבער׳חזר׳ן דערזעלבער אָווענד, וואָס דעמאָלט. דאָסזעלבע משוגעת, דערזעלבער זיסער שווידער אין די בלוטען און דער-

זעלבער געמיש פון צוויי קערפער-ריחות. מען טאָר נישט טראַכטען פון ריינקייט און אָנשטענדיגקייט, בשעת עס איז נישטאָ קיין אויסוועג, בשעת עס איז נישטאָ קיין לופט, מיט וואָס צו אָטעמען. מען מוז זינקען אין גרויל און אין שמוץ, פערקויפען די נשמה דעם רוח, דעם קלענסטען שוואַרצעסטען שד׳ל און דערין געפינען אַ טרייסט. וואָרום זינקען איז אויך אַנ׳אויסוועג, אַ דערלייזונג, אַ בעפרייאונג. וואָס איז אייגענטליך די נפקא-מינה: איינער געהט אַרויס דורך העלע טירען, איינער דורך שוואַרצע. סוף-כל-סוף איז עס איינס און דאָסזעלבע. מען וועט ביי ביידען נישט מאָהנען. און אויב מען וועט יאָ מאָהנען, וועט אפשר דער, וואָס האָט געפונען זיין אויסוועג אין די שוואַרצע טירען, האָבען מעהר וואָס צו זאָגען און צו ענטפערן, ווי יענער, וואָס איז אַרויס דורך העלע זויבערע טירען. און זאַלקינד האָט זיך אויפגעהויבען פון קושעטקע, זיך אַרומגעוואַשען און זיך אָבגעפרישט מיט קאַלטען, הויט-צופענדיגען קעלניש-וואַסער און גענומען דעם שטרוי-הוט אין האַנד. ביים טיר האָט איהם אָבגעהאַלטען דאָס שוועסטערל:

—וואוהין?—האָט זי געפרעגט.

—איך וייס נאָך אויך נישט,—האָט ער געזאָגט,—מען דאַרף אַריינגעהן ערגעץ.

ער איז געווען זיכער, אַז ער געהט צו רחל׳ען, און האָט שוין פאָראויס געפיהלט דעם גראָבען קליין-קרעמערשען טאָן פון איהר הויז, מיט דער קורצער דיקער מאַמען, מיט דעם נאַרישען שוואַרץ-בערדיגען טאַטען און מיט די פיל שוועסטער, וואָס האָבען זיך לויטער געקלעבט צו יעדען מאַנסביל. ביי זיי אין שטוב איז שטענדיג געווען אַ יריד, אַ טופעריי פון פיס, קוויטשערייען, געשרייען, געלעכטער און קריג. מען האָט זיך אפילו פאַר אַ פרעמדען מענשען נישט געשעמט. אָבער רחל׳ע איז דאָך ווערט געווען מען זאָל אַרויפגעהן צו איהר. דורכגעגאַנגען אַ פאָר גאַסען, האָט זיך זאַלקינד מיטאַמאָל פערקוקט אויף אַנ׳אַלטער יודענע, וואָס איז געשטאַנען מיט צוויי פולע קוישען עפעל. זי האָט זיך איהם עטוואָס בעוועגט אין אויג, ווי די מויערן,

ווי דער הימעל, ווי די גאַס, און ער האָט בשום אופן נישט געוואוסט, פאַרוואָס ער קוקט אויף איהר. עפּעס איז איהם אויסגעקומען בעקאַנט די אַלטע, פונקט ווי ער וואָלט זי אַמאָל געזעהן אין חלום, מיט דיזעלבע קוישען, מיט דיזעלבע עפּעל, אין דעמזעלבען צוריסענעם קליידעל, בעלויכטען פון עלעקטרישע פייערן און פערקלונגען פון אַ פערביילויפענדיגען טראַמוואַי.

זאַלקינד האָט ביי איהר געקויפט עפּעל און איז אַוועק ווייטער. אונטען, אויף דער ערד, האָט געטומעלט, גערעדערט, געקלאַפּט און גערוישט, נאָר אויבען, איבער'ן הימעל, האָט געשוואומען אַ שטילע זומערנאַכט מיט אַ קליינער בלויער זון. און עס זענען געווען צוויי שאַרף-אָבגעגרענעצטע לעבענס: אַ לעבען אין דער זומערנאַכט, אונטער דער קליינער בלויער זון און אַ לעבען אין גערויש אויף דער ערד. אויף דער ערד האָבען געלעבט שווערע וואָגיגע טומעלדיגע מענשען און אונטער'ן הימעל, אַרום דער בלויער זון, האָבען געלעבט און זיך בעוועגט קליינינקע לופטיגע דורכזיכטיגע פרויען און קליינע צאַרטע מאַנסלייט, ווי בלאַסע יונגעלעך.

זאַלקינד האָט מיט קנאה געזוכט אין יענעם לעבען, וואָס איז געשוואומען הויך איבער דער ערד און האָט פּלוצלונג געענדערט זיין בעשלוס. וואָס וועט ער טאָן ביי רחל'ען? און צו וואָס דאַרף ער שפּאַצירען מיט איהר? און צו וואָס דאַרף ער זי נעהמען נאָכדעם צו זיך? און וואָס וועט זיין, אַז עס וועט זיך איבער'חזר'ן דאָס זיסע און הייסע משוגעת ביי איהם אין צימערל אויף דער קושעטקע? שוין-זשע וועט עס איהם באמת בערוהיגען? שוין-זשע וועט ער זיך אויף מאָרגען נישט דערפיהלען טויזענדער מאָל ערגער, ווי היינט? ניין, רחל'ע איז בשום אופן נישט קיין אויסוועג אין דעמדאָזיגען פער'כשופ'טען קרייז, אין דעמדאָזיגען טונקעלען לאַבירינט. עס איז פאַרהאַן ערגעץ אין אַ הויז אַ לענע. דאָס הויז שטעהט אין דערזעלבער שטאָדט, און דאָ איז עס, נישט ווייט. איצט איז שוין נישט וויכטיג, צי לענע איז שען, צי מאוס, צי זי האָט שוואַרצע האָר, צי בלאָנדע האָר; איצט איז בלויז וויכטיג, צו אָטעמען מיט

דערזעלבער לופט. וואָס זי אָטעמט, צו נעהמען אין האַנד דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטען אין האַנד, צו קוקען דערויף, אויף וואָס זי האָט געקוקט, צו לאַכען מיט איהר בשותפות, צו געהן איהר ביים זייט און אָטעמען איהר אָטעם און בעוועגען זיך מיט איהרע בעוועגונגען און לעבען איהר לעבען. ווי אַ לאַנגע צאַרטע סטענגע, האָט זיך געוויקעלט זיין מחשבה אַרום לענע׳ן און האָט זיך בשום אופן נישט אויסגענומען, זיך געצויגען און געצויגען, אָהן אויפהער, אָהן אַ סוף און פון דערדאָזיגער מחשבה-סטענגע איז איהם פלוצלונג קלאָר געוואָרען, אַז אין לענע׳ן, אין דעמדאָזיגען טייערען ווענען, ליגט אויך נישט דער אויסוועג פון פער׳כשופ׳טען קרייז. קיין אויסוועג איז בכלל נישטאָ און לענע איז סוף-כל-סוף נישט מעהר ווי אַ תירוץ פאַר אַ קראַנקער און צולעכערטער נשמה. און זאַלקינד איז אַ קראַנ-קע און צולעכערטע נשמה. אָט זעהט ער זיך פאָראויס. ער אַליין איז אַ פרעמדער, אַ געזונדטער מענש, וואָס קאָן הייסען משה אָקסמאַן אָדער חיים בופלאַקס אָדער אשר ביילין און פאָר-אויס געהט זאַלקינד, אַ קליין דראָבנע מענשעלע מיט אַ בלאַס פנים און מיט אַ צאַרטער הויט פון אַ פרוי. וואָס האָט אָט דאָס דראָבנע מענשעלע צו טאָן מיט לענע׳ן? וואָס פייניגט ער זיך מיט איהר? וואָס שמועסט ער זיך איין? וואָס נעהמט ער אָן קראַנקע דושנע נעכט פאַר ליבע? וואָס זוכט ער זיין פער׳-כשופ׳טען קרייז אין ליבע? ליבע איז אָנגריף, ליבע איז אַקציע, ליבע איז אַ שטאַרקע טואונג, און זיין גורל, זיין פער׳כשופ׳טער קרייז ליגט אין איהם גופא, אין זיינע קליינע טריט, אין זיינע דינע הענד און אין דער צאַרטער הויט פון אַ פרוי. אַזאַ קליין מענשעלע ווערט באַלד געבוירען מיט זיין אומגליק. די בייזע מחשבה נעהמט איהם אַריין אין דער אַרבייט נאָך אין די פרי-היגע קינדער־יאָהרען און אויף זיין אויג לעגט זיך דער נעבעל-דיגער טוי פון צער און אַנגסט. עס איז נישטאָ קיין לענע און נישטאָ קיין ליבע. עס איז נאָר דאָ אַ קליינינשקער דראָבנער זאַלקינד, וואָס שטעלט קינדישע טריט אויף דער האַרטער, טרוי-עריגער און רוישיגער ערד.

און זאַלקינד האָט זיך אומגעקעהרט צוריק. ווידער האָט ער דערזעהן די אַלטיטשקע מיט די עפּעל, דער טראַמוואַי איז פאַרבייגעלאָפען, און אַלטע, גרויע לייט האָבען זיך איהם כסדר געוואָרפען אין אויג, פונקט ווי דאָס וואָלט זיין מעהר ווי אַ צופאַל. אין שטוב האָט זיך איהם דאָך נישט געוואָלט אַריינ-געהן: עס איז איהם געווען אַ שאָד דער הימעל מיט דער קליי-נער בלויער זון און די דורכזיכטיגע לופטיגע מענשעלעך, וואָס זענען דאָרט אַרומגעשוואומען אין די בלויע זיידענע כוואַליעס פון דער נאַכט. אַ ווייל ע איז ער געשטאַנען אויפ'ן האַרטען טראָטואַר, געגלאָצט פער'יתומ'ט אין הימעל אַריין, ווי אַנ'איינ-זאַמער מענש ביים ברעג פון אַ ים, און איז דאָך אַריין אין שטוב. דאָס שוועסטערל האָט איהם בעגעגענט מיט פערוואונדער-טע אויגען.

—שוין צוריק?

—ווי דו זעהסט.

—פאַרוואָס?

—איך האָב זיך מישב געווען... מזע...—האָט ער זיך גע-פלאָנטערט—וואוהין צו געהן...

נאָר באַלד האָט ער צוגעגעבען:

—מיר וועלען טרינקען טהיי צוזאַמען? גוט?

ער האָט אַרויסגעצויגען די עפּעל אויפ'ן טיש, וואָס האָבען געגלאַנצט ווי צאַצקעס, האַלב-רויטע, האַלב-ראָזע, און אויף דער רויטער זייט האָט געשפּילט דער בליצלאָמפּ מיט'ן פייער, ווי אין אַ שפּיגעל. די דינסט האָט געמאַכט טהיי. זאַלקינד האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען דער שוועסטער. זי האָט נאָך אַלץ גע-לייענט דעם ראָמאַן. די קליינע פינגערלעך איהרע האָבען גע-שווינד געמישט אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל, און דאָס אויג האָט געשלונגען די שורות. באַלד האָט די דינסט דערלאַנגט צוויי גלעזער טהיי. דאָס מיידעל האָט אָבגערוקט דאָס בוך און גענו-מען דאָס גלאָז אין האַנד. נאָר זי האָט זיך פערקוקט אויפ'ן ברודער, האָט פערזשמורעט די אויגען און דאָס גזעל און האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער. זאַלקינד האָט זיך אויך פונאַנ-

דערגעלאַכט. דאָס מיידעלע האָט זיך אַראָבגעבויגט און, לאַכענ־דיג, געקלאַפּט דעם שטערען אָן טיש. און אַז זי האָט זיך עט־וואָס בערוהיגט, האָט זי געזאָגט:

—וואָס איז דאָס, אַז איך קוק עמיצען אין געזיכט, מוז איך זיך צולאַכען... אין גימנאַזיע האָב איך גאָר די צרות דערפון.

און האָט ווייטער געלאַכט. זי האָט זאַלקינד'ן אָנגעשטעקט מיט איהר געלעכטער. די דינסט, אַ גוי'ע, וואָס האָט פון דאָס־ביי אָנגעגאָסען די גלעזער, האָט זיך אויך צולאַכט, און אויפ'ן וואַנד האָבען דריי שאָטענס, ענליך צו מענשען, נאָר מיט בע־רישע לאַפּעס, זיך געבויגען און געקרימט: זיי האָבען, קענטיג, אויך געלאַכט.

—אָט איז אָנגענעהם צו האָבען אַזאַ שוועסטערל, ווי דו,— האָט איהר זאַלקינד ווייך געזאָגט.

—פאַרוואָס?—איז זי רויט געוואָרען און האָט אָנגעשטעלט צוויי אונשולדיגע רייניע פערוואונדערטע אויגען.

—איך האָב דיך ליב,—האָט ער איבער'ן טיש אָנגענומען איהר קליינע האַנד און עפּעס האָט איהם אויפגעציטערט טיף אין האַרץ.—דו ווייסט נישט, ווי עס איז גוט צו האָבען אַזאַ שוועסטערל, ווי דו...

זי האָט זיך פערשעמט און אפילו דערשראָקען און האָט, קוים צו הערען, נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

—פאַרוואָס?

—אָך, שוועסטערל, עס איז פאַראַן פאַרוואָס, אָבער עס לאָזט זיך נישט ריידען דערפון.

ער האָט זי אַ קוש געטאָן אין שטערען און האָט ווידע־ראַמאָל דערשפירט, ווי עס בעוועגען זיך די ווענד, דער באַל־קען, דער בופעט און די פּאָדלאָגע. דער זייגער האָט אונגע־ריכט אויסגעשלאָגען צוועלף. דאָס מיידעל האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, האָט פונאַנדערגעפלאָכטען איהר דין קינד'יש צע־פּעל, און, אַרויפוואַרפענדיג אַ ווייס האַנדטוך אויפ'ן שמאָלען

אַקסעל, האָט זי גענומען פון אַ טישעל אַ ראָז שטיקעל זייף און איז אַוועק זיך איינוואַשען אויף דער נאַכט.

זאַלקינד איז אַוועק צו זיך אין צימער, האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און האָט דערזעהן אויפ׳ן טיש דאָס אָפענע בוך. ער האָט עס גענומען אין האַנד און צוריק אַוועקגעלעגט. אַ פּאָר מינוט האָט ער נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. עטליכע מאָל האָט ער דורכגעשפּרייזט אַהין און צוריק, האָט ווידער גענומען דאָס בוך און ווידער אַוועקגעלעגט. דער קאָפּ האָט, אַפּנים, עטוואָס וועה געטאָן. נאָר פאַרוואָס עפּעס דער קאָפּ? ער האָט נאָכאַמאָל דורכגעשפּרייזט אַהין און צוריק און האָט איינגעפונען, אַז דער קאָפּ טוט איהם נישט וועה. אין האַרצען קלאַפּט שטאַרק, נאָר ער איז, קענטיג, אויפגערעגט און צוזייהט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען קוקען אויפ׳ן פייער. באַלד האָט איהם אויסגעוויזען, אַז זיין אויג איז אויך געוואָרען אַ שטיק פייער, וואָס ברענט איהם דעם מוח, אָבער אַז ער האָט אַוועקגעקעהרט דאָס פּנים פון לאָמפּ, האָט ער גאָרנישט געזעהן מיט די אויגען.

—נישטאָ וואָס צו טאָן!...—האָט ער פערקלעמט זיך אַ קרים געטאָן צו זיך, ווי צו זיינעם אַ שונא,—ווידער לייענען און ווייטער לייענען! אַנ׳אונגליקליכער מענש בין איך...

ער האָט פאָרט גענומען דאָס בוך, האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן קושעטקע, פערדריקט די צייהן און גענומען לייענען. אַ לאַנגען און נישט אינטערעסאַנטען קאַפּיטעל האָט ער דורכגע-לייענט. ער האָט אַוועקגעלעגט דאָס בוך נעבען זיך און האָט זיך פערקוקט אויפ׳ן וואַנד. נעבען וואַנד איז געשטאַנען זיין בעט, אויסגעבעט צום שלאָפען, מיט אַ פערצויגענער קאַפּע אי-בער׳ן קישען. נישט ווייט פון בעט איז געהאַנגען זיין אַלטער קאָסטיום, אַ גרויער, אין ברייטע, ברוינע קעסטלעך. איהם איז געוואָרען הייס ביי די שלייפען און קאַלט אין די פינגער פון די הענד, איצט האָט מען יאָ געקאָנט עפּעס טאָן. אַ וויכטיגע אַרבייט איז געלעגען פאַר איהם. מעגליך, אַז די וויכטיגסטע אַרבייט אין דער וועלט, כמעט אַ געטליכע. ער איז אַראָב פון

קושעטקע, איז צוגעגאַנגען צום וועסטעל און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ קליינטשיק, ווייס און פלאַך קעסטעלע. ער האָט עס צוגעטראָגען צום לאָמפּ און האָט עס בעקוקט. נאָך מיט אַ האַלב יאָהר צוריק האָט ער עס מיט אַלערליי הינטערוועגלעך אויסגעבעטען ביי אַ גוט בעקאַנטען פּראָוויזאָר, אָבער אָהן אַ ברעקעל כונה, אַז ער וועט זיך בענוצען דערמיט. איהם האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז דערמיט איז עפּעס זיכערער צו לעבען, ווי עס איז זיכערער צו פערבלייבען אין אַ גרויסען טונקעלען לעדיגען הויז מיט אַ גוטען געטרייען הונד. אַ וואָך צייט האָט ער אונפערמיידליך און עקשנות'דיג שאַרף געדענקט פון דעם קעסטעלע. עס האָט איהם אָהן אויפהער געפּיקט דעם זכרון, ווי אַ קליין לעבעדיג חיה'לע. סוף-כל-סוף אָבער האָט ער זיך צוגעוועהנט צום קעסטעלע און האָט עס אינגאַנצען פערגעסען. איצט האָט ער עס ווידעראַמאָל געהאַלטען אויף די שפּיץ פינגער און האָט עס נאָכאַנאַנד בעטראַכט פאַר'ן לאָמפּ, בעקוקט און בעטאַפּט פון אַלע זייטען, ביז עס איז איהם מאוס געוואָרען. האָט ער עס אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש און איז אַוועק צו דער קושעטקע. אויפ'ן קושעטקע האָט ער ווידער איבערגעלייענט אַ קאַפּיטעל און זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו דעם, ווי עס שאָקלען זיך פּאַמעליך די שורות, פּונקט ווי שוואַך אָנגעצויגענע שוואַרצע סטרונעס. פונ'ם איבערגעלייענטען קאַפּיטעל איז קיין איין וואָרט נישט פערבליבען אין זכרון, און אַז זיין אויג איז ווידעראַמאָל געפאַלען אויף איהם, האָט ער עס געלייענט ווי אַ נייעס און באַלד דערויף ווידער פערגעסען. דעמאָלט איז ער אויפגעשטאַנען מיט דער כונה צו געהן שלאָפען. ער האָט אַראָבגענומען פון טיש דאָס קעסטעלע און עס אַריינגעלעגט צוריק אין וועסטעל-קעשענע.

דערנאָך איז ער אַרויס אין עס-צימער. אויפ'ן גרויסען עס-טיש האָט געברענט אַ קליין-לעמפּעל און רויכיגע שאָטענס האָבען געטאַנצט אויף די ווענד. מאַנאָטאָן און גוט בעקאַנט פאַר'ן אויער, דערמאָהנענדיג די קינדעריאָהרען, האָט געקלאַפּט דער זייגער און איבער'ן פענסטער איז געהאַנגען אַ בלויער

נאַכט-הימעל, ווי אַ גרויסער שפּיגעל. זאַלקינד איז אַדורכגעגאַנ-גען דאָס צימער און האָט אַ קוק געטאָן אין קיך. די דינסט איז געלעגען אויפ'ן בעטעל, מיט'ן פּנים אַרויף, אַנ'אָבגעדעקטע, מיט אַנ'אָפענעם מויל און האָט משונה געכראָפּעט. אַריינגעהענדיג צוריק צו זיך אין צימער, האָט ער אויסגעטאָן דאָס רעקעל און האָט זיך איינגעבויגען, פונאַנדערצושפּיליען די שיך. אַזוי איז ער אַ מינוט געבליבען איינגעבויגען, האַלטענדיג די הענד ביי די בענדלעך. אין האַלז האָט איהם שטאַרק געקלאַפּט אַנ'אָדער. ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז אָהן שום רעיונות צוגעגאַנגען צום וועסטעל, האָט ווידעראַמאָל אַרויסגענומען דאָס קעסטעלע, איז אַוועק דערמיט צום שרייבטיש און זיך אַוועקגעזעצט אויף איהם. איצט האָט ער געפּרובט עפענען דאָס קעסטעלע, און עס איז געווען עהנליך דערויף, ווי אַ קינד וואָלט זיך געשפּילט מיט אַ צאַצקע. דאָס קעסטעלע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט עפענען. דעמאָלט האָט ער גענומען צו הילף אַ מעסער און האָט עס אויפגעעפענט. אויפ'ן דעק איז געלעגען אַ קליין ווייס קייקעלע, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטיקעלע אייז. זאַלקינד האָט עס אַרויסגעלעגט אויפ'ן האַנד, האָט עס בעקוקט און האָט זיך דערמאָהנט, ווי דער פּראָוויזאָר האָט איהם געזאָגט, אַז מיט דעם קאָנען זיך סמ'ען דריי מנינים מענשען. ליגט עס איצט ביי איהם אויפ'ן האַנד, דער שיין פון לאָמפּ שפּילט דערויף און עס האָט אַזאַ אונשולדיג אויסזעהן, ווי אַ שטיקעלע אייז. נאָר אַז מען קוקט דערויף לאַנג, הויבט עס אָן צו וואַקסען אונטער'ן בליק—אַלץ גרעסער און גרעסער, אָט איז עס בלויז אַ בערגעל און אָט איז עס אַ באַרג, אַ ווייסער, אַ גרויסער באַרג, אַ גלאַנ-ציגער און אַ שיטערער, מיט שוואַרצע גרויסע לעכער, אין וועל-כע עס בעוועגען זיך שאָטענס. און אָט איז עס ווידער קליין און אונשולדיג, ווי אַ שטיקעלע אייז.

זאַלקינד האָט עס אַריינגעלעגט אין קעסטעלע און האָט דערזעהן, אַז די האַנד איז עטוואָס פייכט געוואָרען.

איצט ערשט האָבען זיך גענומען צונויפזאַמלען די רעיונות, דערשראָקענע און פערצאַפּעלטע, אָבער דער פּחד איז באַלד

אָבגעפאַלען פון זיי, ווי פּסולת. זאַלקינד האָט זיך בלויז גע-
שראָקען, ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט פון האַנד דאָס קעסטעלע.
דעמאָלט האָט איהם פון אַלע זייטען אַרומגעכאַפּט אַ פּחד, ווי
אַ שוואַרצער תּהום, און אַ קאַלטער שוידער האָט איהם אויפגע-
הויבען די האָר אויפ'ן קאָפּ. אָבער אַז דאָס קעסטעלע איז צוריק
געקומען אין האַנד אַריין, איז מיטאַמאָל געוואָרען רוהיג און
לייכט און גלייכגילטיג אויף דער נשמה. עס איז געווען משונה,
אויסטערליש: אָהן דעם קעסטעלע האָט ער באַלד דערזעהן דעם
טויט, וואָס האָט זיך שוואַרץ, ברייט און דושנע גערוקט אויף
איהם, ווי אַ פונאַנדערגעשפּרייטער שוואַרצער פאָרהאַנג; מיט'ן
קעסטעלע—האָט ער דערזעהן דאָס לעבען, אַ לייכט איינפאַך רו-
היג לעבען, אָהן צער און אָהן פּיין. מיט'ן קעסטעלע—האָט לע-
גע פערלאָרען איהר מאַכט, איהר שטאַלץ און אפילו איהר שענ-
קייט. דעמאָלט האָט ער זי געזעהן אין פערשידענע געשטאַל-
טען—אָדער אַלט אָדער קראַנק אָדער אָרים, אָבער קיינמאָל נישט
שען. עס איז געווען אַ מין שנעל נערווענשפּיל: אָהן דאָס קעס-
טעלע—איז דאָ אַ רייצענדיגע לענע, געקנאָטען פון גלאַנץ און
מאַכט; מיט'ן קעסטעלע—איז נישטאָ קיין לענע, נאָר אַ גוף,
פליישׁ און ביינער און האָר, און דאָס אַלץ איז העסליך. אָבער
אַז מען האַלט דאָס קעסטעלע אין האַנד, ווערט אַלץ רוהיג-
גאָרנישט: דער טאַטע, די מאַמע, דאָס שוועסטערל, חברים,
מיידלעך. זיי פערלירען זיך אַלע אין אַ געלען נעבעל, ווערען
קליין-קליין און דערוועקען קיין שום געפיהל נישט אין האַרץ.

זאַלקינד איז אַראָב פון טיש און האָט גענומען שפּרייזען
איבער'ן צימער. אַ מאַטע גרויע פאַרב האָט שטיל פערשריבען
דעם הימעל און דורכ'ן אָפענעם פענסטער האָט אַריינגעשמעקט
אַ קיהל בעגינען-ווינדטעל, וואָס האָט ווי אַ פערשטעלט ווען
אַ צופּ געטאָן זאַלקינדס באַקען, די בלעטער פון אָפענעם בוך,
וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש, דאָס פייער פון לאָמפּ און איז
צוריק אַרויס דורכ'ן פענסטער. ערגעץ ווייט האָט געשטאָכען די
נאַכט אַ לאַנגער פייף פון אַ צוג און בלינדע ווייסע בליצען זע-
נען געפאַלען פון די האָריזאָנטען. די ווענד, דער שרייבטיש און

דער באַלקאָן זענען זאַכט געשוואומען אַהין און צוריק. זאַלקינד האָט זיך ווידעראַמאָל אַוועקגעזעצט אויפ׳ן טיש און ווידעראַמאָל זיך גענומען צום קעסטעלע. אַ קאַלטע אַפּאַטיע האָט איהם געגליווערט די ביינער און די שלייפען. קיינער איז איהם איצט נישט אָנגעגאַנגען—נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע, נישט דאָס שוועסטערל, נישט לענע. ער איז אומישנע אַריין מיט׳ן דמיון צו לענע׳ן אין צימער, האָט אָנגעריהרט איהר קלייד, איהר האַנד, איהר זיידענעם זאָק, איהר האַלז, האָט זי אַרומגענומען, צום האַרצען צוגעדריקט, אָבער דאָס אַלץ איז געפאַלען אין מאַכט און רייץ און האָט גאָרנישט געזאָגט, פּונקט ווי עס וואָלט פערלאָרען דאָס אַלטע צאַרטע לשון. ער האָט אָנגעדריקט דעם זכרון און האָט זיך געפּרובט דערמאָהנען לענע׳ן אין וואַלד, אין טעאַטער, בּיי איהר אין צימערל, יענע מינוטען, ווען ער האָט זיך אַזוי געפּייניגט און געליטען, אָבער איצט האָט עס אויסגעוויזען נאַריש און משונה, אָרים און בּיליג. און אַז ער האָט זיך געפרעגט, וואָס וואָלט ער געטאָן און ווי וואָלט ער זיך געפיהלט, ווען לענע קומט איצט אַריין צו איהם אין צימער און פאַלט צו צו זיין אָרעם מיט איהר שוואַרץ-בּלויען קאָפּ, האָט ער קיין שום ענטפער נישט געפונען דערויף און די ליפּען האָבען בּלויז געשעפּטשעט:

—גאָרנישט... גאָרנישט... גאָרנישט...

אין דער ראַהם פונ׳ם אָפענעם פענסטער האָבען זיך טונקעל געשיילט די דעכער פון די ווייטע מויערן. עס האָט געטאָגט, אָבער בּלאַס, לאַנגזאַם און געהיים. די נאַכט איז צוגעפאַלען צו דער ערד און איז צוגאַנגען אויף איהר, ווי שוואַרצער שניי. זאַלקינד האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין בּעט. אַ ווייסער בּרעג פונ׳ם קישען האָט פון ווייטען ווייך געקלאַפּט אין אויג, ווי מיט אַ פינגער.

—מען דאַרף געהן שלאָפען,—איז איהם איינגעפאַלען.

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט ער אָהן זיין ווילען אַרויסגענומען דאָס קיילעכעל פון קעסטעלע און צוגעטראָגען עס צו די ליפּען. צוגעטראָגען און—אַוועקגענומען. צוגעטראָגען און—

אַוועקגענומען. לעבען—נישט לעבען. לעבען—נישט לעבען,—האָט איהם, ווי אַ זייגער, געקלאַפּט אַנ׳אָדער אין האַלז. איצט איז שוין סתם געווען קאָמיש: אַזאַ שוואַכער מענש, ווי זאַלקינד, האָט זיך געפונען אַנ׳אָרט, וואו צו זיצען: אויף די שוועלען פון לעבען און טויט. אין זיינע שוואַכע הענד האַלט ער, ווי צוויי גאַז-באָמבעס, די גרעסטע צוויי פרייהייטען: די פרייהייט פון לעבען און די פרייהייט פון טויט. אַ שוואַכער שמייכעל ברעכט איהם אפילו די ערנסטע ליניע פון די ליפּען און וואַרפט איהם אַריין צוויי חוזק-פייערלעך אין די אויגען. קיינער אין דער גאַנצער וועלט ווייס נישט, וואו ער זיצט איצט און וואָס ער איז זיך מכין צו טאָן. ער קאָן קאָרעגירען, אויסבעסערן די נאַטור, לויט זיין איינזעהן. די נאַטור האָט איהם בעשטימט צו לעבען און ער מאַכט אַ שטריך: טויט. אָדער פערקעהרט, די נאַטור האָט איהם בעשטימט צו שטאַרבען, און ער מאַכט אַ צייכען: לעבען! דערדאָזיגער געדאַנק אָבער לאָזט זיך נאָך פערטיפען: מיט זאַלקינדס לעבען לעבט די גאַנצע וועלט און מיט זאַלקינדס שטאַרבען שטאַרבט די גאַנצע וועלט. דידאָזיגע אויסבעסערונג בעציהט זיך נישט בלויז צו איהם אַליין, נאָר צו אַלץ און צו אַלעמען. ווען ער נעהמט זיך דאָס לעבען, טויט דאָס אייגענע לענע און ביילין און ווילענקין און אפילו סטולסקי, דערדאָזיגער קאַרגער און נאַרישער בחור, און דאָס שטיקעלע סם, וואָס ער נעהמט איין, וועט אויך פערסמ׳ען די ערד און דעם הימעל, די זון און די שטערען. אַלץ וועט אָבשטאַרבען און אויסגעלאָשען ווערען. דאָס איז געווען אַ גליקליכער געדאַנק, אָבער זאַלקינד איז געווען גלייכגילטיג און האָט זיך נישט געפרעהט. דאָס האַרץ האָט געקיהלט, און דער געדאַנק, וואָס האָט זיך אַרומגעדרעהט, ווי אַ גרויע שלאַנג, אין די ווינקעלעך פון מוח, האָט אויך געקיהלט. און וואָס עקשנותדיגער די האַנד האָט זיך גערוקט מיט׳ן קיילעכעל צו די ליפּען, אַלץ מעהר און מעהר האָבען געקיהלט די בלוטען, די אַרומיגע לופט, די קאָנטורען פון די בעגינענדיגע דעכער, דער גרינפערנעבעלטער הימעל און די בילדער אין דמיון.

—גאָרנישט... גאָרנישט... גאָרנישט...—האָט ער אָהן אַ שום קלאַנג געשעפּטשעט מיט טרוקענע ליפּען.

און די האַנד האָט זיך גערוקט, צוגעגאַנגען צו די ליפּען און אַוועק צוריק און ער האָט זי בעגלייט פון דער זייט מיט׳ן אויג. עס האָט אויסגעזעהן, ווי מען דאַרף זיך נישט איילען און מען דאַרף זיך איינגאַנצען פערלאָזען אויף דער האַנד, וואָס לעבט מיט אַ בעזונדער זעלבשטענדיגער מחשבה, אָבגעטיילט פון זאַלקינד׳ן. אָבער זאַלקינד האָט נאָכאַמאָל דערזעהן דעם קישען מיט׳ן ווייסען בּרעג, וואָס האָט ווייך גערופען זיין קאָפּ צו זיך, און די האַנד איז פעסטער געוואָרען. פינף מאָל איז זי מיט גרויסע הפסקות געגאַנגען צו די אָפענע ליפּען, אַהין און צוריק, און ביים זעקסטען מאָל איז דאָס קיילעכעל אַרויפגעפאַלען אויף דער צונג. ער האָט עס אַראָבגעשלונגען און איז אַראָב פון טיש. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט ווייט און לאַנג און שמאָל צו געהן און ווייט און לאַנג און שמאָל איז דאָס צימער און דער הימעל אונטער׳ן פענסטער, אָבער ער האָט זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן אויף דער קושעטקע. הענד און פיס און האַרץ האָבען שנעל געגליווערט, ווי איינגעפרעסט אין אייז, אַ קאַלטער שווייס האָט איהם געצופּט ביי די שלייפען און ביים שטערען, דער אָטעם האָט זיך ווילעוויז אָבגעהאַקט, אין די אויערען האָבען איבּעלדיג געקלונגען הייסע אָנגעגליהטע גלעקער, אין די האַלב-אָפענע אויגען האָט אַלץ געענידערט אין שוואַרצען און ער אַליין האָט אויך געענידערט און געענידערט אין שוואַרצען, מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. נאָר ערגעץ אין אַ קליין זכרון-ווינקעלע זענען נאָך געלעגען די עפּעל, וואָס ער האָט געקויפט אין גאַס ביי דער אַלטער יודענע און האָבען געזונד און פרעהליך געגלאַנצט אונטער׳ן שיין פונ׳ם בליצלאָמפּ.

אויס די כּתבים פֿון אַ שטילען מענשען

אוים די כתבים פון א
שטילען מענשען

איך דאַרף נאָר אויפדעקען אַ ווינקעל דמיון, און אָט איז דאָס: פאַרנאַכט, זומער, דער טאַטע איז נישט הי און עפּיס בין איך אונרוהיג און עפּיס ציטערט מיר דאָס האַרץ. געה איך אין דעם לעצטען בלויען צימער, וואו עס העננט מיין מאַמעס גרויס בילד, געמאָלט מיט אייל־פאַרבען, פעט, גראָב און נישט ריכטיג, און דאָרטען זעה איך: אַנ׳אָפען פענסטער מיט אַ בלייכען פאַר־נאַכט־הימעל, און פאַר׳ן טישעל, וואָס ביים פענסטער, זיצען צוויי מענשען פנים געגען פנים—מיין מוטער מיט׳ן דאָקטאָר... דאָס איז דערזעלבער דאָקטאָר ראַצקין, וואָס האָט מיך פאַראַיאָהרען געהיילט פון שקאַרלאַטין. אינסטינקטיוו געה איך נישט ווייטער, עפּיס אַנ׳אינערליכע קראַפט פערהאַלט מיך ביי דער אָפענער טיר מיט די בלויע פאָרטיערן—און איך קוק.

דער שטילער פֿאַרנאַכט וויקעלט זיך מיד און ווייך אַרוםביידען, און זיי ריידען נאָהענט און שטיל. די מאַמע זיצט רו־היג, עלעגאַנט, געלאַסען־גלייך, די פיס ווייט אויסגעצויגען, מיט אַ בלישטשענדיגען בריליאַנט אויף אַ פינגער — איהר געליבטע פּאָזע, וואָס האָט שטענדיג אָהן ווערטער רעגולירט מיין צו־שטיפּטקייט, און דער דאָקטאָר ראַצקין, געבויגען צו דער מאַמען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, בעוועגט מיט די הענד, לאַכט נישט הויך און רעדט און ריהרט־אָן ווייעלוויִיז דער מאַמעס אַנ'אָקסעל.

דער הימעל איז בלאַס־בלוי, אין צימער איז שטיל, פאַר'ן טישעל זיצען די צוויי—און איך קאָן נישט אַוועק. מיט'ן קינ־דערשען שכל בעגעהם איך, אַז איך דאַרף אײַנהאַלטען דעם אָטעם.

נאָר אָט הויבט זיך אויף דער דאָקטאָר ראַצקין, מיט צע־וואָרפענע שוואַרצע לאָקען אויפ'ן שטערען, אַ קליינינטשקער, אַ די־נער, אַ בעוועגליכער, און פאַלט־צו צו מיין מאַמען. ער נעהמט זי מיטביידע הענד אַרום אונטער'ן אָרעם, בויגט־צו דעם קאָפּ מיט די שוואַרצע לאָקען און קושט איהר א יין קוש אין די ליפּען אַריין. דער מאַמעס ליפּען זענען אונטער זיינע, און איך זעה, ווי איהרע באַקען ציהען זיך אויס—זי קושט אויך זיינע ליפּען. און לאַנג, לאַנג געדויערט עס.

מיין טאַטע איז אַ הויכער און אַ ברייטביינינער. אין יענער קינדערשער צייט—איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר זיבען—האָט ער מיר אויסגעוויזען פאַר דעם העכסטען מענשען, אַפילו העכער פאַר'ן וואַלד, וואו מיר האָבען אַמאָל געוואוינט אויף דאַטשע, און דערפאַר האָב איך געמיינט, אַז ער איז דער בעסטער טאַטע. איצט אָבער איז ער מיר פלוצלונג געקומען אין דמיון אַ קליינינטשקער, אַ מאָגערער, אַ געל־בלאַסער, מיט מאָ־דנע פערשמאַכטע שטומע בליקען, פונקט ווי ער וואָלט ביי מיר הילף געבעטען. נאָר דער קוש האָט זיך נאָך אַלץ געצויגען ביי ביידען, פונקט ווי עמיץ וואָלט זיי צונויפגעקלעבט ביי די ליפּען אויף אייביג.

לאַנגזאַם, מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם, בין איך אַוועק פון די בלויע פּאָרטיערן. אַ באַק האָט מיר געפּייערט און אין די

שלייפען האָט געהאַקט. איך האָב נישט געוואוסט, וואוהין און נאָך וואָס איך געה, און איך האָב נישט געוואוסט, אַז מיין מאַמע טהוט אַן עברה,—נאָר מיר האָט זיך געוואָלט וויינען. מיט מיר איז מיטגעגאַנגען דער שאָטען פון מיין טאַטען, אַ קליינטשקער, אַ מאָגערער, אַ געל־בלאַסער, מיט פערשמאַכטע שטומע אויגען און מיט אַ מינע פון אַ געפאַלענעם מענשען. ער האָט מיר נישט נאָכגעלאָזט, דער שאָטען, און האָט געבעטען און געזוכט הילף ביי מיר. אין אַלע צימערן איז געווען שטיל, אימה׳־דיג־שטיל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענד און דאָס מעבעל לעבען, האָבען שכל, און אַז פריהער, בעת איך בין געשטאַנען הינטער די בלויע פאָרטיערן, האָבען זיי זיך איבערגערעדט צווישען זיך וועגען מיין מאַמען און דעם דאָקטאָר ראַצקין.

איך האָב מיך דערמאָהנט אָן דער באָבען און אַוועק צו איהר אין צימער. דאָרט האָט אויך אַריינגעקוקט דורכ׳ן פענסטער אַ פאַרנאַכט-הימעל, נאָר שוין אַ בלויערער, אַן׳אָנגעזאַפּטער מיט אָוועגד, און אויפ׳ן קישען פון בעט האָט זיך וויך, ווי וואַקס, געגעלט דער באָבעס אַלט גוט פנים. די באָבע האָט לייכט געדרעמעלט, אָבער באַלד האָט זי געעפענט די אויגען ברייט און פערוואונדערט, ווי עס טהוען אַלע אַלטע אין דרעמלען. אַ ווייַלע האָט זי מיך אָנגעקוקט פרעמד און נייגיריג, פונקט ווי זי וואָלט מיך נישט דערקענט, און דערנאָך אַריינגענומען אין בעט און אַוועקגעלעגט הינטער איהר מאָגערער אויסגעוואַרימטער פלייצע, וואָס האָט געשמעקט מיט היים און אַלטען לייב.

הינטער דער באָבעס פלייצע איז געווען גוט צו ליגען מיט פערמאַכטע אויגען. האָב איך פערגעסען אָן טאַטען מיט דער מאַמען, מיט׳ן דאָקטאָר, נאָר צוויי מאָל האָב איך דאָך אַ כלי־פּע געטהאָן: אין האַלז האָבען מיר נאָך אַלץ געשטיקט די טרעהרען. די באָבע האָט זיך תיכף אומגעקעהרט צו מיר מיט׳ן פנים, איבערגעווישט מיר דאָס בעקעל מיט דער מאָגערער האַנד און וואַרים אַרויסגעשעפּטשעט:

—וואָס איז דיר, קינד מיינס? מיר זאָל זיין פאַר דיר. מיר פאַר דיר, רבונו־של־עולם!...

און גיךגיך אויסגעשפּייט עטליכע מאָל. זי איז געווען דער איינציגער פרומער מענש ביי אונז אין שטוב.

אַ קיהל ווינדטעל איז ווײלעווײז אַרײַן און אַרויס פון צי־מער, פּונקט ווי אַ לעבעדיגער מענש אויף די שפּיץ פינגער, די באָבע האָט רעגעלמעסיג געאָטעמט, און אַז איך האָב געעפענט די אויגען, האָב איך געזעהן, ווי אין דרויסען בלויט און בלויט— און פּאַמעליך בין איך איינגעשלאָפען.

אויפגעוועקט האָט מיך די באָבע, און ביידע זענען מיר אַוועק אין עס־צימער. די באָבע האָט מיך געפיהרט פאַר׳ן הענד־טעל, אין עס־צימער איז די מאַמע געזעסען ביים טיש, עס האָט געברענט דער לאָמפּ, און נאָך פון ווייטען האָט זי צו מיר גע־שמייכעלט. אַ שמייכלענדיגע, האָט זי מיך אַ רוף געטהאָן, און אַז איך בין צוגעגאַנגען, האָט זי מיך צוגעשטעלט ביי די קניה, אָנגענומען פאַר די הענדטלעך און אַ קוש געטאָהן אין שטערען. זי איז געווען בלאַס, געלאַסען, עפּיס מילד און מיד, אָבער אין איהרע שטילע בלויע אויגען האָט זיך געשאָטענט אַ טיף־פערגראָבענער עברה׳דיגער סוד. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב מיך עטוואָס צו־ריקגעצויגען, אָבער באַלד זיך אונטערגעגעבען. פון דער מאַמען האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט אַוועקגעהן. ווענינ האָט זי מיך געצערטעלט, אָבער אַז איך האָב דערפילט אויף זיך איהר האַנד, פלעגט זיך מיר וועלען ווײנען פון תענוג. מיט׳ן גלעט פון אַ פרוי בין איך דערנאָך בעקאַנט געוואָרען, אָבער קיין איין פרוי האָט נישט פערמעגט מיין מאַמעס גלעט. זי האָט געהאַט בעזונדערע פינגער און אובערהויפּט די בעוועגונג פון זיי—אַנ׳איידעלע, אַ רונדע און אַנ׳אָבגעהאַלטענע, אַזאַ, וואָס קאָן געבען מעהר און דערגיט נישט.

איך געדענק, אַז פיל מאָל פלעג איך מיך אומישנע אַרומ־דרעהען אַרום איהר: טאָמער וועט קומען איהר האַנד צו מיין בעקעל, אָדער אַ וואָרט וועט זי זאָגען, מיין נאָמען אויסריידען; איהר קול האָט אויך אויף מיר אַזוי געווירקט, ווי איהר גלעט. טייל־מאָל האָב איך אין איהם, אין איהר קול, קאָלירען געזעהן. אַ רעגענבויגען פון פאַרבען. די מאַמע זאָגט עפּיס, און מיר דאַכט

זיך, אַז איבער דער שטוב האָט זיך דורכגעצויגען אַ בלויער אָדער אַ העל־גרינער פּאַס מיט אַ קלאַנג פון זילבער.

מיין מאַמע האָט געהאַט געדאַנקען—איהרע, בעזונדערע, אונפערשטענדליכע פאַר דער שטוב, און מיך פלעגט זי ווייניג בעמערקען. אין איהר איז געווען מעהר טרוים, ווי בלוט, מעהר שטילקייט, ווי בעוועגונג. טיילמאָל פלעגט זי זיך פּלוצלונג פער־טראַכטען אָדער גאָר אָבזיפצען. זי האָט קיינמאָל נישט געוואוסט און זיך נישט אינטערעסירט דערמיט, ווי אַזוי איך ווער איינגע־שלאָפען, צי איז אויסגעלופטערט געוואָרען דאָס צימער פאַר׳ן שלאָף, צי האָב איך פריהער געגעסען, צי האָט מען מיר געוואַ־שען די הענדטלעך, צי איז אויסגעבעט דאָס בעטעל גוט. פאַר׳ן שלאָפען־געהן האָב איך נאָר בעדאַרפט אַ קוש טהאָן דער מאַמעס האַנד, שען אַ בויג טהאָן זיך, זאָגען „אַ גוטע נאַכט“ און אַוועקגעהן אין שלאָפצימער מיט דער הויכער און דאַרער עמע׳ן. מיין באָנע, וואָס האָט געהאַט מעהר נאָז, איידער פּנים. עמע איז געווען אַ בייזע, אַ שלעכטע, און אַז איך פלעג באַלד נישט איינשלאָפען, פלעגט זי מיך סטראַשען מיט וועלף און שרייען אויף מיר.

מען האָט אָבער בעדאַרפט קענען מיין מאַמען. דאָס איז געווען אַ וואונדער־שענע פרוי. דערין איבערצייג איך מיך יעדען טאָג, בעת איך קוק אויף איהר קליין פאָטאָגראַפיש בילד. פון זכּרון קען איך זי אָבער בעסער, לעבעדיגער, און איך ווייס גענוי, ווי אַזוי צו מאָלען זי. שלאַנק און בלאַס און דין איז זי געוועזען, מיט אַ ווייס לענגליך געזיכט, מיט עכטע בלויע אויגען און מיט אַ געבוירענעם צאַרטען שאָטען אונטער דידאָזיגע אוי־גען. צוליב אָט דעם שאָטען האָט מען קיינמאָל אַקוראַט נישט געוואוסט, וואָס זי לעבט־איבער, וואָס זי טראַכט, און איהר לאַ־כען האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון געלעכטער. דאָס פּנים איז אַפילו פערגאָסען מיט שמייכעל, זי אָבער אַליין איז, דאַכט זיך, ערגעץ אַנדערש און זי לאַכט גאָרנישט.

שוואַרצע קליידער האָבען זיך וואונדערליך געפּאַסט צו איהר, נאָר דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ אַזא

פאַרבּ אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך צו איהר נישט פּאַסטען. און דאָס רוב געדענק איך זי אין שוואַרצען. ווי איך האָבּ מיך שפּע־טער דערוואוסט, האָט זי ליבּ געהאַט קליינע צימערן, בּין־השמשות און שוואַרצע דינע קליידער. געשלאָפען האָט זי שפּעט, און פאַר׳ן אָנטהאָן זיך פלעגט זי נאָך ליגען אַ פּאָר שעה אין בּעט מיט אַ בּוך. איך געדענק זי אין בּעט ליגענדיג: אויפ׳ן קישען שווימען, ווי זיידענע גאָלדענע כוואַליעס, איהרע בּלאָנדע האָהר, פון איהר ווייס־בּלאַסען פּנים לייכטען שטיל אַרויס איהרע בּלויע אויגען, אין וועלכע עס שאָטענט זיך אַ געדאַנק—איהר בּע־זונדערער געדאַנק, וואָס איז אונפערשטענדליך פאַר דער גאַנצער שטוב. זי האָט געשלאָפען, גערוהט אַ גאַנצע נאַכט, דאָך אָבּער ליגט אויסגעגאָסען אויף איהר עפּיס אַ מידקייט און אַ שטיל־קייט, וואָס לאָזט זיך נישט דערנעהנטערן צו איהר. אין איהר לאַנגער נאַקעטער האַנד, וואָס פערנעהמט זיך פולער, רונדער צום אַקסעל, ליגט אַ פונאַנדערגעעפענט בּוך. אַ קוק אין בּוך און אַ קוק אויפ׳ן בּאַלקען. מעסיג און זאַכט הויבּט זיך אויף איהר בּרוסט דער געקרויזטער זוים פון העמד, און נישט ווייט שטעהט דעם טאַטענס בּעט, אַ לעדיגע, אַ קאַלטע און אַ פרעמדע.

אַ קוק אין בּוך, אַ קוק אויפ׳ן בּאַלקען און—אויף מיר... איך האָבּ ליבּ צו בּעזוכען דער מאַמען נאָכ׳ן שלאָף. די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויבּ איך וויל אַריינגעהן צו איהר אין צימער, זאָל איך פריהער אָנקלאַפּען אין טהיר. אַזוי טהו איך, נאָר אין צימער שווייגט מען. הויבּ איך מיך אויף אויף די שפּיץ פינגער, דריק־אָן דאָס מעשענע טיר־הענדטעל און געה־אַריין. אַ צייט בּעדאַרף איך מיך אומדרעהען, בּיז די מאַמע בּעמערקט מיך. אַליין צוגעהן צו איהר בּעט האָבּ איך קיין מוט נישט. און דאָ געהט עס צו: אַ קוק אין בּוך, אַ קוק אויפ׳ן בּאַלקען און אַ קוק אויף מיר.

איצט געה איך צו צום בּעט, אָבּער דאָך נישט זיכער. לאַנגזאַם בּעגיסט אַ שמייכעל איהר געזיכט, און מיד גיט זי מיר אַ גלעט פאַר׳ן בּעקעל. מיט דערזעלבּער מידקייט וואָרפט זי אַ בּליק צום פענסטער.

—זאָל עמע געהן מיט דיר שפּאַצירען. אַ שען וועטער אין דרויסען,—גלעט זי מיר ווידער דאָס בעקעל.

אַרום דער מאַמעס בעט כוואַליעט זיך אַ וואַרימקייט מיט אַ בעזונדער לייב־ריח. דער ריח איז זעהר אַ בעקאַנטער און זעהר אַ נאָהענטער. איך שפּיר איהם אויך פון מיין לייב און פון מיין בעטעל און געדענק איהם נאָך פון יענעם טאָג אָן, ווען איך האָב בעקומען די פעהיגקייט פון שפּירען עפּיס אַזוינס. און איך קאָן נישט אַוועק פון דער בעט, וואו עס ליגט דידאָזיגע פרוי מיט די גאָלדענע זיידענע האָהר, מיט די בלויע אויגען, מיט דער צאַרטער בלאַסער הויט פון פּנים, די פרוי, וואָס איז מיין מאַמע, וואָס גלעט מיך טייל מאָל פאַר'ן בעקעל און וואָס אַז זי זיפצט־אָב, דערפיהל איך אַ וועה אין דער נשמה. נאָר איך ווייס שוין, אַז לאַנג שטעהן נעבען איהר בעט וועל איך נישט קאָנען. די מאַמע וועט נאָכאַמאָל אַ קוק טהאָן צום פענסטער, וועט מיר ווי־דער אַ גלעט טהאָן פאַר'ן בעקעל, און אָנגעהמענדיג דאָס בוך מיט אַ מידער און נאַקעטער האַנד, וועט זי זאָגען:

—געה, מיין קינד, צו עמע'ן. אַ שען וועטער: שפּאַצירען דאַרף מען...

לאַנגזאַם געה איך אַוועק, און מיט דער פּלייצע, אַוועקגע־הענדיג, זעה איך מיין מאַמען—איך זעה, ווי זי ליגט אין בעט און קוקט אין בוך און אויפ'ן באַלקען און צום פענסטער. און טרעהרען גנב'ענען זיך מיר אין האַלז. טויזענדער פעדעם בינדען מיך צו איהר, מיין קליינטשיק לעבען וואָלט איך אָבגעגעבען, איך זאָל קאָנען שטעהן נעבען איהר, לעגען דעם קאָפּ אויף איהר האַנד, פערגראָבען זיך מיט די בעקלעך אין איהרע גאָלדענע האָהר, וואָס כוואַליען זיך אויפ'ן קישען, ווי אַ גאָלדענע אָזערע, אָדער ריידען מיט איהר, פּשוט ריידען, לאַכען, פּלאַפּלען, ווי עס פּלאַפּעלט אַ קינד מיט זיין מאַמען. אָבער איך מוז אַוועקגעהן, ווייל איך שטער, קענטיג, איהר געדאַנקענגאַנג, ווייל זי וויל זיין אָבגעטיילט פון מיר און וויל מיך מעהר נישט זעהן ווי אין געצעהלטע מינוטען. און אַז איך געה מיט עמע'ן אויפ'ן סקווער, אינטערעסירען מיך שוין נישט קיין פערד און סאָלדאַטען, וואָס

איך האָב ליבער פון אַלץ אין גאַס. עס איז מיר גרוי די וועלט און דער זוניגער טאָג און די קראָמען מיט קינדערשע צאַצקעס. און מיר דאַכט זיך, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך אין מיר געוועקט דאָס בעוואוסטזיין פון אַ קלייניטשקען זעלבסטמערדער. זאָל מיך איבערפאָהרען אַ פערד אינמיטען גאַס, זאָל איך מיך אָנשלאָגען מיט׳ן קאָפּ אָן אַ סלופּ, זאָל איך אומפאַלען. פאַר עמע׳ס האַנד האַלט איך מיך שוין נישט. בגנבה האָב איך מיין האַנד אַרויסגעצויגען פון איהר האַנד און אַ טריט שטעל איך נישט פאָרזיכטיג.

נאָר וואָס פעהלט מיין מאַמע׳ן, אָט דער פרוי, וואָס ליגט שפּעט אין בעט מיט אַ בוך אין דער האַנד און מיט צעוואָרפענע זיידענע האָחר אויפ׳ן קישען, אַ פרעמדע, אַ זייטיגע, אַ מידקאַלטע ?

אַ תשובה דערויף האָב איך בעקומען ערשט שפּעטער, אין די דערוואַקסענע יאָהרען.

אויסערליך איז דאָס געווען אַ געוועהנליכע זאַך: מיין מוטער האָט חתונה געהאַט מיט׳ן טאַטען איבערגעוואַלט. קיין טראָפּען ליבע צו איהם נישט געפיהלט. זי האָט איהם נישט געוואָלט. ער איז איהר געווען פרעמד לויט׳ן כאַראַקטער און לויט׳ן אויסזעהן. אָבער מיין טאַטע האָט געוואַקסען פון זעהר שטאַרקע, רייכע אויפגעקומענע מענשען, אַליין געהאַט אַ סך געלד—און ער האָט דערגרייכט, מיט געוואַלט, מיט אויסערגעוועהנליכער אָנשטרענגונג, מיט אונגעהויערער מיה—נאָר דערגרייכט. פון דערהיים האָט מיין מוטער געוואַקסען פונקט דער היפך ווי מיין טאַטע. איהרע עלטערן זענען געווען שוואַכע מענשען, יורדים, יחוס׳דיגע אָרימעלייט. ביי זיי אין שטוב זענען געשטאַנען אַלמערס מיט ספרים, אַלטע זילבערנע בעכערס, וואונדערליכע גלעזער פון פאַרצייטען, נאָר אויפ׳ן טיש איז קיין ברויט נישט געווען און געלעבט האָט מען פון אַזוינע הלואות און געלדער, וואָס זענען עהנליך צו אַ קלוגער נדבה. זיי איז נאָר פערבליבען שענע, בלאַסע, יחוס׳דיגע פּנים׳ער און רוהיגע פיינע מאַנירען פון אַ פערגאַנגענעם אַריסטאָקראַטישען עבר—און נישט מעהר.

דער שידוך איז געווען אַנ׳אוצר פאַר זיי, אָבער מיין ט

סע האָט געגרייזט. דער הויכער בּרייטבּייניגער יונגערמאַן מיט
שוואַרצע הענד, אָבגעבּרענטע פון דער זון, האָט זיך אָהן זין
אַריינגעריסען אין אַ שענעם טויטען הויז, וואו קיינער האָט איהם
נישט מיטגעפיהלט און נישט געליבּט. דאָרטען האָט מען געצויגען
די ווערטער, געמאָסטען די טריט, געקוקט מיט שטילע נ י ש ט־
ד ע ר ק ו ק ט ע בּליקען. אין יענער שטוב האָט מען שטענדיג גע־
הערט דאָס קלאַפּען פונ׳ם אייגענעם האַרץ, דאָס פליהען פון אַ
פליג, אויף די בּעטען, אויף די װענד, אויף די פּאַרצייטיגע אַל־
מערס זענען געלעגען האַלבּ-גרויע שאָטענס, וואָס האָבּען אַזוי ווי
אָבּגעהיט די שטילקייט פון שטוב. אין דעמדאָזיגען הויז איז גע־
ווען אַ זינד צו לאַכען, אַן׳עבירה צו ריידען פון געשעפט, אַ חטא
צו בּעוועגען זיך שנעל און האַסטיג. וואָרום דערפון איז עפּיס
בּעטויט געוואָרען, עפּיס אַזוינס, וואָס מען קאָן עס נישט זעהן,
האָט אויסגעהויכט דעם לעצטען אָטעם. פון אַ קלאַפּ, פון אַ הויך
וואָרט איז עפּיס געשטאָרבּען אין שטוב און אַלע האָבּען זיך
אַרומגעקוקט מיט שרעק. אָבּער מיין טאַטע איז געווען אַ קאָכי־
בּער, אַן׳איילינגער, אַ רוישיגער, אַ מענש מיט אַ ריח פון גאַס,
אַ מענש, וואָס איז געוועהנט צו שרייען, צו שאַפּען זיך מיט
יענעם, און וואָס האָט געהאַט דאָס בּעוואוסטזיין, אַז ער איז
אַ בּריה און אַז איהם שטעהט־פּאָר אַ סך פּרנסה פון זיינע וועל־
דער און פּאָדראַדען. ער האָט געמיינט צו זיין גליקליך און האָט
איינגעאָרדענט אַ בּרייט און רייך לעבּען. ער האָט אַרויסגענומען
זיין יונגע פרוי פון יענעם הויז, ווי מען נעהמט־אַרויס אַ בּלאַס
פריהלינג-בּלימעל פון אַן׳איינגעשלאָסענעם שפּעקט און מען
שטעלט עס אַוועק אין אַ מיטען מאַרק, אונטער אַ הייסער זון.
מיין מוטער איז געוועהנט געווען צו שטילע בּלאַסע לבנה־שטראַה־
לען און ער האָט איהר געגעבּען גיהנמ׳דיגע זון און הילכיגע
טאָג-געשרייען. מיין מוטער איז אַרומגעגאַנגען מיט האַלבּ־צוגע־
מאַכטע אויגען. דער טעות האָט איהם בּאַלד ניכטער געמאַכט,
אָבּער דעם קוראַזש האָט ער דאָך נישט פּערלאָרען. אין שטוב
פלעגט ער אַריינקומען אַ בּעוועגליכער, אַ פרעהליכער, אַ צוזייה־
טער, מיט סוחר׳ישע וויצען, מיט געלעכטער און מיט מתּנות

פֿאַר דער מאַמען. נאָר איך געדענק דער מאַמעס קוק דערויף: אַ רוהיגער, אַ העפֿליכֿער און אַ זייטיגער.

אַ פֿרעמדע, אַ זייטיגע איז זי געווען, אַ גאַסט, וואָס איז אונצופֿרידען מיט'ן אייגענעם קומען, אַ קרוב, וואָס האַלט זיך דערווייטערט פֿון די קרובים. דאָס האָט געלעגט אַנ'אומעט אויף מיין קינדהייט, נאָר איך האָב געמיינט, אַז אין אַלע הייזער איז אַזוי און אַזוי זענען אַלע מאַמעס.

דער דאָקטאָר פֿלעגט פֿינקליך קומען צו מיין מאַמען. ער פֿלעגט קומען פֿאַרנאַכט, ווען דער זומענדיגער הימעל פֿלעגט בעצויגען ווערען מיט אַ בלוי־זיידענעם שלייער. אַ שטילער קלונג אין טיר, דערנאָך טריט פֿון אַ געקומענעם און אַנ'אַנטקעגען־געגאַנגענעם. די טריט פֿון אַנטקעגען־געגאַנגענעם זענען געווען שטילע, לייכֿטע און פֿער'חלומ'טע. זיין קומען האָב איך, איבעריגענס, שוין געפֿיהלט פֿאָראויס. אָן די ווענד האָב איך עס דערקענט, דאָס מעבעל האָט מיר אָנגעוואונקען, אַ בעזונדער שטוב־שטילקייט האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכֿט, און פּונקט ווי אַ חיה'לע, וואָס דערשפּירט איהר פֿיינד אונגעזעהנערהייד, פֿלעג איך מיך גנב'ענען צו די בלויע פֿאָרטיערן. דאָרט, הינטער די פֿאָרטיערן, אין צימערל, איז שטענדיג פֿאָרגעקומען דאָסזעלבע: דער דאָקטאָר בעוועגט מיט די הענד, רעדט נישט הויך, כֿאַפּט זיך ווייל־ווייז צו דער מאַמעס אַקסעל, און די שוואַרצע לאָקען זענען איהם צו־שאָטען איבער'ן שטערען, און די מאַמע זיצט אונבעוועגליך, געלאַסען, אָנגעלעהנט מיט דער פּלייצע אָן שטוהל, די פּיס ווייט אויסגעצויגען. נאָר איהר קוק צום דאָקטאָר איז אַ נאָהענטער און אַ וואַרימער, פּונקט ווי זי וואָלט וועלען איבערגיסען איהר אויג אין זיינעם. איך פֿערשטעה נישט און הער נישט, וואָס זיי ריידען, אָבער איך פֿיהל, אַז דאָס, וואָס זיי ריידען, איז אָנגעזאַפּט מיט איינגעהאַלטענער ליבע. די מאַמע האָט מיט קיינעם אַזוי נישט גערעדט און אויף קיינעם אַזוי נישט געקוקט.

זייער געשפּרעך האָט זיך שטענדיג געענדיגט מיט קושען, מיט דריקען איינאַנדער צום האַרצען, אָבער דאָ פֿלעג איך אַוועקגעהן, כֿאָטש עס האָט שטאַרק געצויגען צו קוקען. אַ קעלט פֿלעגט

מיך דורכנעהמען, דראָבנע שפּיזעלעך פלעגען מיר אָנשטעכען דעם רוקען, די האָהר אויפ'ן קאָפּ פלעגען זיך שטעלען אזן מיך פלעגט אָנהויבען שרעקען די אונהיימליכקייט פון פאַרנאַכט און די שטיל־קייט פון שטוב. צו דער באָבעס צימער פלעג איך געהן מיט געוואַקעלטע טריט, און וויינען האָט זיך געוואָלט. קיינעם נישט דערצעהלען, נאָר שווייגען און וויינען, שווייגען און וויינען.

דערנאָך איז געקומען דער טאַטע מיט טשעמאָדאַנעס, מיט סוחר'ישע וויצען, מיט מתנות, מיט פרעהליכע קנייטשעלעך אויפ'ן פנים און מיט מעשיות פון גרויסע פערדינסטען. ער איז געקומען פּלוצלונג, ביים באַהן האָט איהם קיינער נישט אָבגעוואַרט, און אין שטוב האָט ער זיך צוקושט מיט דער מאַמען. איך האָב געזעהן זייער קוש: די מאַמע—רוהיג, געלאַסען, העפליך, דער טאַטע הייס, טריי, מיט אימפּעט, נאָר דער טאַטע איז שוין ביי מיר נישט געווען קיין היכער, כאָטש ער האָט מיר געבראַכט אַ סך טשיקאַווע צאַצקעס און מיך שטאַרק געדריקט צום האַרצען. קליין האָט ער מיר אויסגעזעהן, קליין און עלענד און פערשמאַכט, און זייגע צאַצקעס האָב איך שטילערהייד פערוואָרפען אין אַ ווינקעל.

—צו וואָס איז ער אַ טאַטע מיר?..—האָט אין מיר ערגעץ געפרעגט דאָס בלוט.

אין עטליכע טעג אַרום האָט ער זיך פּלוצלונג פערענדערט, אויפגעהערט צו ריידען, דערצעהלען און לאַכען און כסדר גע־קוקט אויף דער ערד און געקנייטשט מיט'ן שטערען. מיך האָט ער אויפגעהערט צו בעמערקען, און אַלע אינדערפריה האָט ער זיך גע'סוד'עט מיט דער מוהמע דאָבע'ן, וואָס האָט פון שטענדיג אָן פיינט געהאַט מיין מאַמען. די מוהמע דאָבע האָט עפּיס גע־שעפּטשעט בלוטיג־בייז און דער טאַטע האָט געקנייטשט דעם שטערען און געקוקט אויף דער ערד. אַזוינע סודות'דיגע געשפּרע־כען האָט דער טאַטע אויך געהאַט מיט'ן סוחר שאַפּירא, וואָס האָט איהם אומגעפיהרט פאַר אַ לאַץ איבער'ן צימער, ווי מען פיהרט־אום אַ מענשען, וואָס האָט קיין ווילען נישט און דער טאַ־טע איז איהם נאָכגעגאַנגען, אַ געהאָכזאַמער און אַ דערשלאָגענער.

די מאַמע איז געזעסען ביי זיך אין צימער, נישט אַרויסגעגאַנגען אַפילו צום עסען, און אַ שווערע מרה־שחורה מיט סודות איז געהאַנגען איבער אַלץ און אַלעם.

די באָבע, וואָס האָט גאָרנישט פערשטאַנען פון אַלטקייט און גוטסקייט, האָט געזוכט אויף די ווענד, געריבען זיך די אויגען און געוויינט אָהן אַ קול.

אין אָט די שרעקליכע שווייגענדיגע טעג בין איך איינמאָל אָנגעגאַנגען אויף אַ געשפרעך צווישען דעם טאַטען מיט דער מאַמען. זיי האָבען זיך ביידע, קענטיג, אומגערן אָנגעטראָפען אין זאַל, ווי צוויי פערביסענע שונאים, וואָס האָבען בעשלאָסען בעסער צו שווייגען. דער טאַטע האָט גערעדט נישט מיט זיין קול: הייזעריג, נידעריג, געדיכט און מאַכטלאָז, פונקט ווי ביי איהם וואָלט עפּיס צוריסען געוואָרען אין האַלז. געשטאַנען איז ער קרום, מיט אַראָבגעהאַנגענע הענד און מיט אַ פערשמאַכטען, געבויגענעם פּראָפיל, און איך האָב געזעהן, ווי עס ציטערן די הויזען ביי זיינע קניה. הויך און ברייט איז ער געווען, אָבער אַן׳איינדרוק האָט ער געמאַכט פון אַ פליג, פון דעם שוואַכסטען ווען אין דער וועלט. די מאַמע האָט געקוקט צום פענסטער מיט אַ מינע פון עקעל, און אַ האַנד איז ביי איהר געווען אויפגעהויבען, פונקט ווי זי וואָלט געוואָלט מיט דער האַנד אָבטרייבען דאָס, וואָס עס ווערט צו איהר גערעדט. דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלונג פונאַנדערגעלאַכט, אַ פאַל געטהאָן אויף אַ שטוהל און צוגעטראָגען אַ ווייס טיכעל צו די אויגען. דאָס שוואַרצע איינגע בלוזקעלע ביי דער ברוסט האָט געציטערט, געציטערט. איהר געלעכטער קאָן איך קיינמאָל נישט פערגעסען. קודם האָט ער לאַנג געדויערט און טרעהרען זענען אין איהם געשטאַנען, און געדאַכט האָט זיך, אַז אַ נשמה איז אין איהם דערשטיקט געוואָרען. אָט געלעבט און אָט דערשטיקט געוואָרען.

איך בין אַנטלאָפען אין דרויסען.

דאָס איז געשעהן אינדערפריה, און פאַרנאַכט, אַז איך בין געגאַנגען מיט עמע׳ן פון שפּאַציר, האָב איך געטראָפען אַ גרויסע און אַן׳איינגע מחנה מענשען אַרום אונזער הויז. דידאָזי־

גע מחנה האָט געשאָקעלט מיט די קעפּ, געצויגען מיט די ליפּען און פּאַר מיר מיט עמע׳ן האָט מען מאָדנע לייבּט געמאַכט אַ וועג.

—דאָס יונגעלע איהרס... דאָס יונגעלע...—האָט מען גערעדט צווישען זיך און אָנגעוויזען אויף מיר מיט׳ן פינגער.

נאָר אין שטוב איז אויך געווען איינג פון פרעמדע און נייגעריגע מענשען, וואָס האָבען זיך פריי אַרומגעדרעהט איבער די צימערן. און צווישען זיי איז דורכגעלאָפען מיין טאַטע מיט צוגעקלעבּטע האָהר צום שטערען און אָהן אַ רעקעל. די אַרבּעל פונ׳ם ווייסען העמד האָבען עפּיס אין דער־גיך דערצעהלט פון אַ גרויסער און שווערער צרה, פון אַ געוואַלטיגען אומגליק, וואָס קאָן שוין גישט פעררירכט ווערען.

אין איין מינוט איז עמע עהנליך געוואָרען צו די מענשען, וואָס זענען געשטאַנען אין דער מחנה און וואָס האָבען זיך אומגעדרעהט אין שטוב. בלאָס איז זי געוואָרען, מיט אַ גרויסער נייגעריגער נאָז, מיט אַנ׳אָפענעם מויל און אַרויסגעשפּאַרטע אויגען, און איהר האַנד, וואָס האָט געהאַלטען מיינע, האָט געציטערט און קאָנוואולסיוו מיך געשלעפּט צו מיין מוטער אין צימער אַריין. איך האָב נישט דערקענט מיין מוטערס צימער. שוואַרצע ריטשקעלעך וואָסער האָבען זיך געצויגען איבער דער פּאָדלאָגע, נעבּען פוס־טישעל זענען געלעגען צובראָכענע שמאָלע פלעשלעך, אויסגעדרעהטע פרעמדע שטעק־שיך, און סאַמע אין מיטען צימער האָט קאַלט און רוהיג געבּליבּט עמיצענס אַ פערוואַלגערטער מאַנזשעט.

עמע האָט מיך האַסטיג דערשלעפּט ביז צו דער מאַמעס בעט, און דאָבּע, די מוהמע, מיט צושויבּערטע האָהר און אַנ׳אויפגעריסענער בלוזקע, האָט מיד און מיט פערקריצטע צייהן געטריבען פון צימער צוויי אָרימע איינגעשפּאַרטע ווייבער, וואָס האָבען נישט געוואָלט אַוועקגעהן. אָבער אין בעט איז נישט געלעגען מיין מאַמע. אין בעט איז געלעגען אַנ׳אַלטע פרוי מיט מיין מאַמעס האָהר, מיט מיין מאַמעס פינגערלעך אויף פערטריקענטע געלע פינגער, דאָס פּנים איינגעשרומפען, ביי די אויגען—שאָ־

טענדיגע גריבלעך, און אויף די ליפּען—בלוטיג־פּערטריקענטער שוים. געלעגען איז זי אונבעוועגליך און לאַנג און שטאַר און עפּיס געל, און געדאַכט האָט זיך, אַז זי האָט פיינליך פערהאַלטען דעם אָטעם און טראַכט אַ שווער שוואַרץ טראַכטען.

עמע האָט זיך הויך, אויפ׳ן קול פונאַנדערגעוויינט. אָבער איך האָב נישט געוואוסט, אַז דאָס איז טויט און אַז מען דאַרף דאָס בעוויינען, און האָב מיך פערקוקט אויפ׳ן ראַנד פון הימעל. דערדאָזיגער הימעל־ראַנד, אויף וועלכען עס האָט זיך געצייכענט אַ לאַנגער טונקעלער פּאַס פון דעכער מיט הויכע פּאַבריקען־קוימענס, איז געווען בלוטיג-רויט, נאָר אויסגעזעהן האָט ער קאַלט און רוהיג און גלייכגילטיג מיט עפּיס אַ האַרטער שטענדיגקייט, און דערפון איז געווען נאָך שרעקליכער, איידער פונ׳ם בעט מיט דער טויטער פרוי. דער הימעל האָט נישט צוגעזאָגט קיין הילף און קיין מיטגעפיהל, און קיין איין פלעק האָט זיך אויף איהם נישט פערענדערט דערפון, וואָס אין שטוב איז פּאָרגעקומען. דערנאָך, אַז איך בין עלטער געוואָרען און געטראַכט וועגען דעם, איז מיר איינגעפאַלען: ביי אַ טאַטען אַנ׳אַכזר טרינקען זיך די קינדער, און ער שטעהט און קוקט דערויף גלייכגילטיג און קאַלט. פון דעמאָלט־אָן האָט אָנגעהויבען ווירקען אויף מיר שלעכט אַ זון־אונטערגאַנג. ער דערמאָהנט מיר אָן טויט און גלייכגילטיגקייט און אָן דעם עלענד פון אַ מענשענס נשמה.

לאַנג האָט דער הימעל קאַלט און רויט געברענט. און אַז עס איז געוואָרען נאַכט און איך האָב מיך אַליין געלעגט שלאָפען, נישט קיין געגעסענער, זענען פון די ווענד אַרויסגעטראָטען קעפּ פון שדים, מיט בערדעלעך, מיט הערנער און מיט שוידערליכע אויגען. זיי האָבען אַלע עפּיס קנאַקעדיגס געקייט און געשאָקעלט צו מיר מיט די קעפּ.

—בע... בע... ב...—האָבען זיי אַרויסגעשטעקט צו מיר רויטע צינגלעך און האָבען מיך געסטראַשעט מיט לאַנגע געדרעהטע נעגעלדיגע פינגער.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגען אין שרעק און שוויס, און אין די איינציגע מינוטען, ווען איך האָב שווער און קרענק־

ליך געדרעמעלט, פּונקט ווי איך וואָלט געהאַט אויפ'ן קאָפּ אַ שטיק בליי, האָב איך געזעהן דעם דאָקטאָר ראַצקין. מיט צעוואָרפענע שוואַרצע לאָקען האָט ער זיך אָנגעבויגט צו מיר, אַריינגעקוקט מיר, ווי אַ שד, טיף אין די אויגען אַריין און געשעפּטשעט:

—ניש'קשה... ניש'קשה... עס וועט איבערגעהן... דאָס איז שקאַרלאַטין אין אַ לייכטער פאָרם.

דריי טעג איז בּיי אונז אין שטוב געווען אַ צומישעניש. מען האָט געוויינט, מען איז אַרומגעלאָפען איבער די צימערן, ווי מענשען, וואָס פערלירען ווײַלעווייז דעם זכּרון, מען האָט נישט געגעסען, נישט געטרונקען, נישט גערעדט אַפילו און מיך האָט מען גאָרנישט בּעמערקט. איך האָב נישט דערקאָנט די שטוב, דעם טאַטען, די מענשען. איך האָב נישט דערקאָנט דאָס מעבּעל, די בּלומען-טעפּ און די בּילדער אויף דער וואַנד. אַלץ האָט זיך עפּיס געענדערט און האָט בּעקומען גאָר אַנ'אַנדער פאַרב און דער טויט—דער טויט האָט געשמעקט פון אַלץ און אַלעם. ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג בּין איך אויך אַריין אינ'ם פאַרב פון טויט און האָב מיך צעוויינט. איך האָב געוויינט נישט דערפאַר, וואָס מיין מאַמע איז געשטאָרבּען, נאָר דערפאַר, וואָס דער טויט האָט אַ שמיץ געטהאָן מיין יונג לעבּען, ווי דער איילענדיגער פוהרמאַן גיט אַמאָל אַ שמיץ מיט דער בּייטש דאָס אונשולדיגע בּלימעל, וואָס וואַקסט בּיים וועג. איך האָב געפיהלט, אַז דאָס, וואָס איז געשעהן מיט מיין מאַמען, איז אויך עטוואָס געשעהן מיט מיר, אַז דאָס זיצט מיר ערגעץ טיף אין האַרצען און קיהלט מיר די בּלוטען. אָבּער אויפ'ן דריטען טאָג האָב איך שוין געהאַט מיינע מחשבות און האָב מיך שטיל געשפּילט מיט אַ קאַץ הינטער אונזערע טרעפּ. די קאַץ האָט געהאַט וואַרימע האָהר און האָט זיך ווייך געשאַרט מיט'ן בּויך אַרום מיינע פינגער. בּיינאַכט האָט מיך קיינער נישט אויסגעטהאָן, און עמע איז געוואָרען אַ גאַנצע בּעל-הבּית'טע. זי איז אַרומגעלאָפען איבּער די צימערן, געקאַמט אין דער-שטיל די האָהר פאַר יעדען שפּיגעל, געשאַפט זיך מיט דער דינסט, געשריען אויף דער באָבען און דעם טאַטען געהיי-

סען טוינקען כסדר טיי און שוויגען. נאָר די מוהמע דאָבע האָט אויך גענומען בעל־הבית׳עווען, און אונזער שטוב איז פול געוואָרען מיט קרובים און שלעפּער. די מוהמע האָט זיי געטריבען און געזידעלט, אָבער זיי האָבען זיך געזעצט אויבענאָן, צוגעקנאַקט מיט די פינגער און געמיטליך געבעטען עסען, ווי אויף אַ שמחה.

אויפ׳ן דריטען טאָג איז שטיל געוואָרען מיט זיי. די מוהמע האָט זיי אויסגעצאָהלט געלד, און עמע האָט מיך געשלאָגען אין אַ ווינקעל. עמע האָט געוואָלט, איך זאָל איהר נישט נאָכגעהן און זאָל שפּילען אַליין. זי דאַרף זיך פּוצען אין אַלע שפּיגלען און קוקען אויף דער נאָז, וואָס איז איהר געהאַנגען אויפ׳ן פּנים, ווי אַנ׳אָפענע טיר.

וועגען דער מאַמען האָט מען געשוויגען. קיינער האָט איהר נאָמען נישט דערמאָהנט. אין שטוב איז אַרומגעגאַנגען אַ שלאַנקע בלאַסע פרוי מיט גאָלדענע האָהר, און אָט איז זי נישטאָ, אויף אייביג נישטאָ, פּונקט ווי אַ בייזער ווינד וואָלט זי אָבגעמעקט פון דער וועלט. איך האָב עס דעמאָלט נישט פערשטאַנען. איך האָב נישט פערשטאַנען, אַז דער טויט נעהמט־צו אויף אייביג, אָבער איך האָב געשפּירט, אַז דער טויט איז זעהר אַ שלעכטע זאַך, און מענשען שרעקען זיך פאַר דעם. און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מיין מוטער וועט זיך אומקעהרען צוריק, אַז ביי איהר איז געווען דער טויט אויף אַ וויילע און האָט איהר עפּיס געטהאָן, אָבער דאָס וועט איבערגעהן און פערגעסען ווערען. ערשט שפּעטער האָב איך בעגריפען, אַז די אַלטע פרוי, וואָס איז אונבעוועגט געלעגען אין בעט מיט מיין מאַמעס האָהר און פינגערלעך, איז געווען מיין מוטער, וואָס האָט זיך גע׳סמ׳ט מיט עפּיס אַ געוועהנליכען סם, און אַז סמ׳ען זיך הייסט אַוועקגעהן, אַנטרונען ווערען אויף אייביג פון די לעבעדיגע. אַז איך האָב פערשטאַנען וואָס איז אַזוינס טויט, האָב איך אויך פערשטאַנען די סבה, צוליב וואָס מיין מאַמע האָט זיך גע׳סמ׳ט. זי האָט ליב געהאַט דעם דאָקטאָר ראַצקין. איהר לויה האָב איך נישט געזעהן: די מוהמע דאָבע האָט מיך דעמאָלט

אָבגעשיקט מיט אַנ׳אונבעקאַנטען מענשען צו איהרע קינדער—שפּי־לען זיך דאָרטען. אָבער אין דעם אייגענעם טאָג איז אויך גע־ווען אַ צווייטע לויה אין אַ צווייטען טייל שטאָדט. דער דאָק־טאָר ראַצקין האָט זיך אויך גע׳סמ׳ט און איז אויך אַוועק פון די לעבעדיגע, פון זיין פּראַקטיק, פון זיין ווייב און קינד. אפשר איז ער געגאַנגען זוכען מיין מוטער אויף די שטומע לערע וועג־גען צווישען די קאַלטע טויטע שטערען?

אין דער מאַמעס צימער איז נאָך אַלץ געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע דער מאַנזשעט מיט די צובראָכענע שמאָלע פלעשלעך, נאָר די בעט איז געווען לעדיג, און אַז איך פלעג דאָרטען שטעהן, האָב איך מורא געהאַט צו קוקען פון פענסטער אויפ׳ן הימעל, טאָמער וועט ער זיין רויט, ווי דעמאָלט. איינדערפריה פלעג איך בענקען נאָך מיין מאַמען: עס האָט מיר געפעהלט איהר גלעט, איהר טרויעריגער קוק, איהר פּערטראַכטער און אר־מעטיגער שמייכעל אין די גרויסע רייכע, שוויגענדיגע צימערן אונזערע.

אָט די צייט, וואָס האָט זיך געצויגען אַ גאַנץ יאָהר איז געווען די סאַמע פרייסטע און די סאַמע שווערסטע צייט אין מיין לעבען. איך בין געווען פריי, קיינער האָט זיך נישט אומ־געקוקט אויף מיר. אָבער איך בין געווען שמוציג, פערוואָרפען, פערלאָזען, בעוואַקסען, עלענד און טיילמאָל אַפילו הונגעריג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין עהנליך צום הויף־סלופּ, וואָס האָט אויסגעזעהן גרוי פון ווינד און רעגען, צו דעם אַלטען בעטלער, וואָס קומט מיט אַ טאָרבע אַלע וואָך און שטעלט זיך אַנידער אָהן אַ היטעל קעגען אונזערע פענסטער, און אַ רחמנות צו זיך פלעגט מיך בעפאַלען. דער עלענדסטער בין איך, דער עלענד־סטער און דער הונגעריגסטער.

דערנאָך האָט מען עמע׳ן געכאַפּט ביי אַ גנבה, און מען האָט זי אַרויסגעטריבען. דער טאַטע האָט זיך דערין נישט גע־מישט. עמע האָט געוויינט, נאָר די מוהמע האָט זי געטריבען מיט שוים אויף די ליפּען. אויף עמע׳ס אָרט איז באַלד אָנגע־

קומען אַ בלאָנד מיידעל מיט אַ האַרציגען קול, און זי האָט מיך בעפיהרט שפּאַצירען, געוואַשען, אָבגעשאָרען די נעגעל, און אין די שפּיגלען האָב איך דערקענט מיין פריהערדיג געזיכט, אַזאַ, ווי בעת די מאַמע האָט געלעבט.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבען אַוועקצופאָהרען צו זיינע געשעפטען. נאָך דער מאַמעס טויט איז ער קאַלט געווען צו מיר, פּונקט ווי איך וואָלט מיך אין עפּיס פערשולדיגט. אָבער איינמאָל פאַר'ן אַוועקפאָהר, האָט ער מיך מאָדנע הייס געקושט, געדריקט צום האַרצען, און אויף מיין באַק האָב איך דערפיהלט זיינע אַ טרעהר. גערעדט האָט ער גאָרנישט, אָבער אַז מען האָט אַרויסגעטראָגען די טשעמאָדאַנעס צו דער פוהר, האָט ער אָנגעזאָגט דעם בלאָנדען מיידעל, זי זאָל מיך היטען און אַ סך שפּאַצירען מיט מיר.

פון די רייזעס פלעגט ער קומען אַ דערפרישטער, אַ בעוועגליכער, אַן'אויסגעלייטערטער, נאָר אָהן סוחר'ישע וויצען און אַ שווייגענדיגער. מתנות פלעגט ער מיר ברענגען אַ סך און דערביי גוט און שטום שמייכלען.

אין אַזאַ מינוט האָב איך איהם איינמאָל פּלוצלונג אַ פרעג געטהאָן:

טאַטע, וואו איז די מאַמע?

איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבען, דאָס הייסט, אַז זי וועט שוין מעהר נישט זיין נישט ביי אונז אין שטוב און נישט אין גאַס און אין ערגעץ נישט. אָבער איך האָב עס געפרעגט, ווייל איך האָב מיך נישט געקאָנט בערוהיגען, ווייל דאָס האַרץ האָט אין מיר געוויינט און איך האָב מיך געוואָלט געגאַרען, הערען אַ גוטען ענטפער. אַ פאַלשען, אָבער אַ גוטען. נאָר דער טאַטע האָט עפּיס אַרויסגעברומט אונטער דער נאָז און אין דעם געעפענטען פענסטער בעהאַלטען דאָס פּנים. דרויסען איז געווען פון דאָס־ניי אַ זומער מיט אַ בּרייטען בלויען הימעל, און פון אויבען, אַזוי ווי איבער'ן קאָפּ, האָט זיך דערטראָגען פון ערגעץ אַ הייס און קנאַקעדיג פויגעל־געזאַנג.

דער טאַטע האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ פֿון פענסטער און איך פלוצלונג אַ זאָג געטהאָן:

—דו ביזט געראָטען אין דער מאַמען, ווי צוויי טראָפּען וואַסער...

און אַרויס פֿון שטוב.

איך האָב עס נישט גוט פערשטאַנען, נאָר פאַר די אויגען האָט מיר געשוועבט די מאַמע מיט דעם לענגליך־בלאַסען געזיכט, מיט די בלויע שאָטענדיגע אויגען, און עס האָט זיך געוואָלט זי כאַפּען פֿון דערלופּטען, אַזוי ווי דער דמיון מאָלט זי, און ציהען צו זיך...

דעם זומער האָבען מיר געוואוינט אויף אַ דאַטשע. אין אַ דערבייאיגען הויז מיט אַ רויטער ווערענדע האָט געוואוינט איי־נע אַ דאַמע מיט ווייסע שאַרכענדיגע קליידער, און פאַרנאַכט פלעגט דער טאַטע שפּאַצירען מיט איהר. טריט-ביי־טריט פלעגט ער געהן, אַ הויכער, אַ ברייטביינינגער, מיט אַ שטרוי-הוט און ווייַ־סע הויזען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זעה דעם אַמאָ־ליגען טאַטען, מיט די סוחר׳ישע וויצען און פרעהליכע קנייטשע־לעך אויפ׳ן פנים. דידאָזיגע דאַמע האָט זיך זעהר געפּאַסט צו איהם. אַ הויכע, אַ פול־בוזימדיגע, האָט זי אויסגעזעהן, ווי זיינע אַ שוועסטער, און לאַכען פלעגט זי אַזוי שטאַרק און ברייט, פונקט ווי מען וואָלט געקלאַפּט אין אַ פויק.

שפּעטער פלעגט דער טאַטע פערשווינדען אין וואַלד מיט איהר, און דעמאָלט פלעגען זיי אויסזעהן, ווי צוויי געהענדיגע בוימער. זיי זענען וואונדערליך פרעמד געווען מיין האַרץ. מיין מאַמע איז געווען אַ בלאַסע, און שוין איך די קינדעריאָהרען האָב איך געשפּירט אַ נייגונג צו בלאַסקייט און שוואַכקייט, צו דעם ציטריגען בלימעל, וואָס וואַקסט־אויס אין אַב׳איינגעשלאָסע־נעם שפּעקט. מיין בלאַסע מאַמע האָט איינגעגעבען אין מיר די ליבע צו בלאַסקייט. און אַז איך פלעג דערזעהן מיין פאָטער מיט זיין דאַמע, דידאָזיגע צוויי מענשען, וואָס זענען אָנגעגאָסען גע־

ד ו ד   ק אַ ס ע ל.

ווען מיט געזונד און לעבען, ווי צוויי הויכע שאָטענדיגע דעמ־בען, פלעגט זיך מיר דאַכטען, אַז אַ רויהער ווינד האָט מיך בע־וויהרט.

די הויכע דאַמע איז איינגיכען געוואָרען מיין פאָטערס פרוי, אָבער איך האָב פיינט בעקומען מיין פאָטער, ווי די לבנה האָט פיינט די זון, ווי די רויז האָט פיינט דעם ווינד.

אין פערשידענע וועגען זענען מיר זיך צוגאַנגען.

אינדערפינסטער

אינדערפינסטער.

I.

די געסט פאַהרען זיך פונאַנדער אַרום איינס אַ זייגער ביי־נאַכט. דער ערשטער געהט שטענדיג אַרויס פון טיש פיינבערג, אַן אַלטער בחור, אַ קורצער, אַ דיקער מיט גרויע האָהר און מיט בלויע ברילען אויף אַ רויטען גלאַטען פנים. בשעת ער געהט פון זאַל אין פאָדערצימער, אָטעמט ער שווער, סאָפּעט, וויגט זיך פון איין פוס אויפ׳ן צווייטען און פאָכט איבער׳ן פנים מיט אַ ווייס טיכעל, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אָבגעטהאָן זעהר אַ שווערע אַרבייט.

אין פאָדערצימער זוכט ער לאַנג דעם הוט און דער שטעקען, כאָטש ביידע האָבען זייער שטענדיגען אָרט און מען קען זיי לייכט בעמערקען. נאָר מלכה, וואָס האַלט אַ ברענענדיג ליכט אין דעם ליכטיגען פאָדערצימער, דערלאַנגט עס איהם מיט עפּיס

אַ בעזונדער מיטליידס־געפיהל, און אַז ער גיט איהר אַ זילבער־נע מטבע פאַר׳ן אַרויסגעהן, קוקט זי איהם לאַנג נאָך און טראַכט בעת־מעשה, אַז כאָטש ער איז רייך, איז ער דאָך עפּיס אומ־גליקליך און אַלט און אַז ער קאָן נאָך אַראָבפאַלען פון די טרעפּ.

נאָך איהם קומט־אָן געאַרעמט אין פּאָדערצימער דאָס פּאָרל ליפשיץ. זיי ביידע האָבען זיך נישט ליב, דאָס ווייס אַפילו מלכה. נאָר פאַר מענשען, אין גאַס צי אין אַ געזעלשאַפט, האַלטען זיי זיך שטענדיג געאַרעמט.

—מלכה, זאָגט ער פויל אַרויס,—האַלטענדיג דאָס ווייב אונטער׳ן אָרעם,—דערלאַנג מיר דעם הוט און דעם ווייב׳ס פּאָ־לערינע.

דערנאָך געהט דער קאָנטאָריסט לעווין, דער יונגער פאַ־בריקאַנט ראַטנער, וואָס האָט אַ שוואַרץ שפּיציג בערדעל און קאַל־טע גרינע אויגען, דער רוסישער בעאַמטער סאַכאַראָוו מיט זיין פרוי און דער גוטער, אַלטער, ווייסער און פרעהליכער ציטראָן, וואָס איז אַזוי קאָמיש קורץ און גראָב, אַז ער מאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ פעסעל. בעת די געסט שיידען זיך מיט די בעלי־בתים, קייקעלט ער זיך, אַ לאַכענדיגער, אַרום מלכה׳ן, קלעבט זיך צו איהר און רעדט אַזוי, ווי עס ריידען וואוילע יונגען מיט מייד־לעך.

—זאָלען מיר שוין אַלע אַזוי לעבען, וואָס פאַר אַ שען מיידעל דו ביזט... דו הער־נאַר, ווען קומען, זאָג? אַנישט כאַפּסטו אין די קוקערס אַריין! בו־בו־בו...

די בעל־הבית׳טע, אַ הויכע מאָגערע פרוי מיט אַ לענגליך בלייכען און קרענקליך פּנים, מיט צו־שוואַרצע ברעמען אויף קליינע אויסגעלאָשענע אויגען, האַלט די הענד אויפ׳ן האַרצען און שאָקעלט צו יעדען מיט׳ן קאָפּ. הינטער איהר שטעהט דער בעל־הבית, אַ הויכער מגושמ׳דיגער מאַנסביל, מיט אַ טאָטעריש געזיכט, מיט גרויסע געלע אַרויסגעשפּאַרטע צייהן, און פערעב־דיגט לאַכען פון ציטראָנס אַ וויץ, וואָס איז נאָך אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין זאַל.

כמעט בעת אַלע צוגעהען זיך קומט אַריין מישע, דער

זעהן. ער איז שטאַרק עהנליך צו דער מאַמען: אויך אַ קרענקליך לענגליך פנים, שוואַרצע ברעמען, שוואַרצע קליינע אויגלעך און אַ שאַרף דין נעזעל. דער אַלטער ציטראָן, וואָס האַלט אין איין האַנד דעם שטעקען און מיט דער צווייטער—די אָפענע טיר, בעוויזט נאָך איהם צוצעוואַרפען אַ פּאָר ווערטער פאַר׳ן אוועקגעהן:

—אַז מען קומט פון גאַס איינס אַ ז׳יגער ביינאַכט... אוי, אַז מען קומט פון גאַס איינס אַ זייגער ביינאַכט... אַ יונגערמאַן האַלבע נאַכט...

מישע ענטפערט נישט און געהט מיט דראָבנע טריט צו זיך אין צימער. די בעל־הבית׳טע, אָב׳פּטר׳ענדיג די געסט, בעטראַכט די טיר, צי זי איז גוט צוגעשפּאַרט און באַלד זאָגט זי צו מלכה׳ן:

—לעש אויס אַלע לאָמפּען, דו הערסט? אַלע ביז איינעם. און פאַמעליך ווי דו האַלסט דאָס ליכט.

מלכה שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און טראַכט ווידער דאָסזעלבע, וואָס אַלע טאָג אין דער צייט, אַז די בעל־הבית׳טע איז משוגע אויף פייער. מלכה קאָן בשום-אופן נישט פערשטעהן, ווי אַזוי האָט מען עס מורא פאַר אַ ברענענדיגען לאָמפּ אין אַזאַ גרויסען געמויערטען הויז, וואָס שטעהט אין רעכטען מיטען שטאָדט. אָבער אַז זי דערזעהט דער בעל-הבית׳טעס לענגליך און קרענקליך פנים מיט די מאָדנע צו-שוואַרצע ברעמען, ווערט עס איהר עפּיס פערשטענדליך, פונקט, ווי אַ פרוי, וואָס האָט אַזאַ פנים, בעדאַרף זיין משוגע און מעג זיך שרעקען פאַר פייער.

אויסלעשען די לאָמפּען דויערט נישט לאַנג, און אין צעהן מינוט אַרום איז שוין מלכה אין קיך, גרייט צום שלאָפען. נאָר דאָ ווערט זי מיט אַמאָל אונרוהיג און עס הויבט איהר אָן צו קלאַפּען דאָס האַרץ. שוין עטליכע טעג ווי מישע גנב׳עט זיך צו איהר אינמיטען נאַכט, און דאָס קומט־פאָר אַזוי, אַז עס לאָזט זיך עפּעס נישט בעגרייפען. אינדערפינסטער, פון די ווייטע צימערן, הערט זיך ווי עמיצער טרעט אַ באָרפעסער פאַמעליך, פאַמעליך און רוקט זיך אַלץ נעהנטער. עס דאַכט זיך,

אַז דאָס געהט נישט קיין מענש, נאָר עס ציהט זיך אַ שטיק פּאַפּיר, וואָס איז לאַנג און קלעפּיג, און אַז עס וועט קומען גאָר נאָהנט, וועט דערפון פערפעהלען אָטעם, דער קאָפּ וועט זיך אָנגיסען מיט בּליי און עס וועט ווערען הייס און קאַלט אין אַלע גלידער. שוין די פּערטע נאַכט ווי ער לאָזט איהר נישט שלאָפען, קריכט אין קיך אַריין, אַ הייסער, אַ ציטריגער און אַ דערשראָקענער, רעדט צו איהר עפּיס מיט אַ פלאַמענדיגען אָטעם, און אַ שעה צייט געווערט בּיז וואַנען זי שטויסט איהם אַרויס פון קיך.

מלכּה וואַרפט־אַראָב די שיך, טהוט־אויס דאָס קליידעל און בּעשליסט, אַז היינט דאַרף מען עפּיס צו־טראַכטען אַ מיטעל, אַז מעהר זאָל דאָס נישט פּאָרקומען. מיטלען זענען דאָ אַ סך. מען קאָן די קיך־טיר פערשליסען, מען קאָן לאָזען דעם לאָמפּ בּרענען, מען קאָן אויפהויבּען אַ געוואַלד, אָדער מען קאָן געהן און אַלץ אויסזאָגען דער בּעל־הבּית׳טע. פאַר דער בּעל־הבּית׳טע האָט ער מורא. אויפ׳ן לעצטען אופן קאָן מען איהם פּשוט אַרויסוואַרפען, וואָרום ער איז זעהר אַ שוואַכער, אָהן אַ טראָפּען בּלוט אין פּנים, הויט און בּיינער.

און מלכּה ווערט דרייסטער. אָט וועט זי אויסנוצען איינס פון די מיטלען און פטור ווערען פאַר איין מאָל פון דעם אונבּעקאַנטען שרעק. אָבּער בּאַלד ווערט זי אָבּהענדטיג, עס כאַפּט זי אַרום עפּיס אַ מאָדנע שפּירונג, און זי ווייסט נישט, וואָס צו טהאָן.

זיצט זי מיט אַראָבּגעהאַנגענע נאַקעטע פיס, אין איין העמד, מיט פונאַנדערגעלאָזטע בּלאָנדע האָהר. דאָס פּנים איז איהר קיילעכיג, ראָז און פריש, די אויגען בּלויע, לוסטיגע, מיט אַ יונגעלשען גלאַנץ, און די אויבּערשטע ליפּ, אַנ׳אויפגעהויבּענע, אַ פולע און אַ רויטע, דעקט־אויף אַ שורה קלאָרע ציינער. זי פּרובּט זיך טראַכטען און קאָן נישט, די געדאַנקען צושפּרינגען זיך, ווי ווילדע ציגען, און ווי אונגערן געהט זי אַראָבּ און פערלעשט דעם לאָמפּ. דאָס פינסטערניש גיט אַ טאַנץ מיט אַמאָל ווי אַ שוואַרץ בּערגעל און מלכּה, טאַפּענדיג, לעגט זיך אין בּעט אַריין.

פאַר׳ן טאָג האָט זי זיך אָנגעהאָרעוועט און עס דריקט וי צום שלאָפען. זי פערמאַכט די אויגען, און ווי אין אַ חלום קויקעלט זיך פאַרביי ציטראָן, ראַטנערס קאַלטע גרינע אויגען, פייגבערגס זילבערנע מטבע, אַ קלויסטער און אַ הערינג־קראָם. דערנאָך בעווייזט זיך אַ גרויער פאַרקאָן. דערדאָזיגער פאַרקאָן וויגט זיך און וויגט זיך, ציהט זיך און ציהט זיך און ווערט אינגאַנצען שוואַרץ און שטעהענדיג.

II.

אין דעם גרויסען הויז איז פינסטער און שטיל. אַלע שלאָפען, און אין דער לערער שוואַרצקייט קלינגט איינטעניג די שטילקייט, פונקט ווי זי וואָלט עמיצען גערופען, נאָר יענער האָט זי פערלאָזען און וויל נישט קומען. די שטילקייט קלינגט און קלינגט, און ווערט פלוצלונג איבערגעריסען פון אַן׳איינגעהאַלטענעם שאָרך. דער שאָרך טרעפט־אָן צו מלכה׳ס אויער און שטעכט דאָרט אָן ווי מיט אַ הייס שפילקעלע. מלכה גיט מיט׳ן גאַנצען לייב אַ ציטער, דער שלאָף פערשווינדט איהר מיט אַמאָל און זי דערפיהלט דעם אונבעקאַנטען פחד. געהן געהט דער שאָרך פון די וויטערע צימערן, און עס איז עהנליך אָן דעם, ווי אַ באָרפעסער פוס וואָלט ערגעץ געמאַכט אַ טריט פאָראויס, אַ טריט צוריק—און צוגעשטעלט זיך.

מלכה עפענט זיכער די אויגען און בעשליסט עפּיס צו טהאָן. זי וועט אָנצינדען דעם לאָמפּ און מאַכען אַ טומעל; זי וועט זיך אָנטהאָן און געהן מיט זידלעריי אַנטקעגען; זי וועט אויפוועקען די בעל־הבית׳טע, וואָס קען אוודאי מאַכען שנעל אַ סוף דערצו. אָבער אָט דערהערט זיך ווידער דער שאָרך—אַ טריט פאָראויס, און פאַר מלכה׳ס אויגען נעהמען שוועבען שטיקער שוואַרצקייט, דורכגעוועבט מיט גרינע פינטעלעך און רויטגעלבע רויפעלעך, און ווידער בעפאַלט דאָס האַרץ דערזעלבער

פּחד. אין דעמדאָזיגען פּחד פערשווינדען אַלע געדאַנקען פון קאָפּ, און עס בלייבט נאָר אַ געפיהל, ווי זי וואָלט ליגען אַליין אין אַ געדיכטען וואַלד ביינאַכט, און עמיץ בעדאַרף צו איהר קומען מיט צער און פריידע.

—ססשש... ססשש... ססשש...—טראָגט זיך פאָרזיכטיג דער שאָרך, און עס דאַכט זיך, אַז מיט איהם צוזאַמען געהט עפּיס אַ דושנע וואַרימקייט, וואָס טאַפּט זי אָן, ווי מיט ווייכע הענד, ביי די באַקען. מלכּה וויל אויסשרייען, אַ פּאַק טהאָן אין לופּטען מיט דער האַנד און צורייסען די שוואַרצקייט מיט די גרינע פּינטעלען. אָבער פּלוצלונג ווילט זיך איהר גאָר פונאַנדערלאַכען. פערשטענדליך און קלאָר ווערט איהר, אַז זי האָט נישט וואָס מורא צו האָבען. למאַי זאָל זי זיך שרעקען? וואָס וועט ער איהר טהאָן? האָט זי דען נישט קיין מיטלען אויף צו ווערען זיך? און אַ געהיים, זיס און שטיל געפיהל זאָגט איהר אונטער צו וואַרטען, צו וואַרטען.

—ססשש... ססשש... ססשש...—קומט ווידער דער שאָרך, נאָר שוין מיט מעהר עקשנות, און עס איז דייטליך, אַז איצט זענען געמאַכט געוואָרען צוויי טריט פאָראויס.

און ווידער בעפאַלט דער פּחד מיט די שטיקער שוואַרצקייט, וואָס זענען דורכגעוועבט מיט גרינע פּינטעלעך און רויטגעלבע רויפּעלעך, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס געהט נישט א״ין מישע, נאָר טויזענדער מישעס, בלאַסע מיט דינע נעזעלעך, מיט שוואַרצע ווענסעלעך, מיט קליינע אויגעלעך, אויסגעשטרעקט די הענד אין דער־הויך, באָרפעסע, אין אונטערשטע וועש און שוידיגענדיגע. זיי אַלע געהען און ווען מוזען קומען, וואָס עס זאָל נישט טרעפען. עס הערשט ביי זיי אַ ג״זיס אחדות, זיי זענען שטאַרק דורכגעדרונגען מיט איין נערלאַג, מיט איין חשק און ווילען איינע די אַנדערע נישט אַוויסגעזן. זיי געהען און ווילען קומען.

—ססשש... ססשש... ססשש...

דער שאָרך בלייבט פערגליווערט, פונקט ווי ער וואָלט צוגעקלעבט געוואָרען צום אָרט. דאָס געה/נדיגע האָט זיך, אַפּנים,

אָבגעשטעלט. און ווידער זײַנען אַנגרונען געוואָרען די פינטעלעך מיט'ן פחד.

עס איז שטיל אַרום און מלכה דערפיהלט זיך פריי. איצט וויל זי אָנצינדען דעם לאָמפּ, אָבער זי וועט עס טהאָן הילכיג, מיט אַ געוויסער קלאַפּעריי, כדי דערמיט געבען צו פיהלען דעם [illegible]ע־הער, אַז אין קיך איז מען וואַך, אַז עס איז ליכטיג און מען נעהמט עפּיס פאַר.

פּאַוואָליע הויבט זי זיך אויף פון בעט. אָבער באַלד ווי זי שפּאַרט־אָן די האַנד אָן ראָג בעט און טיילט־אָב דעם קאָפּ פון קישען, קומט איהר אויס די גאַנצע אַרבייט פאַר אַנ'איבעריגע. צו וואָס בעדאַרף מען עס, אַז זי איז אַ געזונד און קרעפטיג מיידעל, אַ שטיפּערין און אַ פרעהליכע, וואָס טאָר זי בשום־אופן נישט שרעקען פאַר דעם בלייבען, שוואַכען און ציטערדיגען מישע'ן. וואָס קען איהר מישע טהאָן, בשעת זי איז געזינדטער פאַר איהם און קאָן איהם אומוואַרפען, ווי מען וואַרפט אים אַ שטרוי? און ווידער ווילט זיך איהר פונאַנדערלאַכען, הויך, אויפ'ן קול פונאַנדערלאַכען. און עס קומט איהר אויפ'ן זינען שעפּסיל באַראַן, אַ ברייטביינינגער געזונדטער בחור, אַ קצב, אַ שכור, וואָס האָט אין שטעדטעל געהאַלטען אין דער־מורא אַלע מיידלעך פון איהר גראַד. דערדאָזיגער שעפּסיל, וואָס פלעגט שטענדיג אַרומגעהן אויסגעשמירט אין בלוט, האָט געהאַט אַ טבע אָבצוהיטען אַ מיידעל און צו בעטען ביי איהר געלד אויף בראָנפען, דערביי פלעגט ער איהר סטראַשען, מאַכען ווילדע תנועות און אַמאָל שלאָגען. בייגאַכט האָבען דאָס רוב מיידלעך מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון שטוב, און די איינציגע ישועה איז געווען, וואָס מען האָט איהם איינמאָל אין אַנ'אָסיען צוגענומען אין סאָלדאַטען. נאָר אין מלכה האָט זיך נישט געשראָקען פאַר איהם. בעת ער איז איינמאָל געשטאַנען אַנטקעגען איהר אין לאַנגע פערבלוטיגטע שטיוועל, מיט גרויסע גראָבע שוואַרצע וואָנסען, מיט אַרויסגעשפּאַרטע שכור'ע אויגען, מיט אַ קורצען פערוואַקסענעם שטערען און האָט געבעטען געלד, און דערביי איהר געטרויסעלט אונטער דער נאָז מיט אַ שרעקליכען פויסט—האָט

מלכּה קאָקעטיש אָנגעשפּאַרט די הענד בּיים טאַליע, עטוואָס אויס־געבּויגט זיך צו איהם, און, לאַכענדיג, געזאָגט הויך און לייכט:

—הערסטו, בּאַראַן, האָסט נישט געטראָפען דעם אָרט. אַ קאָפּיקע גיב איך דיר נישט, אַז אָסור זאָל מיר זיין! וואָס וועסטו מיר טהאָן, שלאָגען? טאָ נאַ, בּאַראַן, שלאָג!..

און זי האָט אויפגעהויבּען דעם קאָפּ, ער זאָל זי שלאָגען. שעפּסיל בּאַראַן האָט צוערשט בּייז אַ בּרום געטהאָן, נאָר בּאַלד, אַריינקוקענדיג זיך שאַרף אין דעם מיידעלס פּנים, איז ער עפּיס מיט אַמאָל אָבּהענדטיג געוואָרען און דערנאָך געלאַסען, שוין נישט מיט זיין קול, אַרויסגעזאָגט:

—דו בּיסט אַ כוואַט אַ מיידעל, מלכּה... איך בּעט בּיי דיר קיין געלד נישט,—און פּלוצלונג שטיל צוגעגעבּען:—לאָמיר שפּי־לען אַ ליבּע, מלכּה... איך האָבּ דיך האָלט...

און דערנאָך האָבּען זיי זיך בּיידע געקושט אויפ׳ן פּעלד, הינטער׳ן שטאָדט, נעבּען גוי׳עשען בּית־עולם. דידאָזיגע זכרונות וועקען זי צום לאַכען, מאַכען זי שטאָלץ און שטאַרק, און מישע מיט זיין גנבּ׳ענען זיך פון די ווייטע צימערן אין קיך אַריין קומט איהר אויס שוואַך און נישט געפעהרליך. עס שטעהט איהר אינדערפינסטער פאַר די אויגען דער טאָג מיט דער ליכטיגער זון, מיט׳ן שטעדטעלע און מיט בּאַראַנ׳ען.

—מלכּה, בּיזט אַ כוואַט,—זאָגט בּאַראַן.

—ססששש... ססששש...—דערלאַנגט פּלוצלונג דער שאָרך צום אויער.

איצט איז ער גאַנץ נאָהנט, קענטיג. אַז פאַר דער צייט, וואָס זי האָט געטראַכט, איז מישע אַ שטיק איינגעגאַנגען, און זי האָט נישט געהערט. אַ פּנים, אַז ער איז שוין אין עס־צימער און וועט בּאַלד אַריינדרינגען אין קיך. דער פריהערדיגער פּחד רוקט זיך ווידער צום הארצען, נאָר די אָקאָרשדיגע זכרונות דערלאָזען איהם נישט. מיט געוואַלט האַלט מלכּה איין אין זכרון שעפּסיל בּאַראַנ׳ען, אַנ׳אויסגעשמירטען אין בּלוט, אַ רויטען און אַ געזונדטען, מיט גרויסע גראָבּע פערקוועטשטע פויסטען, וואָס עפּענען זיך צערטליך פונאַנדער אַרום איהר לייבּ. דאָסדאָזיגע

בילד וויל אָבער דער פּחד צושלאָגען, צורייסען און איינבעהאַלטען, ווי צוויי פעסטע הענד ווילען פערדריקען שוואַכערע. און זי פיהלט, ווי דער פּחד שטאַרקט זיך, ווי שעפּסיל באַראַן ווערט בלאַס און קלענער און אָט פערשווינדט ער גאָר אינגאַנצען. עס בעוויזען זיך ווידער די שטיקער שוואַרצקייט מיט די גרינע פּינטעלעך און רויט־געלבע רויפּעלעך. זיי אַלע דרעהען זיך צוזאַמען, בעוועגען זיך האַסטיג אַרויף און אַראָב, און עס ווערט אַזוי, אַז מלכה ווייס נישט צו וואָסער זייט זי ליגט מיט'ן קאָפּ, נאָר געפינט זיך די וואַנד און אויף וועלכען אָרט שטעהט דער אַריווען. מיט אַמאָל גיט זי זיך אַ הויב, זעצט זיך אַנידער אין דעם ים גרינע פּינטעלעך און רויפּעלעך, און עס ווערט איהר פּלוצלונג קלאָר, פּונקט ווי עמיצער, וועלכער איז געזונד און רוהיג, וואָלט איהר געזאָגט דערביי אויפ'ן אויער, אַז מישע, דער בליכער שוואַכער חלוש'דיגער מישע, וואָס נעהמט כמעט יעדע נאָך אַ נייע רפואה צום האַרצען, איז שטאַרקער, ווירקענדיגער און געפעהרליכער פאַר באַראַנ'ען.

–ססשש... ססשש... ססשש...

דערדאָזיגער שאָרך געהט פון אַ האַנד און פון אַ פוס. די האַנד זוכט די טיר, און מען קען אַפילו הערען ווי ביי דעם געהענדיגען קלאַפּט דאָס האַרץ. מלכה'ן ווערט מאָדנע היים, פּונקט ווי די גאַנצע שטוב וואָלט ברענען מיט שוואַרצע פלאַמען. עס וויגט זיך די קאַלטע פּאָדלאָגע, אויף וועלכער זי שטעלט אַראָב אַ פוס, און אין די אויערן גיסט זיך דער פּער'סוד'עמער קלאַנג, דער גנב'ישער שאָרך, ווי אַ הייסער דינער שטראָם. זי בעשליסט זיך געהן צום טיר און מאַכט אַ טריט פאָראויס, באַלאַנסירענדיג מיט די הענד, ווי מען געהט אויף אַ שטריק. באָר אָט ווערט געעפענט די טיר. עפּיס הייסעס, אָטעמדיגעס און ציטריגעס קומט־אַריין, דערנעהנטערט זיך און טרעפט־אָן גלייך אויף מלכה'ן און באַלד כאַפּען זי אַרום צוויי הענד, ביינערדיגע, פיבערהאַפטע און הייסע, שלעפּען און ציהען זי צו זיך און דורך אַ הייסען אָטעם דערהערען זיך שטילע, האַלבע און איינגעהאַלטענע ווערטער:

—ניש׳קשה... ש׳קשה... ש׳קשה...

די שינ׳ען פון דעם וואָרט ניש׳קשה פאָכען איבער איהרע באַקען, ווי וואַרימע פליגלען, מאַכען זי וואונדערליך אָבהענדטיג און שוואַך, און ווי אין אַ גרין־פינטעלדיגען חלום לאָזט זי זיך ציהען און שלעפען אונפערשטענדליך לאַנג און מאָדנע. עס דאַכט זיך איהר אַז עס ציהט זי ערגעץ אין אַ הייסען טיפען תהום, וואו עס איז אַזוי שווייגענדיג־שטיל, אַז מעהר ווי דעם אָטעם הערט מען נישט. פון דער שוואַרצקייט, וואָס אין תהום, ציהען זיך בלויע און רויטע שניר און זיי ווערען דאָ ברייטער, דאָ שמעלער און דאָ פערשווינדען זיי אינגאַנצען.

קיין פחד איז שוין מעהר נישטאָ. די פיבערהאַפטע הענד, וואָס האַלטען זי ביים האַלז, גיבען איהר איין אַ פיבערהאַפטען אימפעט אויף צו ווערען זיך—זיכער און נישט זיכער, מיט אַ ווילען און אָהן אַ ווילען, יאָ און נישט. נאָר אַז זי בעפרייט צטוואָס דעם קאָפּ און וואַרפט אַ בליק צום פענסטער, דערזעהט זי הויך און ווייט אויפ׳ן הימעל לייכטען עטליכע העלע, אונ־שולדיגע שטערנדלעך, און עס טהוט איהר עפּיס זעהר, זעהר באַנג.

—לאָזט־אָב...—זאָגט זי שטיל און שוואַך אַרויס.

העקטאָרס טויט

העקטאָרס טויט.

ביי טאָג איז העקטאָר געווען אין גאַס, געהאַוועקעט אויף פוהרען, געשלאָגען זיך מיט הינד, געשמעקט פון אַ קאָלבאַס־קראָם, בעגלייט ביז מיט די אויגען אַ גרילצענדיגען אויטאָמאָביל און נאָכגעלאָפען נאָך אַנ׳אַלטען מאַן, פון וועלכען עס האָט געשמעקט פוטער. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, די זון האָט געגאָסען מיט פייער, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער בלויער הימעל, די שטיינערנע טראָטואַרען און די הויכע ווענד פון די מויערן זענען הייסער פאַר איהר און פילען זי אָן מיט פייער. אויפ׳ן גאַס איז געווען זעהר אָנגענעהם. פערשידענע הינד פון פערשידענער גרויס און פאַרבען, מיט אויפגעהויבענע עקען, האָבען לייכט און שנעל געביטען מיט די פיסלען, הילכיג געקלאַפט מיט די נעגעל אָן שטיין פון די טראָטואַרען, איינע מיט די אַנדערע פרעהליך זיך איבערגעשמעקט און בעקאַנט געמאַכט און לאַנג נאָכגעלאָפען אייגאַנדער, שמעקענדיג די טריט. נאָר העקטאָר׳ן האָט

געטריקענט די צונג און פּלוצלונג האָט גענומען פּייפען אין אַנ׳אויער.

אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך אין קיך אָנגעטרונקען מיט קאַלטען וואַסער און באַלד געוואָלט לויפען צוריק אויפ׳ן גאַס. נאָר עס האָט אָנגעהויבען פּייפען אין צווייטען אויער און די צונג האָט נישט אויפגעהערט צו טריקענען. העקטאָר איז געבליבען זיצען אין קיך מיט מוטנע אויגען און דערפיהלט, אַז איהם איז נישט גוט.

אין שטוב האָט מען זיך געזעצט צום מיטאָג. גאָפּעל, מעסער און טעלער האָבען געקלאַפּט, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך גערייצט מיט׳ן אַפּעטיט, און די דינסט איז געשווינד געלאָפען פון קיך אין עסצימער און פון עסצימער אין קיך. נאָך איהר איז נאָכגעלאָפען אַ וואַרימער און אַ פעטער ריח פון געבראָטעגעס. פון דעמדאָזיגען ריח, וואָס פלעגט פריהער פּטר׳שכור׳ן, האָט איצט העקטאָר׳ן געעקעלט ביז וועהטאָג, ביז ווילען אַנידערפאַלען און נישט אָטעמען. נאָר אויסער׳ן ריח האָט אויך געעקעלט פון דעם, וואָס ביים מיטאָג האָט די קליינע עטעלע זיך פלוצלונג הויך צולאַכט, וואָס ביי עמיצען איז אַראָבגעפאַלען פון טיש אַ מעסער מיט אַ שווערען גרילץ, וואָס די שטוב האָט ווענד און אַ באַלקען, אָנשטאָט אַ פרייען הימעל און פרייער לופט, און וואָס דרויסען האַוקען בעקאַנטע הינד. שרעקליך לאַנג האָט זיך געצויגען דער מיטאָג, משונה און נאַריש איז ווילעוויז אומגעלאָפען די דינסט, ווילד האָט עטעלע געלאַכט, פיינליך האָט געשלאָגען דער ריח אין נאָז און העקטאָר׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט איהם אויפ׳ן רוקען אַוועקגעלעגט אַ שווערע משא, וואָס דריקט איהם אָהן רחמנות צו דער פּאָדלאָגע און וועט איהם זיכער דערשטיקען. גוט וואָלט געווען, ווען פון דער האַרטער פּאָדלאָגע וואָלט געוואָרען אַ ווייכער און אַ קאַלטער טייך און ער וואָלט געקאָנט שווימען און טרינקען-האַלטען דעם קאָפּ אין וואַסער און טרינקען כסדר, אָהן אַ סוף, ווארום ראַטעווען קאָן איהם נאָר קאַלט וואַסער. נישט ווייט פון העקטאָר׳ן איז אפילו געשטאַנען אַ שיסעל וואַסער, פון

וואַנען ער האָט שוין פריהער געטרונקען. נאָר אַז ער האָט געוואָלט צוגעהן צום שיסעל און אויפגעהויבען דעם גוף אויף די פאָדערשטע צוויי פיסלעך, האָבען די פיסלעך געציטערט, אין די אויגען איז פינסטער געוואָרען, אין די אויערן האָט ווילד גע־פייפט, פונקט ווי טויזענד רויהע ווינדען וואָלטען דאָרט געזע־סען און ער איז ווייך, ווי אַ זעקעל, אַנידערגעפאַלען.

באַלד איז אויף לאַנג שטיל און שוואַרץ געוואָרען, און אַז ער האָט געעפענט די אויגען, האָט ער זיך געפונען אין עסצימער, אויפ׳ן קליינעם ווייכען פוס־בענקעלע מיט די דריי פיסלעך, וואָס נאָר ער אַליין האָט געקאָנט דערויף ליגען. ווען און ווי אַזוי איז ער איבערגעגאַנגען פון קיך אין עסצימער, האָט ער נישט געדענקט. אין די הויכע פענסטער האָט אַריינגע־קוקט אַ בלויע נאַכט מיט ווייטע בלאַסע אונרוהיגע שטערנדלעך. אויף אַ בלויער אויבערשטער שויב האָט, ווי קאַלט ווייס פייער, געציטערט אַ לבנה־שטראַהל, אויף די וועגד און אויף דער פאָ־לאָגע האָבען שאָטענס געגרויט, ווי טונקעלער שיטערער רויך, און מעס׳ג און טויט האָט געקלאַפט דער זייגער. אין שטוב האָבען אַלע געשלאָפען, און אַ שלעכטע, אונאָנגענעהמע שטילקייט, וואָס האָט בעזונדערס דייטליך געמאַכט דאָס קלאַפען פון זייגער, איז געלעגען אין די ווינקלען.

העקטאָר האָט בשום־אופן נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אַזוי איז דאָס אָהן זיין זעהן פערוואַנדעלט געוואָרען אַזאַ הייסער, ליכטיגער טומעלדיגער טאָג אין אַזאַ שווייגענדיגער, שלאָפענדיגער נאַכט. ווען האָט זיך עס דאָס קליינע עטעלע געלעגט שלאָפען און ווען האָט דער בעל־הבית געצעהלט געלד אין קאַבינעט? אַלעמאָל איז די אָרדנונג אַזוי: נאָך מיטאָג געהט מען שפאַצירען און דערנאָך עסט מען אָוועדנברויט. נאָכ׳ן אָוועגד־ברויט שפּילט עטעלע מיט העקטאָר׳ן און דער בעל־הבית צעהלט געלד אין קאַבינעט, און דערנאָך, אויב קיין געסט איז נישטאָ, לעשט מען אויס די לאָמפען און מען געהט שלאָפען. איצט איז אויסגעקומען אַזוי, ווי די נאַכט וואָלט זיך פלוצלונג אַריינגעריסען אין טאָג אַריין און אַלץ בעדעקט מיט איהר בלויקייט.

נאָר באַלד האָט הע(ק)זאָר'ן אױסגעװיזען, אַז די שװײגענ־דיגע און שלאָפּענדיגע נאַכט ציהט זיך נאָך פון נעכטען און פון אײערנעכטען, אַז קײן טאָג איז גאָר נישט געװען, אַז דער זײגער האָט שטענדיג אַזױ טריב און מעסיג געקלאַפּט און אַז ער, העקטאָר, איז גאָר קײנמאָל נישט געװען געזונד. שױן יאָהרענלאַנג װי ער ליגט אַזױ אױפ'ן בענקעלע און יאָהרענלאַנג עסט איהם עפּיס אַן־אונפּערשטענדליכער װעהטאָג. אָט רוקט זיך אַ קעלט פון עק צום האַרצען, אָבער אין נאָז און אין די אױגען איז שרעקליך הײס און אין די אױערן פּײפּט נאָכמעהר װי פריהער.

אָבער פאַר די הײסע אױגען איז װידער שװאַרץ געװאָרען און העקטאָר האָט קױם אָבגעצױגען דעם אָטעם. אין אָטעם האָט ער געהערט אַן'אונבעקאַנטען כריפּ און האָט פערשטאַנען, אַז דערדאָזיגער כריפּ קומט פון עפּיס אַ געפעהרליכען צושטאַנד. פון האַרצען איז די קעלט געגאַנגען צו די פיסלעך, און ער האָט געפיהלט, װי זײ גליװערן איהם און װערען װי האָלץ. אַ פײכטקײט, װאָס קומט פון רחמנות צו זיך, איז איהם אַרױסגע־טראָטען אױף די פערבאַקטע אױגען, און ער האָט שטיל, אָהן בעװעגונג, געװײנט.

דעמאָלט איז װי פון אַ שװאַרצער, שטומער װאַנד צוגע־שװאומען צום זכרון אַ העל בערגעלע זאַמד, אָנגעװאַרימט פון דער זון. אין דעמדאָזיגען בערגעלע בלישטשען שטרױעלעך און גלאָז און צװײ װײסע הינדטלעך ראַנגלען זיך דערבײ. אײנס בײסט־אײן דאָס צװײטע, סטראַשעט, ציהט מיט די אױבערשטע ליפּען אױף שפּיציגע בײזע יונגע צײהנדלעך, פערבױגט דעם קאָפּ צו דער ערד און שפּרײט־אױס די פּאָדערשטע פיסלעך, װי דאָס טהוען גרױסע הינד, בשעת אַן'אָנפאַל, נאָר בײדע װײסען, אַז דאָס איז נישט מעהר װי אַ שפּיל און אַז עס איז זעהר אָנגע־נעהם צו מאַכען אַזאַ אָנשטעל. העקטאָר, װאָס איז אױך אַזױ קלײן, װי זײ, װאַרפט זיך אױפ'ן אָנפאַלער און קוליעט איהם איבער. באַלד דערױף אָבער קוליעט איהם איבער דער אָנפאַלער און עס איז אַזױ אָנגענעהם צו קױקלען זיך מיט'ן װאַרימען

פעל איבער די קיהלע ווייכע גראָזען, וואָס ריינגלען־אַרום דאָס בערגעל, ווי אַ גרין סאַמעט. נישט ווייט זיצט אויף די הינטער־שטע פיסלעך אַ קליין ברוין צייגעל און וואַרימט זיך אויף דער זון. דאָס איז די מאַמע. זי האַלט די אויגען פערזשמורעט, דאָס מויל אָפען און אויפ׳ן בויך ליגען אין צוויי גלייכע שורות פולע נאָפלען מיט מילך. די מאַמע איז אַנ׳ערנסטע און אַנ׳אַלטע, און אַ וואָנס האָט זי אַנ׳אָבגעסמאַליעטע, אָבער נעבען איהר איז וואַרים און היימליך און זיכער, און זי האָט ליב אָפט צו געבען ויגען.

דאָס בערגעלע ליגט אויף אַ גרויסען הויף מיט לאַנגע שטאַהלען, און הינטער די שטאַהלען ציהען זיך פעלדער מיט אַ טייכעל. בייטאָג איז אויפ׳ן הויף אַ גערודער פון מענשען. פון די שטאַהלען שלעפט מען אָנגעשטאָפטע זעק און מען וואַרפט זיי אויף וועגענס, פויערים דרעהען זיך אַרום מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און מיט בייטשען אין די הענד, איינגע־שפאַנטע פערד שמייסען זיך מיט די עקען איבער די בייכער און מאַכען מיט די קאָפּיטעס גריבער אין דער ערד, און דער בעל־הבית שטעהט מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם בויך, מיט ברייטע פערבויגטע אַקסלען אויף הינטען און קוקט מיט אַ גראָבען גלאַ־טען פנים אין דער וועלט אַריין. אַמאָל רופט ער צו די מאַמען, און דאָס ברוינע צייגעל פאַלט איהם צו די פיס, וואַרטענדיג אויף אַ גלעט אָדער אַ קלאַפּ.

אַז דער טאָג געהט אַוועק און עס זעצט זיך די זון, ברר־מען די בהמות, וואָס געהען פון פעלד, און עס האַוקען הינד. ווייטע הינד פון ווייטע דערפער האַוקען. געדיכט און אָבגעריי־סען דערטראָגט זיך זייער קול פון ווייטען, פונקט ווי זיי וואָל־טען געוועקט טיף־הינדטישע זכרונות, און די מאַמע שטעלט זיך אויף און קוקט אָנגעשטרענגט אין פעלד אַריין. העקטאַר, וואָס איז זאַט פון דער מאַמעס מילך, ציהט מיט אַנ׳אויערל, פערררייסט די מאָרדע צום הימעל, מאַכט־צו די אויגען און פרובט אויך האַוקען. נישטאָ קיין גרעסערער תענוג, ווי צו האַוקען ביי־נאַכט אין אַ פעלד, האַוקען כסדר, אָהן אַנ׳אויפהער, אָהן שטע־

רונגען און מניעות. דעמאָלט דאַכט זיך, אַז דער זיידע און דער עלטערזיידע און דער סאַמע עלטסטער דור הינד קריכען אַרויס פון זייערע קברים, זעצען זיך אַנידער אין אַ קרייז און האָרכען זיך צו מיט גרויס יראה. דאָס איז נישט דאָס האַווקען, מיט וועלכען אַ הונד וויל אָנשרעקען אַ גנב אָדער אַן אָרימאַן, נאָר אַ הינדטיש פרום געזאַנג פאַר די כוחות פון דער וועלט איז עס, אַ געזאַנג, וואָס געהט־איבער פון דור צו דור און קליינע הינדטעלעך ווערען אָנגעזאַפּט מיט איהם.

שפּעטער, נאָכ׳ן האַווקען, לעגען זיך שאָטענס אויפ׳ן פּייכטען גראָז, און די מאַמע פיהרט העקטאָר׳ן מיט די ברידערלעך שלאָפען אין שטאַהל אַריין. דער שטאַהל איז אַ גרויסער און אַ שוואַרצער, הויכע דיקע פערד שטעהען דאָרט און קייען אין דערפינסטער האָבער, נאָר עס איז וואַרים און די מאַמע לאָזט זויגען אַ גאַנצע נאַכט.

אַזוי איז אַוועק אַ זוניגער און אַ פרעהליכער זומער. אײנ־מאָל, אין די לעצטע הייסע טעג, בשעת העקטאָר מיט די ברי־דערלעך האָבען זיך געשפּילט ביים בערגעל און נאָכגעשפּירט אַ גרויען קאָטער, וואָס האָט פון ווייטען געקלעטערט אויף אַ בוים, איז אויפ׳ן הויף געקומען דער בעל־הבית מיט אַ מיידעלע אין אַ ווייסען קליידעלע. אַ הויכער מענש, וואָס האָט אויך אויסגע־זעהן ווי אַ בעל־הבית, האָט געהאַלטען דאָס מיידעלע פאַר אַ הענדטעל. דאָס מיידעלע האָט זיך באַלד אַ שופּ געטהאָן צו העקטאָר׳ן, אָנגעכאַפּט איהם פאַר אַן אויערל און אויסגעשריען צו הויכען מענשען:

—פאַפּאַ, מיר געפעלט דאָס ברוינע הינדטעלע!...

דאָס איז געווען עטעלע מיט איהר טאַטען.

דער בעל־הבית מיט די פערבויגטע אַקסלען אויף הינטען האָט, שמייכלענדיג, אָנגעקוקט דאָס מיידעלע.

—דיר געפעלט דאָס הינדטעלע?—האָט ער געפרעגט מיט אַ ברייטען מויל, פערשטעלט מיט גרויסע ציינער, ווי צוויי האַלבע חייסע רויפען,—נעהם דיר עס.

און, אויפהויבענדיג די אויגען צו איהר טאַטען, האָט ער צוגעגעבען:

— נו, איך שענק אייך דאָס הינדטעל. נעהמט עס מיט. דאָס וועט זיין אַ קלוג הינדטעל. געראָטען אין דער מאַמען.

דערנאָך האָט עטעלעס טאַטע גערעדט מיט פויערים, גע־הייסען זיי אָבפיהרען וועגענס מיט תבואה, פערצייכענט עפּיס ביי זיך אין אַ ביכעל און געגאַנגען הין־און־צוריק איבער׳ן הויף מיט׳ן בעל־הבית. העקטאָר, וואָס האָט זיך עטוואָס דערשראָקען פאַר דעם מיידעלע, האָט איצט פון דאָסניי געשפּילט מיט די ברידערלעך און, שפּילענדיג, עפּעטער געכאַפּט אַ זויג ביי דער מאַמען. אַ זויג און אַ שפּיל, אַ זויג און אַ שפּיל און די מאַמע האָט בעת־מעשה געקוקט מיט שלעפעריגע אויגען אין הימעל אַריין. אָבער פּאַרנאַכט, אַז אַ פייכטקייט איז צוגעפאַלען צום גראָז, איז צוגעפאָהרען אַ לעדיגע קאַרעט צו עטעלעס טאַטען. אַ יונג קערפערל, אין אַ ווייסען קליידעל, האָט זיך אָנגעבויגען און צוויי קליינע ווייסע הענדטלעך האָבען אויפגעהויבען העקטאָר׳ן פון גראָז און אַוועקגעטראָגען אין קאַרעט. העקטאָר האָט זיך אַפילו אַ פּאָר מאָל אַ ריס געטהאָן און געפּרובט בייז עפּענען דאָס מיילעכעל מיט די יונגע צייהנדלעך, אָבער די ווייסע הענדטלעך האָבען איהם שטאַרקער צוגעדריקט און ער האָט נאָכגעגעבען. עטעלעס טאַטע האָט עטליכע מאָל געצויגען דער הוט פאַר׳ן בעל־הבית, וואָס איז געשטאַנען מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם בויך און געקוקט אין דער וועלט אַריין, און די קאַרעט האָט זיך האַסטיג געריהרט פון אָרט.

העקטאָר איז געלעגען אין עטעלע׳ס שויס, און דאָס ערשטע מאָל האָט ער געשפּירט דעם אומבעקאַנטען ריח פון הענד און אַ קליידעל. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טהוט מיט איהם, וואוהין מען פיהרט איהם, און פון צייט־צו־צייט האָט ער דער־שראָקען־בייז אַריינגעקוקט אין עטעלעס אויגען אַריין.

— נישט וואָהר, אַ שען הינדטעלע, פּאַפּאַ? — האָט עטעלע געפרעגטביים טאַטען, וואָס האָט זיך פערטראַכט אומגעוויגט אויף זיין געזעס

דער טאַטע האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען צום הינדטעל און געשוויגען. די רעדער האָבען געקלאַפּט אינ׳ם שטויב, די זון האָט געניידערט אַ רויטע און אויף די קאָרנפעלדער זענען געלעגען געבונדענע גאָלדענע סנאָפּעס. עטעלעס טאַטע האָט צוגעמאַכט די אויגען און זיך מעסיג אומגעוויגט אויף זיין געזעס. פּלוצלונג האָט העקטאָר דערהערט אַ בעקאַנט האַווקען און איז געשווינד אויפגעשפּרונגען אויף עטעלעס קניה. הינטער׳ן קאַרעט איז נאָכגעלאָפען זיין מאַמע, מיט אַנ׳אָבגעסמאַליעטער וואָנס, אַ נאַסע און אַ פערשטויבטע, און האָט מיט די אויגען געבעטען דאָס קינד, וואָס מען האָט איהר צוגענומען.

—איך וויל צו דער מאַמען...—האָט זיך העקטאָר צעוויינט און אַ ריס געטהאָן זיך אויף ציטריגע יונגע פיסלעך.

עטעלע האָט איהם אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענדטלעך, און אין אַ צוגעדריקטען אויער איז איהם פיינליך אָבגעהאַקט געוואָרען דער מאַמעס האַווקען.

—איך וויל צו דער מאַמען...—האָט ער איצט אויך געוואָלט איבער׳חזר׳ן דאָסזעלבע, וואָס אַמאָל. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז מען פיהרט איהם איצט אויך אין אַ קאַרעט און די מאַמע לויפט נאָך און האַווקעט. אָבער דרויסען איז נישט קיין שענער פאַרנאַכט, ווי דעמאָלט, נאָר שוואַרץ און וויסט און קאַלט איז אַרום און די צונג בעוועגט זיך נישט אין מויל.

—איך וויל צו דער מאַמען...—האָט ער מיט געוויין געוואָלט אויסשרייען און אַראָבשפּרינגען פון בענקעלע, אָבער עפּיס איז אין איהם פּלוצלונג איבערגעריסען געוואָרען, געבליבען שטעהן, די טרוקענע פערגליווערטע פיסלעך האָבען זיך אויסגעשפּרייט, דער קאָפּ האָט זיך אַראָבגערוקט פון בענקעל און געבליבען הענגען מיט שטאַרע גלעזערנע אויגען.

אין שטוב האָט געבלייבט די טונקעלקייט. אין דעמדאָזיגען שיין האָט אַ שטוהל אויסגעזעהן, ווי אַ מענש, וואָס שטעהט מיט די פיס אַרויף, און דער בופעט, ווי אַ פערטראַכטער העלפאַנד אויף אַ דאַך, אַנטקעגען פענסטער, האָט אַ פלאַטער געטהאָן דער עושטער רויטער פריהמאָרגען-שטראַהל.

ר ו ד ק אַ ס ע ל.

צומאָרגענס, ווען עטעלע איז, ווי אַלעמאָל, גלייך פון בעט צוגעלאָפען צו העקטאָר׳ן און אָנגעכאַפּט איהם פאַר אַנ׳אויערל, האָט זי זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, אויסגעשריען און אַנטלאָפען אין אַ צווייטען צימער.

העקטאָר איז געלעגען. אַ קאַלטער און אַ פערגליווערטער מיט יענער טויטער פערגליווערטקייט, פון וועלכער עס שרעקט און עס עקעלט.

זאַלבעפינפט

זאַלבעפינפט.

זיי האָבען געליבט זאַלבעפינפט
אַ מיידעל מיט טונקעלע האָר...
פון עפּעס אַ לידעל,

מיר האָבען זיך באָר־וואָס אויסגעבאָדען אינ׳ם קליינעם ריהרעוודיגען טייכעל נעבען דאַטשע, און, אָבגעגעבען די נאַסע האַנדטיכלעך דער דינסט, האָבען מיר זיך אויסגעזעצט אויפ׳ן ווערענדע אַרום ברייטען קיילעכדיגען טיש, און שרה׳לע האָט געשטעלט טיי. עס איז פערגאַנגען די זון, און רויטע וואָלקענדליך האָבען ווייך און פערטראַכט געשוועבט איבער׳ן הימעל. פריהער האָבען זיי בעגלייט די זון, און איצט האָבען זיי, קענטיג, קיין אַרבייט נישט געהאַט און האָבען אַליין נישט געוואוסט, וואוהין זיי געהען. נאָר זיי זענען געווען אַזוי נאָהנט און רעאַל, האָבען אַזוי דייטליך פאַר׳ן אויג געצויגען זייער

וועג, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ווען מען זאָל אויסרייסען אַ הויכע סאָסנע און זיך שטעלען אויף די שפּיץ פינגער, וואָלט מען געקאָנט צו איין וואָלקענדל דערלאַנגען און אַראָבציהען עס אויפ'ן ווערענדע. די בוימער האָבען זיך געשלייערט אין לייכטען בלויליכען אָוועגד-טול, וואו־נישט־וואו האָבען זיך עט־וואָס בעוועגט די שפּיצען, פונקט ווי איינער דעם צווייטען וואָלט אָנגעסוד'עט, אַז מען דאַרף איצט שווייגען, און ווייט אין וואַלד האָט טרוימעריש און פערבענקט געפּייפט דער קוקו. עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד: קו—קו, קו—קו. און דערנאָך איז וואונדערליך שטיל געוואָרען.

פון ערגעץ איז אָנגעקומען דער בעל־הבית, שרה'לעס מאַן, אונזער ליבער און בעגאַבטער לינדער, און האָט זיך אַני־דערגעזעצט ביים טיש. ער איז געוועזן אָבגעבערענט פון דער זון, די שוואַרצע לאַנגע האָהר זענען געווען צעוואָרפען, דאָס בערדעל נישט צוגעשוירען, ווי אַלעמאָל, און געטראָגען האָט ער אַ ברייט לייכט העמדעל מיט אַ גאַרטעל, ווייסע לייווענדע־נע הייזען און שיך אָהן קנאַפּעל, און ער האָט אויף אונז גע־מאַכט דעם איינדרוק פון עפּיס נישט־יודישעס, פון עפּיס פּויע־רישעס און געזונדטעס. ער האָט לאַנג געקוקט צום וואַלד, און אַז עס איז געוואָרען טונקעלער, און מיר האָבען זיך שטיל צו־שמועסט, האָט איינער פון אונז דערמאָהנט דעם נאָמען אַנע. לינדער האָט זיך האַסטיג בעוועגט אויף זיין שטוהל, אַ פּאַטש געטוהאָן יענעם, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען, ביי דער קניה, זיך מאָדנע צולאַכט, ווי אַ מענש, וואָס האָט מיט אַמאָל, פּלוצלונג פערשטאַנען דעם צווייטענס כוונות און זיך אָנגערופען:

—יאָ, איך וועל דערצעהלען... איך זעה דאָך, אַז איהר וועט מיך נישט אָבלאָזען. זאָל מען נאָר געבען טיי.

עס איז טונקעלער געוואָרען, מען האָט דערלאַנגט טיי און ער האָט באַלד אָנגעהויבען:

—מיר זענען געוועזן זאַלבעפינפט פערליבט אין איהר, אין אָט דער שענער גראַציעזער אַנע'ן, און קיין איינער פון אונז האָט נישט זוכה־געווען צו זיין איהר אויסדערוועהלטער.

מעגליך, אַז זי איז גערעכט געווען. זי האָט ליב געהאַט דע־מערונג און געשפּרעכען אָהן ווערטער וועגען ליבע. דאָס איז געווען איהר געביט. און אונז האָט אינטערעסירט שטאָדט־טומעל און גאַס־טומעל, פּאָליטיק, פרעהליכע נאַרישקייטען און געלעכ־טער. מיר זענען געווען יונג, מאַנסביליש און העכסט נייגעריג צום לעבען, און אַז מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון איהר אינ־טימען, פיין־סטיליזירטען צימער, וואו דער מאַטער שיין פון לאָמפּ האָט געציטערט אויף ברוינע טאַפּעטען און וואו זי האָט אונז גאַנצע דריי שעה געהאַלטען מיט רמזים, אָבהאַקונגען און פויזעס אויף דער טעמע פון ליבע,—האָט זיך אונז שרעקליך געגלוסט אַרויפצופאַלען אויף פרישע צייטונגען, אַריינכאַפּען זיך אין רוישיגע קאָנדיטערייען, זיין צווישען טומעלדיגע און וואָכע־דיגע מענשען און דורכשפּאַצירען אַ צעהנדליג גאַסען מיט אַמאָל. עס פלעגט אונז פערפעהלען אָטעם, און ווי פיש, אַרויסגעצויגענע פון וואַסער, וועלכע מען האָט ראַפּטום אַריינגעלאָזט צוריק אין ים אַריין, האָבען מיר מיט דאָרשטיגע אויגען געזוכט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אונז קענען בעצאָהלען פאַר יענע פאָר שעה. און איצט פערשטעה איך, וואָס, נישט־קוקענדיג אויף אונזער גרויסער ליבע צו איהר, האָט די האַנד דאָך נישט גערן אָנגע־קלאַפּט אין טהיר פון איהר צימער. דערין זענען שולדיג גע־ווען איהרע געשפּרעכען אָהן ווערטער, איהר סטיליזאַציע און איהר וועניג ערדישקייט. מיר האָבען געזוכט בלוט און נערווען, און אָנשטאָט דעם זענען אונז דערלאַנגט געוואָרען לבנה־שטראַה־לען, טיפע פערטרוימטע בליקען, צאַרטע מעלאַנכאָלישע בעוועגונ־גען, צוריקגעהאַלטענע שמייכלען. מיר האָבען געוואָלט גערויש און אונאָרדנונג—און געפונען האָבען מיר אַ פער'חלומ'טע שטיל־קייט, לאַנגע גאַרדינען מיט דעקאַדענטישע צייכנונגען און האַלבע אַקאָרדען.

אָבער יעדערן פון אונז האָט זיך שטענדיג געדאַכט, אַז ער וועט זי מיט דער צייט איבערמאַכען, איבערשמידען, איבער־שמעלצען, און דאָס האָט, קענטיג, בעזונדערס געשטאַרקט אונזער ליבע צו איהר, געשטאַרקט ביז דעם לעצטען גראַד, ביז פער־

צווייפלונג, ביז שלאָפלאָזיגקייט. צייטענווייז זענען מיר געזעסען אין איהר צימער פערטראַכטע, דערשלאָגענע, געפאַנגענע, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ, פונקט ווי פער׳משפּט׳ע. וואָס האָבען מיר געזאָלט טהאָן? מיר זענען געווען שטיפער מיט אַ נייגונג צו וואויל־יונגערישקייט, דאָס בלוט האָט אין אונז געקאָכט, מיר האָבען געוואָלט לעבען און ליבען—און ביי איהר אין צימער האָט אונז עמיצער אַזוי ווי מיט אַ שערעלע אַרומגעשאָרען אַלע הושים אונזערע, קלענער געמאַכט, די צונג צוגעשלאָסען. און מיר האָבען נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען.

נאָר אַמאָל האָט געטראָפען, אַז פון איהר פער׳כשופ׳טען צימערל זענען מיר איבערגעגאַנגען צו איהר ברודער אין גאַסט־צימער, וואו עס איז געווען נאַטירליך ליכטיג, וואו עס האָבען טומעלדיג געשפּילט דריי און פיר און פינפיעהריגע קינדער, און שוין זענען מיר אַנדערש געוואָרען, פונקט ווי מענשען, וואָס האָבען זיך בעפרייט פון שווערע קייטען. דער ברודער איהרער, אַ יוריסט פון מיטעלע יאָהרען, מיט אַ שוואַרץ בערדעל און מיט אונרוהיג־ענערגישע זשעסטען, איז גאַרנישט געווען עהנליך צו אונזער טייערער, צאַרטער און מעלאַנכאָלישער אַנע׳ן און, אויס־שטעלענדיג אַ פול מויל מיט ווייסע צייהן אונטער פעך־שוואַר־צע וואָנסען, האָט ער הילכיג געלאַכט, פונקט ווי אין אַ וואַלד. דאָ, אין דעם גרויסען גאַסטצימער האָבען מיר געזונגען און גערעדט פון פּאָליטיק, און נאַריש געמאַכט זיך און געקראַכען איינאַנדער אויפ׳ן קאָפּ. דעם וויזיט זענען מיר קיינמאָל נישט אויסגעזעסען אויף די שטוהלען. איינער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן טיש, אַ צווייטען איז געפעלען געוואָרען די קושעטקע, אַ דריטער האָט געריטען אויף אינקע׳ס פערד, און אונזער גוטער יוריסט האָט געפייערט פון אַ קינדערשען רעוואָלווער. דאָס ווייב זיינס, אַ דיקע און אַ פרעהליכע בלאָנדינקע, האָט איהם פון אַ ווינ־קעל געוואָרפען מיט גרויסע ניס אין קאָפּ אַריין. אָבער נישט ווייט פון אונז, אויפ׳ן וויג־שטוהל, איז געזעסען אַנע, אַ שווייגענדיגע און אַ פערטראַכטע, מיט צונויפגעפּלעגטע הענד אויפ׳ן האַרצען, אין אַ שמאָל זיידען קליידעל, מיט קורצע אַרבעל, מיט אַנ׳אָפּע־

נעם האַלז, מיט אונגעוועהנליך שענע שמאָלע פיסלעך אין טונקעל ברוינע שיכעלעך און איהר איז, קענטיג, לחלוטין פרעמד געוועזן דער טומעל. זי האָט זיך געטראַכט איהריגעס. אָבער עס האָט זיך געוואָלט צוגעהן צו איהר, נעהמען זי אויף די הענד, קושען איהר אין די ליפען אַריין און אַריינגעבען איהר עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל זי מאַכען פריי, צולאָזען און ערדיש. און קוים האָב איך שוין געהאַט אַזאַ געפיהל, איז שוין קאַליע געוואָרען מיין שטימונג, עפּעס אַ בענקעניש פלעגט בעפאַלען דאָס האַרץ, און איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך. אַז איך האָב געקוקט אויף איהר, און קוקען פלעג איך אָפט, האָב איך געזעהן, אַז אַרום די ליפען שלענגעלט זיך איהר אַ מינע פון פעראַכטונג צו אונז, צו אונזערע קולות און געשרייען, צו אונזערע מאַכענדיגע הענד און האַסטיגע בעוועגונגען, צו אונזערע געגאָלטע און גע־רויטעלטע באַקען, צו אונזערע אָנגעשטרענגטע אויגען און צע־וואָרפענע האָהר, און אָט די מינע פלעגט מיך טיילמאָל פאַראַלי־זירען: איך פלעג זיך אָבהאַקען אין מיטען אַנ׳אויסגעשריי.

וואָס האָט זי געוואָלט? מיר איז אויסגעקומען משונה-אונ־פערשטענדליך, ווילד־אונבעגרייפליך איהר כאַראַקטער, פיהרונג, איהרע פערלאַנגען. אין ליבע האָב איך זיך איהר דערקלערט עטליכע מאָל און ביי פערשידענע אומשטענדען—עס איז געוועזן אי דעמערונג, אי אַ לבנה־נאַכט, אי אַ רעגענדיגער הערבסט־אָווענד, און איך האָב גאָרנישט גע׳פועל׳ט. צו קיין איין דייטליך וואָרט האָב איך זיך ביי איהר נישט דערשלאָגען: צי יאָ, צי ניין. מיר האָט זיך געשפּאָלטען דער קאָפּ, איך בין משוגע געוואָרען, עס האָט זיך געוואָלט די פינגער בייסען, שרייען ווי אַ פערוואונ־דעטע חיה, און זי איז געזעסען אַ געטאָקטע, אַ גראַציעזע און אַ מעלאַנכאָלישע, ווי אַ פּרינצעסין אין אַ מעשה׳לע און האָט וואונדערליך שען און בעשיידען געשפּילט מיט׳ן שנירעלע פון איהר זייגערל.

—איך וועל צייכענען אייער בילד,—האָב איך געזאָגט מיט אַ בייזען האַרץ.—אָט אַזוי וועט איהר זיצען. דער פאָן וועט זיין אַ טונקעל־בלויער. די אויבערשטע העלפט עטוואָס העלער, אין

האַנד—דאָס שנירעלע פון זייגערל. נישט די גאַנצע האַנד—מיט
צוויי פינגער וועט איהר עס קוים אָנריהרען... נאָר איך האָב אייך
ליב, אַנע. הייסט מיר פון פענסטער שפּרינגען. ביי אייך איז
דער דריטער שטאָק—איך וועל שפּרינגען. הייסט מיר אַ שטאָדט
אונטערצינדען, משוגע ווערען... איך וויל זיך אייך אַוועקשענ־
קען, אַנע, אַוועקגעבען, נעהמט מיך איינגאַנצען, אויף אייביג,
אויף טויזענד אייביגקייטען...

זי האָט אויסגעשטעלט צוויי טונקעלע אויגען פון אַ בלוי־
ען געוועב, צוויי ריינע טיפע אויגען—און נישט מעהר. און איך
האָב פיינליך געקוקט אין דידאָזיגע אויגען און האָב פיינליך גע־
וואָלט, זיי זאָלען זיין מיינע. און ביז איך האָב געקענט משוגע-
ווערען מיט מיינע נערווען, אַז זיי, אָט די אויגען, זאָלען דער־
ווייל נישט זיין מיינע, האָב איך בעדאַרפט איבערלעבען אַ לאַנ־
גען און אַ שווערען פיבער. איך בין געוועזן שטאָלץ, איך האָב
געהאַלטען פון זיך, מיינע בילדער האָבען מאַנכע ענטציקט, די
קריטיק האָט מיך שמאַרק געלויבט—און אָט ראַנגעל איך מיך
נאַריש און אונבעהאָלפען מיט אַ שוואַך מיידעל און קאָן זי נישט
בעזיגען. נאָר איך וויל זיין איהר קנעכט, איהר דינער, איהר
שאָטען, אָבער זי שווייגט ווי אַ סטאַטוע. זי שטויסט מיך נישט
אָב, אָבער זי ציהט מיך נישט צו. זי שווייגט און קוקט אויף
מיר מיט איהרע טונקעלע אויגען פון בלויען געוועב.

דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אונז פאַטאַ־
ליש פערשטעלט מיט זיך אַלע פרויען. קיין איין פרוי, אויסער
איהר, איז אונז נישט געפעלען געווען. געהסט אַמאָל איבער'ן
גאַס און זעהסט—אַנטקעגען פליסט מיט יונגע שענע מיידלעך,
און קיין איינע איבערראַשט נישט, נעהמט נישט. פערקעהרט,
פרעמד, מאוס און דערווידער זענען זיי און דיין אויג קוקט
אויף זיי מיט אַ האַס, וואָס דאָס האַרץ טראָגט גאָר אייגענטליך
צו אַנע'ן. עס דאַכט זיך, אַז די אַלע מיידלעך, וואָס דאָס אויג
זעהט זיי אין גאַס, זענען שולדיג אין דיין וועה און צער און
עס האָט זיך געוואָלט נוקם־זיין אין זיי, ווי אין פערדאַמטע שונאים.

נאָר אַמאָל פלעג איך אָנטרעפען אַנע'ן אין גאַס. אַזאַ בע־

געגעניש האָב איך זעהר ליב געהאַט. ווייל, אויסער ליבע, איז דאָ געווען אַ סך וואָס צו זעהן פאַר'ן אויג. איהר געהן איבער'ן גאַס איז געווען דאָס סאַמע אונבעהאָלפּענסטע, וואָס איך האָב ווען געזעהן אין לעבען. די שטיינערנע שטאָדט קראַכט, רוישט און פּילדערט, עס איילען טראַמוואַיען, טרעגער פוהרמאַנעס, עס גריילצען אויטאָמאָבילען און לאָזען איבער אַ שווערען רויך נאָך זיך, פון אויבען באַקט די זון, פונקט ווי אַ גיהנם, ביי די זייטען גאַסען גיסט מיט מענשען, ווי שוואַרצע שטאָדט-וואַסער'ן נאָך אַ רעגען—און צווישען אָט די מענשען-כוואַליעס, אויף דעם האַרטען שטיינערנעם טראָטואַר, געהט אַליין, מיד און לאַנגזאַם די געטאָקטע און טרוימערישע אַנע מיט'ן רעדיקול און שירמל, וואָס ליגען אין איהר דינער האַנד, ווי אַ משא פון הונדערט פוד, אי'ן אַ קרעם-קלייד מיט איידעלע העל-בלויע בענדער, און פון היגטען, פון איהר אָפענעם געבויגענעם האַלז לייען איך, אַז יעדער עלעקטרישער טראַמוואַי, יעדער אויטאָמאָביל טרעפט איהר, ווי אַ קויל, סאַמע אין האַרץ אַריין. איך זעה אויך, אַז זי קאָן נישט אָ ע־מען און קאָן נישט טראַכטען איהר ליב טראַכטען—וועגען ליבע און וועגען צאַרטע מאַנסביל, אַז זי קען נישט זעהן אין דמיון איהרע געליבטע בילדער: פער'חלומ'טע נאַכט-בוימער און לבנה־ליכט און אַז זי וועט באַלד אודאי אַנידערפאַלען אַ גע'חלש'טע אויפ'ן מיטען טראָטואַר. אָט שטעלט זי שוין גאָר שוואַך דעם פוס, און דער הויכער קנאַפּעל פון שיכעל וויגט זיך אויפ'ן שטיין, ווי אַ קליין שיפעלע אויפ'ן שטורמישען ים. און כמעט ווי אַ דערשראָקענער יאָג איך זי אָן, נעהם געזן גלייך מיט איהר און פרעג זי מיט אַ שטים פול ליבע:

—זאָגט, אַנע, ווען נישט איך, וואָלט איהר דערגאַנגען, וואו איהר ברויכט!

אין גאַס ווער איך איהר אונגעהייער טייער, מסתמא ווי דאָס שטרויעלע פאַר'ן מענשען, וואָס טרינקט זיך, פון איהרע מידע אויגען פליסט צו מיר אַ טיפע און אַ וואַרימע דאַנקבאַר־קייט, און איך קוק אויף איהר מיט עקסטאַז און פרעג זיך אין האַרצען צום טויזענדסטען מאָל:

—ווי אַזוי מאַכט מען זי ליידענשאַפטליך און ערדיש?

אָבער מיין ליבע צו איהר איז שטאַרקער פאַר דערדאָזי־גער פראַגע, און אָט טראַכט איך שוין, אַז דאָס געהט מיין גע־ליבטע מיט מיר. יאָ, נישט קיין אַנדערע—נאָר מיין געליבטע, און צווישען אונז איז פאַרהאַן אַ סך האַרמאָניע. זי איז שמאָל און געטאָקט. אַ שטילער טריט, אַ שטילער בליק און אַ שטילע בעוועגונג. איך בין ברייט און צעוואָרפען און האָב לאַנגע הענד. איך טראָג אַ ברייטען שטרוי־הוט, אַ ברייטען אָנצוג און ברייטע שיך. אין האַנד האַלט איך אַ גראָבען שטעקען און שטעל ברייטע פעסטע טריט. נאַטירליך, מיין געזונד איז געגעבען געוואָרען נישט פאַר איינעם, נישט פאַר מיר אַליין, נאָר אויך פאַר איהר, און טאַקי דעריבער בעדאַרף זי געהערן צו מיר. וואָרום זי בע־דאַרף געפינען אויף דער וועלט יענעם טייל געזונד, וואָס איז איינגעלעגט געוואָרען פאַר איהר ביי אַ מאַנסביל, און דער מאַנס־ביל בין איך. און איך פיהל געהענדיג, אַז זי האָט שוין אַ פעולה פון מיר, אַז איהר טריט ווערט מוטיגער און זיכערער. עס איז איהר שוין ליבער די גאַס,—מיט אַ פערליבטען מאַנסביל איז פאָרט לייכטער צו געהן, כאָטש זי זעהט נאָך אַלץ אויס, ווי אַ פערוואונדעטע טויב, וואָס פלאַטערט, אַ דערשראָקענע, צווישען רויב־פויגעל. און איך פיהר זי אויפ׳ן בולוואַר—און זי געהט און איך רוף זי אין דער גרויסער קאָנדיטעריי,—און זי געהט. מיר זיצען אין אַ גרויסער פייער־שרייענדיגער קאָנדיטעריי. צילינדערט און שטרוי־היט, מענער און פרויען, פאַפיראָסען און סיגאַרען־רויך, אַ געמיש און אַ געוועב פון מענשען, און איבער די פנימ׳ער טאַנצט דאָס שרייענדיגע פייער פון די עלעקטרישע לאָמפען. עס איז דאָ אויף וואָס צו קוקען, פון וועמען צו ריידען.

—אָט דאָס פריילייך איז מיר געפעלען. איהר זעהט?— זאָגט אַנע שטיל און וויזט מיר מיט׳ן בליק אויף אַ פריי־שער בלאָנדינקע מיט גאָלדענע לאָקען.—דאָס איז אַ פרינצעסין אין איהר אַרט. איהר פיהלט עס. זעהט, ווי פריי, לייכט אין

רוהיג זי באַפעהלט אירע קאַוואַלערען, זעהט, ווי נאָכגיביג זיי זענען. מאַנכע פון זיי זענען כמעט ווי דערשלאָגען פון ליבע. איהר בעוועגונג, איהר וואָרט איז הייליג פאַר זיי. דאָ זעהט מען די איידעלע מאַכט פון דער פרוי און דעם מאַנס ברוטאַליטעט, וואָס ווערט פערוואַנדעלט אין שענער שטיל׳ער הכנעה.

אין דער שווערער געדיכטער לופט פון רויך און טשאַסטקעס פיהל איך איהר פרישען ווייניגען אָטעם, און מיט אַנ׳אויפריכטיגקייט, וואָס פליסט פון יעדען טראָפּעלע בלוט מיינס, רוף איך מיך אָן צו אַנע׳ן:

—אַנע, איהר זענט שענער פון דער בלאָנדינקע... אייערע בלויע אויגען זעהען-אויס ווי באַגינען-שטערען...

—האָט איהר מיך זעהר ליב?—פרעגט זי מיך לייכט און שפּילענדיג...

—בעפעהלט מיר עפּיס. מיין גאַנץ לעבען לעג איך אַוועק פאַר אייערע אויגען...

—איך האָב פיינט צו באַפעהלען.

און איהר איז שוין נישט אָנגענעם דער געשפּרעך. איך האַק איהם אונטער אין מיטען און סטאַרע זיך צו ריידען נאָר דאָס, וואָס זאָל איהר זיין אָנגענעם. און ווידער קוקען מיר אויף דאָס פּובליקום—צילינדערס און שטרוי-היט, שטרוי-היט און צילינדערס, שווערע פרויען-פריזורען און קורץ-געשאָרענע מאַנסבילשע פּאַטילניצעס, אַנ׳איינגע, צונויפגעדריקטע קאָקעטעריי פון פרויען, פּונקט ווי אַ שאַרפער גיפט-עקסטראַקט און אַ געשפּאַנטע האַלטונג פון מאַנסביל, און איך פיהל אַ שרעקליכען דורשט צו דעם, אַז אַנע זאָל מיך ליבען, אַז זי זאָל מיר זאָגען הייסע, שטילע און באַדייטענדע ווערטער, פּונקט ווי אַ דורשטיגער וויל אַ טרונק טאָן וואַסער. נאָר אַז מיר פאַרלאָזען די קאָנדיטעריי און איך פיהר זי אָב אויף אַ דראָזשקע אַהיים, בין איך שוין אינגאַנצען אַ צורייצטער. אויסערליך בין איך רוהיג, נאָר אינווייניג ברענט, עס קאָכט דאָס בלוט מיט אָנגעברענטע שפּיזען און מיר ווילט-זיך עמיצען דערשטיקען, לאַנג, פיינליך און אינקוויזיטאָריש, מיט פאַרקוועטשט׳ע ציין, מיט מיאוס׳ע געשרייען. אָדער

דוד קאָסעל.

אַראָבוואַרפען אַנע׳ן פון דער דראָזשקע און איבערפאָהרען זי, דערשיסען זי, מיט פודיגע שטיינער פערוואַרפען. אָבער איך שווייג מיט פערפרעסטע ליפען און מיט אַ הייסען משוגע׳נעם מח, און אַז די דראָזשקע שטעלט זיך אָב נעבען איהר הויז, טרעפען מיר מיינע פיר קאַמראַדען, אַראָבשפרינגענדיג פון לעצטען גאַס-טרעפעל, מיט די שטעקעלאַך אין די הענד, מיט פעררייסענע היט, אָנגעשטרענגטע, אונגעדולדיגע, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך מכין-געווען צו מאַכען אַ בונט. אַ גאַנצען אָווענד האָבען זיי געוואַרט אויף איהר און איצט האָבען זיי באַשלאָסען אַוועקצוגעהן. זיי האָט שרעקליך אינטערעסירט, וואוהין זי איז געגאַנגען, אַ גאַנצען אָווענד האָבען זיי געבראָכען דעם קאָפּ דערויף, וויסענדיג, אַז זי האָט פיינט די גאַס. נאָר דערזעהענדיג אונז ביידען צוזאַמען, זיינען זיי שוין איבעריג געוואָרען, האָבען זיך מאָדנע וואוילעריש אַריינגעקוקט אין אונז און געקלאַפּט מיט די שטעקענס אין ברוק. אַרויפגעהן צו אַנע׳ן איז שוין געווען שפּעט, האָב איך אָנגענומען איהר האַנד און פלוצלונג שטיל און טריי געזאָגט:

—שלאָפט געזונט, אַנע!

מיר זענען אַוועק זאַלבעפינפט צוריק אין גאַס און באַלד האָבען זיי איינציגווייז און פּאַר זיך פערשטאַנען, אַז זיי קאָנען זיין נישט איבעריג. אָבער אין דערדאָזיגער מינוט האָבען מיר זיך איינאַנדער פיינט געהאַט, ווי הונגעריגע וועלף. איך בין אַוועק אַהיים, אָבער איך האָב נישט געקאָנט אַיינשלאָפען. די צייט האָט זיך געצויגען, ווי אין אַ קראַנקהייט.

איך האָב געהאַלטען אין פערענדיגען אַ פּייזאַזש מיט אַ דאָרף-ברונעם אויף אַ בערגעל, ביי אַ וואַלד, אין אַ לבנה-נאַכט און צוויי סילועטען פון אַ בחור מיט אַ מיידעל. נאָר אַז איך האָב מיך געזעצט פערענדיגען, האָט מיך דורכגענומען אַ פּוסטקייט און אַ קעלט, און איך פלעג וואַרפען אין מיטען.

—צו וואָס אַרבייטען?—האָב איך זיך געפרעגט.

—אונמעגליך!—האָב איך געענטפערט.

—וואָס וועט עס ווייטער זיין?

מען דאַרף זי טויטען, איז מיר אַיינגעפאַלען, און דעמאָלט וועל איך זיך באַרוהיגען. וועט זי לעבען, וועל איך נישט לע-בען, פון מיר וועט אויסוואַקסען אַ צושראָקענער מאַנסביל מיט קאַלעמוטנע אויגען, וואָס ליידט אויף דער ערגסטער קראַנקהייט— אויף ליבע. איך וועל זי דערשיסען ביי איהר ברודער אין הויז, ביי איהר אין צימער, רוהיג, קאַלט און מאַנטבּיליש און איך האָב זי מיר פאָרגעשטעלט אַ דערשאָסענע. דאָס איז ביי מיר געווען אַנ׳אידעע, נאָר די צייט איז זיך געגאַנגען, און איך האָב געזוכט, נישט-ווילענדיג, לייכטערע מיטלען. אין מיר האָט זיך פאַרליבט אַ שען מיידעל. דאָס מיידעל האָט פערמאָגט אַ סך ווייכקייט און צערטליכקייט, אָבער איך האָב זי נישט געקאָנט קושען: אַנע האָט געשטערט. פאַר די אויגען איז זי געשטאַנען און נישט געלאָזט. דאָס מיידעל איז אַוועקגעפאָהרען, אַ בעליידיגטע, און איך האָב בעשלאָסען צו לעבען איינזאַם, זיך אָבזונדערן פון אַלץ און אַלעם ביז די קראַנקהייט וועט אַריבער.

אָבער איינזאַם לעבען האָב איך געקאָנט נישט מעהר ווי אַ חודש. אין אַ געזעלשאַפט בין איך נישט געווען פון די פאַסיווע און שטילע. אויסער מיין טאַלען, האָט מען מיך ליב-געהאַט פאַר מיין יונגקייט און טעמפעראַמענט, און אַז איך האָב זיך גאָר אָבגעזונדערט פון אַלעמען אויף עטליכע וואָכען צייט, האָט מיך געצויגען צו מענשען, צו מיין געזעלשאַפט, אפילו צו די קאָמ-פלימענטען פון מאַנסביל. איינזאַמקייט איז אייגענטליך נאָר גוט דורכצומאַכען צווישען מענשען,—ווען מען זאָל האָבען מער כח. נאָר, איינמאָל זומער, אין דעם הייסען און קלאָרען חודש יולי, האָב איך דערפיהלט אַ שרעקליכע בענקעניש נאָך אַ פרוי, אָט דאָס בענקעניש האָט מיך אַזוי דורכגענומען, אַז איך האָב נישט געקאָנט געדולדיג אָבעסען אַ מיטאָג, געדולדיג דורכגעהן אַ גאַס, געדולדיג אויסזיצען צוויי מינוט אויף אַ שטול. וועגען אַרבייטען רייד איך שוין נישט. דאָס איז געווען אַ מין אונגעדולדיגע פער-צווייפלונג. מיך האָט געטריבען, געשליידערט פון איין אָרט אין אַ צווייטען. בייטאַכט בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די בולוואַ-רען און האָב געפיהלט אַנ׳אַנגסטליכע בענקשאַפט נאָך אַ פרוי.

אויף די בולוואַרען האָט געקאָכט מיט יונגעלייט און מיידלעך די יונגעלייט זענען דאָס רוב געווען וואולגאַר, האָבען זיך גראָב און האַמעטנע געיאָגט נאָך אונבעקאַנטע פרויען, צוגערוקט זיך אומגעלומפערט אויף דער בענק צו פרעמדע מיידלעך און פערפיהרט מיט זיי וואולגאַרע, געשמאַקלאָזע און נאַרישע געשפרעכען. און די מיידלעך זענען געווען צולאָזען, פרעך און אומגעלומפערט-אויסגעלאַסען. און די לופט, און די בוימער, און דאָס שטיק הימעל איבער'ן בולוואַר זענען געווען אָנגעזאַפט מיט עפּיס שוואַרץ-זינדיגעס, שאַנדהייזערישעס, פון וואָס עס האָט זיך געוואָלט אַנטלויפען. און איך בין געלאָפען פון די בולוואַרען אין גאַס אַריין און פון גאַס צוריק אין די בולוואַרען, און אַז עס האָט גענומען טאָגען, בין איך געווען גלייכגילטיג צו די ערשטע בלייכע פליגלען פון טאָג, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט. איך האָב געזוכט און געבענקט נאָך אַ פרוי, אָבער די פרוי איז געווען—אַנע, זי האָט זיך מיר נאָכאַנאַנד געוויגט אין זכרון, נאָכאַנאַנד געפייניגט דאָס בלוט.

אַנע האָט שוין פון אַ חודש צייט געוואוינט ביי איהר ברודער אויף דאַטשע. צו איהר האָט מען בעדאַרפט פאָהרען מיט'ן צוג, וואָס עס האָט געדויערט ביי אַ שעה. ביז-אַהער האָב איך זיך אַלץ אָבגעהאַלטען פון פאָהרען—איך האָב מיך נאָך אַלץ געשטאַרקט. צו וואָס פאָהרען, אַז עס איז אומזיסט? אָפטמאָל אָבער אין שוואַכע מינוטען האָב איך געהאַט גרויס לייד, וואָס זי איז נישטאָ אין שטאָדט. אַזוי פלעג איך זיצען ביי איהר אין צימער און ריידען צו איהר אין דמיון, מיט'ן אויג. איך זיץ אין ווינקעל, קוק אויף איהר דורשטיג און רייד צו איהר מיינס—לאַנג און פלאַמענדיג, און דאָס איז געווען מיין פערגעניגען, פון וועלכען זי האָט נישט געוואוסט. דאָס איז געווען מיין קאָנטראַבאַנד, וואָרום אין דמיון איז זי געווען מיינע. איצט האָט עס מיר געפעלט, און דאָס איז געווען אַ גרויסער און ביטערער טראָפען אין מיין בענקעניש. און בעת איך בין אַרומגעלאָפען איבער די בולוואַרען, האָב איך שטענדיג געטראַכט, אַז פון צעהן נעכט האָב איך צוויי געקאָנט זיצען מיט אַנע'ן אין צימער און דורכפיהרען מיין קאָנטראַבאַנד, וואָס האָט מיר כאָטש אַ פופציגטעל חלק אָבגעצאָלט

פאַר מיינע וועהען. איבריגענס, זענען דאָס נישט געווען מיינע עכטע געדאַנקען און שפּירונגען. אַזוי האָב איך זיך געפֿיהלט, ווען איך בין געווען זעהר אָבגעשוואַכט.

דאָס איז אַרויסגעקומען העכסט עקספּראָמטיש. די רוישיגע זינדיגע בולוואַרען, די בלויע נעכֿט, מיין רעוואָלווער און דער נישט-פערענדיגטער פּייזאַזש האָבען מיך פּלוצלונג, אונגעריכֿט אַוועקגעשטופּט צו איהר. איך בין אַוועקגעפאָהרען, און בעת איך בין אַרויס פון צוג אויף דער קליינער דאַטשע-סטאַציע, האָב איך געזעהן ווי דער הימעל איז צוגעדעקט מיט אַ ווייכֿער זיידענער בלויקייט, ווי דאָ און דאָרט, אונטער דערדאָזיגער בלויקייט, האָבען זיך אַרויסגעזעהן שוואַרצע שטומע שפּיצען פון בוימער, און די לופט איז געווען אַזוי וואונדערליך-שטיל. אַנ׳אָבגעפרישטער, אַנ׳ענערגישער און אַנ׳ערוואַרטענדיגער האָב איך לייכֿט און שטיל געשפּרייזט צו איהר דאַטשע. שוין דאָס אַליין, וואָס נישט ווייט, ביי אַ וויאָרסט פון דאַנען, וואוינט מיין בלאַסע לבנה׳שע אַנע, האָט מיר פול-געמאַכֿט דאָס האַרץ. און געהענדיג אַליין מיט׳ן שטעקעלע אין האַנד איבער׳ן שוואַרצען נאַכט-גראָז, האָב איך זיך צוגעקוקט צו דערדאָזיגער בלויקייט, צו די שוואַרצע שפּיצען בוימער און צו דעם קליינעם ציטריגען פייער פון אַ ווייטער וועראַנדע. דאָס איז געווען איהר ברודערס דאַטשע. און דער גאַנצער שטאָלץ און די גאַנצע מאַכֿט מיינע האָב איך, פאַר איין מאָל צוריק געוואונען. וואָס האָב איך נאָך בעדאַרפט—בלויער הי-מעל, שטילע פערטרוימטע נאַכֿט-ערד און מיין לבנה׳שע אַנע.

געטראָפען האָב איך אַנע׳ן אין צימער און אַליין. אַ מיי-דעל, וואָס זוכט פאַנטאַסטישע בחורים, האָט גאָר קיין בחורים נישט. געזעסען איז זי ביים אָפענעם פענסטער אין אַ שען-צו-געפּוצטען צימערל, אין אַ ווייס ברייט באַטיסטין קלייד מיט קורצע אַרבעל, אין ווייסע שיכעלעך און מיט פונאַנדערגעלאָזטע האָר. דאָס בלאַסע פּנים, די גרויסע טונקעלע, אַזוי ווי פרעגענ-די׳ע אויגען, דער איידעלער בעשיידענער שטריך פון די ליפּען און די דינע בלייכֿע געטאָקטע נאָז האָבען טאַקע בעשאַפען אַנ׳-אילוזיע פון אַ לבנה-מיידעל. און אַז איך בין אַריינגעגאַנגען, בין

דוד קאַסעל.

איך, קענענדיג זי, עטוואָס מבולבל-געוואָרען—אַזוי האָט זי מיר אײַנגעוויזען ביי און שען. אויפגענומען האָט זי מיך טרײַ, הייס, אַפילו צו-הייס. קענטיג, אַז דאָס בענקעניש נאָך אַ בחור האָט זיך דאָסמאָל אויך צו איהר פער׳גנב׳עט.

אויפ׳ן ערשטען קוק האָב איך מיך אײַנגעאָרדענט גאַנץ היימיש. דער געדאַנק, אַז איך מיט אַנע׳ן געפינען זיך צוזאַמען אין איין קליין ליב צימערל ערגיץ אויף אַ דאַטשע, ווייט פון מיינע פיר חברים—שלים-מזל׳ניקעס און אַז ביי מיר אין קעשענע ליגט אַ בייזער אָנגעלאָדענער רעוואָלווער, האָט מיך אָנגעזאַפּט מיט עקסטאַז. און דער אָנהויב איז שוין געווען אַ געלונגענער. אין עפּיס אַ פירטעל שעה אַרום האָב איך שוין געהאַט טיי אויפ׳ן טיש און אַ צוגעמאַכטע טיר פון צימער און איהר נעבען זיך. מיר האָבעןביידע אַ סך געלאַכט, ריידענדיג אַ לייכטען שמועס, און נעהנטער און נעהנטער האָב איך זיך גערוקט צו איהר, מיט יעדער בעוועגונג, וואָס איז בשום-אופן נישט אויסגערעכענט, וואָס קומט אַזוי נאַטירליך, ווי דער ערשטער שטראַהל פון באַגי-נען. איך האָב דייטליך געפיהלט איר לייב-אַראָמאַט און לייב-וואַרימקייט און איך האָב דייטליך געזעהן דאָס בלויע געוועב פון איהרע שוואַרצלען. און דאָס ערשטע מאָל פאַר אונזער בע-קאַנטשאַפט האָב איך זי איצט אַרומגענומען. נאָר איך האָב גע-וואָלט זיין זעהר פאָרזיכטיג און האָב צוגענומען די הענד. אונ-זער געשפּרעך איז זיך געגאַנגען ווייטער און איך האָב געטראַכט וועגען דעם, אַז דאָס נישט זעהן זי אַ גאַנצען חודש צייט האָט אפילו אויף איהר אויך געהאַט אַ השפּעה. זי האָט זיך אומגעביטען און מען קאָן מיינען, אַז זי האָט געבענקט נאָך מיר און האָט מיך ליב.

—איהר זענט אַ קינסטלער,—האָט זי ווייך, מיט שטימונג און צוטרוי גערעדט,—זאָגט, קאָן מען אויסשעפּען, איבערגעבען די שענקייט פון אַזאַ נאַכט? איך האָב געזעהן בילדער, וואו עס איז געווען געמאָלט נאַכט. אָבער די נאַכט האָט אויף קיין איינעם פון זיי נישט געלעבט, ווי זי לעבט אין דער׳אמת׳ן. און די נאַכט לעבט דאָך, נישט וואָהר?

—די נאַכט לעבט און דאָס בילד לעבט אויך, מיין ליבע אַנע,—האָב איך אין איהר טאָן געענטפערט—ביידע לעבען. און אויב זיי זענען נישט עהנליך, איז עס דערפאַר, ווייל צוויי בע־זונדערע מייסטער האָבען זיי בעשאַפען...

—ניין, דאָס איז נישט אַזוי,—האָט זי פערטראַכט נישט באַכגעגעבען,—איהר ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ געדאַנקען איך האָב אין אַזאַ נאַכט. אַ בילד וואָלט מיר זיי קיינמאָל נישט געגעבען. איך טראַכט, אַז אַלע מענשען דאַרפען זיך אַרויסשיטען אין פעלד, וואָס שענער אָנגעטאָן און וואָס לייכטער, אויסזעצען זיך אין שורות אויפ'ן גראָז, אָבוואַרפען פון זיך אַלע געדאַנקען און קוקען און קוקען אויף הימעל און ערד. אַלע מענשען, וויפיל עס זענען פאַרהאַן, אין שורות, שווייגענדיגע, מיט פער'חלומ'טע אויגען, מיט צונויפגעלעגטע הענד אויפ'ן האַרצען און קוקען, קוקען...

די לעצטע ווערטער האָט זי געצויגען לאַנגזאַם און טאָנירט:

—קו—קען... קו—קען... קו—קען...

—און מיר געפעלט עס נישט,—האָב איך פאָרזיכטיג, גנבי'יש און איינגעהאַלטען פראָטעסטירט,—אַ זומער־נאַכט — און קוקען! אַבעלע, פייער מיט וואַסער! איך וויל לעבען, זי, די שטילע און רוהיגע זומערנאַכט שיקט מיך לעבען, הייסט מיך זוכען, נישט רוהען, בענקען. איך פיהל דאָס אין איהר יעדען שאָרך, אין איהר יעדען ציטער. און אויב מיר איז וועניג איין האַרץ, שענקט זי מיר פינף הערצער, זיבען הערצער, צעהן הערצער, און דער־לויבט זיי מיר צו פאַרברענגען פאַר איין מאָל, אין איין נאַכט... פינף הערצער פערמעג איך איצט, אַנע,—האָב איך שטיל און אונגערן ליידענשאַפטליך געזאָגט.

איך האָב געוואוסט, אַז איך טאָר ביי איהר נישט זיין קיין מאַנסביל, נאָר עפּיס אַזאַ מין בעשעפעניש, וואָס זאָל זיין האַלב מאַן און האַלב פרוי. דאָס איז, אַפנים, געוועזן איהר אידעאַל. איך האָב אָנגעוואָרען די מאָס און האָב זי ווידער אַרומגענומען. וואולגאַר אָבער מסתמא בין איך נישט געוועזן, ווייל זי האָט זיך נישט געוועהרט; צאַרט האָב איך דערנענהט איהר ברוסט צו מיינער און האָב אַ דריק־געטאָן. און דערנאָך האָב איך אָנגע־

שפּאַרט מיין קאָפּ אויף איהר אַקסעל. עפּיס אַ טיפע שטילקייט איז אַריינגעטראָטען, וואָס איז נישט ענליך צו קיין איין שטילקייט אין דער וועלט. אַ בעזונדערע, אַ זעלטענע, ווי אַ גאַסט, און אַ געהאָרכזאַמע און אַ מיטהעלפענדיגע. און פּונקט ווי אַ דריט און אַ נויטיג וועזען האָט זי עקזיסטירט צווישען אונז, און פּונקט ווי זי וואָלט מיר צוגעוואָרפען שטילע רמזים פון די ווינקלען צימער. מיינע האָר האָבען זיך אויסגעמישט מיט אַנע׳ס און אויף מיין באַק איז געפאַלען איהרער אַ ברייטער לאָק. דער־דאָזיגער לאָק האָט צוגעדעקט מיין באַק און אַנ׳אויג, און איך האָב אומישנע געקוקט מיט אָט דעם אויג דורכ׳ן לאָק, ווי דורך אַ דינער מאַטעריע, אויף דעם ווייכען שיין פון לאָמפּ. איהר אָטעם האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט מיינעם און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וואַקסט אין מיר. עס איז געווען אַ מינוט, ווען איך האָב געוואָלט אויסשרייען, איבערכאַפּען אינגאַנצען די מאָס, פאַלען פאַר איהר אויף די קניה, קושען זי פריי און אַקטיוו און אַראָברייסען פון איהר די ביז-אַהעריגע קאַלטקייט איהרע, ווי מען רייסט-אַראָב הערבסט, נאָך דער דאַטשע, דעם דינעם פּאַפּיר־צודעק פון דעם גרויסען בילד פון אַ שענער און ליידענשאַפט־ליכער פרוי. נאָר איך האָב זי צופיל ליב געהאַט, וואָרום ווילע־וויז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיט אַזאַ האַלטען זיך קאָן איך זי באַלד פערלירען און דעריבער דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכ־טיג, ווי אַ קאַפּיטאַן, וואָס פיהרט זיין געליבט שיפעל איבער שטורמישע וואַסערן און האָט מורא, אַז עס זאָל נישט אונטער־געהן. דאָס פלעגט מיך באַלד אָבגיסען מיט אַ ניכטערקייט, און צונעהמענדיג די הענד, פלעג איך זיך עטוואָס אָבטיילען פון איהר און ציהען ווייטער אונזער געשפּרעך, וואָס איז מיר גע־קראָכען פון האַלז.

—אַנעלע—האָט איך מיט׳ן טאָן מגזם-געווען מיין ניכטער־קייט, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן,—איהר זאָגט אַ זו־מערנאַכט. איז אָבער יוגענד-גליק, אָט דאָס גליק, וואָס קאָן נאָר זיין צווישען צוויי, צווישען אַנ׳איהם מיט אַנ׳איהר, נישט העכער דען, נישט וויכטיגער פון אַלץ? און נישט שענער, זאָגט?

—יאָ, אָבער מענער זיינען דאָך גאָרנישט פערפאָלקאָמט,—האָט זי שטיל געשמייכעלט—פון זיי דאַרף זיך נאָך אויסאַרבייטען אַ צאַרטערער טיפּ.

—פאַרוואָס?

—דאָס איז מיין מיינונג.

—מיין ליבע אַנע'לע,—האָב איך זיך דאָך נישט געקאָנט אָבהאַלטען—איר ווילט מאַנסביל מאַכען פאַר פרויען. אַ מאַנסביל—דאָס איז טעמפּעראַמענט, טאַלענט, שכל און כח, און נישט מער.

—אפשר זענט איהר גערעכט—האָט זי נישט זיכער אַרויסגעזאָגט—אָבער פאַרוואָס פערשטעהען זיי נישט—האָט זי זיך מיטאַמאָל צולאַכט.—אָט זענט איהר אַ פיזיאָזשיסט, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז די זומער-נאַכט איז אייך נישט גאָר נאָהנט.

—איהר זענט מיר נעהנטער,—האָב איך געפרובט שפּאַסען.

—ווי בין איך אייך נאָהנט?...—האָט זי מיך גאָר אונדערוואַרטעט געפרעגט.

—איך האָב מורא, אַז איך וועל זיין באַנאַל,—האָב איך שוין ציטריג-אויפריכטיג געזאָגט.—איהר זענט מיר אונגעהויער נאָהנט... אַנעלע, אָהן ווערטער, קאָנען דאָ טויגען ווערטער? פּאַסט זיך אַהער אַנ'אויסגעטראַכטער פערגלייך? איך שפּיר אייך מעהר, ווי די אייגענע נשמה... איך...—האָב איך מיך פלוצלונג אָבגעהאַקט, און ווידער איז געקומען יענע זיסע אונפערגעסליכע שטילקייט און ווידער האָט זי מיר צוגעוואָרפען רמזים פון די ווינקלען צימער. איך האָב אָנגעוואָרען די מאָס און די בעהערשונג און מיר האָט שוין נישט געאַרט.

—איך וועל זינגען!—האָט אין מיר געקלאַפּט דאָס בלוט,—פינף בחורים—און איך וועל זינגען!

ווי דאָס איז נישט מאָדנע, נאָר אין אַזאַ מינוט זענען מיר אָפטמאָל געקומען אויפ'ן זינען יענע פיר, וואָס מוזען אַרומגעהן ווי שאָטענס אין דער גרויסער שטיינערנער שטאָדט, איינזאַמע און פערגאַלטע, און דאָס איז ביי מיר אויך אַריין, ווי אַ זיסער זיגער-טייל אין מיינע טייערע מינוטען. פון דעם אָפענעם פענסטער האָט געוועהט אויף אונז די בלויע נאַכט מיט איהרע טרוי-

מערישע סודות, ווייט, פונקט אַנטקעגען און אַזוי ווי נידעריג צו דער ערד, האָט געפלאַטערט אַ גרויסער, זילבערנער שטערן, פונקט ווי ער וואָלט זיך אָבגעריסען פון הימעל און קאָן דאָך נישט צופאַלען צו דער ערד. אַ קליין ווינטעל, גיכער די נאַכט-קיהלקייט, האָט עטוואָס געפאָכט מיט'ן לאַנגען שיטערן גאַרדין, און פון צייט צו צייט האָט ער זיך פאַמעליך, פאַרקלערט און פאָרזיכטיג גענויגט צו כאַפּען דאָס פייערל פון לאָמפּ. מיר זענען געזעסען שווייגענדיג. און אַז מיר האָבען זיך עטוואָס אַמיש-געטאָן די געדאַנקען, האָב איך פערמאַכט די אויגען און אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף איהר אַקסעל. דאָס פלעגט פערשאַפען אַ סך אַרבייט די בלוטען און דעם האַרץ, זיי זענען אומגעשפּרונגען און האָבען זיך ערגייץ געבעטען, נאָר איך האָב געהאַלטען פערמאַכט די אויגען און נישט נאָכגעגעבען זיי.

—קומט אין דרויסען,—האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופען.

מיר זענען ווירקליך צופיל געזעסען אין צימער. אַז מיר האָבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער, האָט מען ביי איהר ברודער געקלאַפּט אין די בעטגעוואַנד. קענטיג, אַז עס איז שוין געווען שפּעט און אַז מען איז דאָרט געגאַנגען שלאָפען. ארויסגעהענדיג, האָבען מיר אָנגעטראָפען דעם ברודער. ער איז שוין געווען האַלב-אויסגעטאָן און דאָס שוואַרצע בערדעל זיינס האָט זיך קריגעריש געצייכענט אויף דעם שניי-ווייסען העמד. דערזעהענדיג מיך צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, האָט ער העפטיג פערזשמורעט די אויגען און טעאַטראַליש אַ מאַך-געגעבען מיט אַ פינגער אין דער לופטען.

—אַ גוטע נאַכט!—האָט ער אַ שאָקעל-געטאָן מיט'ן קאָפּ—איהר זענט אַ מוטיגער מאַן!

אין דרויסען איז געווען צופיל שטילקייט, צופיל נאַכט, צופיל הימעל, און אָט די ענדלאָזע מאָס האָט פון אָנהויב צוהאַרב איבערראַשט. מיר האָבען בעדאַרפט האָבען קליינע טיילען פון דעם אַלעם, ווי עס איז געווען אין צימער, נאָר אַז מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ צוויי וויאָרסט און זיך געזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ הויכען באַרן-בוים, האָט זיך שוין נישט געפיהלט

די ענגדלאָזיגקייט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס דאָס אויג זעהט, ליגט איבער אונזער קאָפּ און איז בעפאַרבט מיט אַנ'אינטימער פאַרב. און אויסגעוויזען האָט זיך אויך, אַז אַלץ וואַקסט, בליהט, לעבט און אָטעמט דאָ, בלויז צוליב מיר מיט אַנע'ן, און זאָל איך מאָרגען אַוועקפאָהרען, וועלען קומען פויערים און וועלען אַלץ אויסהאַקען און פערניכטען. אפילו גאָט אַליין וועט צונעהמען די נאַכט און דעם הימעל פון דעמדאָזיגען אָרט.

דאָס ברייטע ווייסע באַטיסטען-קלייד האָט אין דער שטילער בלויער נאַכט אָפּט צוצויגען אַנע'ס וואוקס, און אַז זי האָט זיך געזעצט אויפ'ן באַנק, איז זי מיר אויסגעקומען לאַנג, צאַרט און לופטיג, פונקט ווי אַ זילבערנער וואָלקען וואָלט זיך אויף אַ ווײלע אַראָבגעלאָזט אויף מיר. ווייט צווישען די שוואַרצע שטומע ביימער, וואו עס איז, קענטיג, געשטאַנען אַ שטיבעלע, האָט זיך געטוקט אַ פייערל, געטוקט און געטוקט און פאַרלאָשען-געוואָרען, און באַלד דערויף האָט זיך שטאַרקער דערפיהלט די שטילקייט, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט אַ שייכות צום פייערל. דער הויכער באַרן-בוים האָט געגאָסען אויף אונז טונקעלע סודות'דיגע שאָטענס, וואָס האָבען אונז דאָך נישט פערשטעלט: מען האָט דייטליך געקאָנט זעהן דאָס פנים, די אויגען, דעם שמייכעל, די בלאַסקייט פון די הענט. די געזיכטשטריכען האָבען זיך וואונדערליך-בולט אויסגעטיילט אין דער בלויער טונקעלקייט און טונקעלער בלויקייט, און יעדער שטריך פון פנים האָט געהאַט אין זיך מעהר ווערט און בעדייטונג איידער בייטאָג, פאַר דער זון. ער האָט עפּיס גערעדט און עפּיס דערצעהלט אויף אַ געהיימען אונפערשטענדליכען נאַכט-לשון, און מען האָט בעדאַרפט זיין קלוג אין אַזאַ נאַכט.

אויפריכטיג געזאָגט, איז מיר געווען עטוואָס אומעטיג. ערגיץ טיף אין זיך, ווייט פערוקט אין האַרצען, אויפ'ן סאַמע דעק, האָט אַ קנײלכעלע אומעט געפרעגט: גלויבסטו דען אין איהר ליבע? און איך האָב נישט געקאָנט בעשליסען. זי האָט וועגען אַלץ גערעדט אָבער קיין וואָרט נישט געזאָגט וועגען דעם, אַז זי האָט מיך ליב.

אָבער מיר האָט זיך געוואָלט גלויבען דערין. מיר האָט זיך געוואָלט פער׳שכור׳ן מיט דעם סאַמע קלאָרסטען ליגען און איך האָב מיך געראַנגעלט מיט די ספקות. איך האָב זיי בעדאַרפט פאַרטרייבען, אויסווישען זיי פון האַרץ און מוח, און אַז דאָס איז מיר געלונגען, האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן גראָז ביי איהרע פיס און געלעגט אויף זיי דעם קאָפּ. די אויגען מיינע זענען געווען אָפען, און איך האָב געקוקט אויף די שוואַרצע סילועטען פון איינצעלנע צעוואָרפענע יונגע יעלען, וואָס האָבען אַזוי ווי געוואָלט צוגעהן צו אייננאַנדער מיט וואַרימע סודות. די טונקעלע גראָזען האָט ווייך בעריהרט דער בלויער שיין פון הימעל. דאָרט, וואו עס הויבט זיך שטום אַ בערגעל, ציהט זיך אַ שטיק שוואַרצקייט צו אַ שטיק שוואַרצקייט און צווישען זיי בלייכט און ציטערט אַ זיידענער שיין. און אָט באַהעפטען זיך ביידע שוואַרצקייטען, שליסען זיך צוזאַמען און דער שיין ווערט פערשוואונדען. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום אַנטפּלעקט ער זיך ווידער—און ווידער צווישען צוויי שטיקער שוואַרצקייטען און זיי רוקען זיך מאָדנע לאַנגזאַם איינע צו די אַנדערע, ווי צוויי שטומע בערן און דער שיין ווערט ווידער פערשוואונדען. צייטענווייז דערטראָגט זיך אַהער דאָס פייפען פון אַ צוג ביי דער סטאַנציע, און דאָ ווערט עס דורכגעלייטערט אין רוים, און עס בעקומט זיך אַ ריינער געדרעהטער טאָן פון עפּיס אַ גרויסען אינסטרומענט, און עס דאַכט זיך, אַז יענער וואָס שפּילט, האָט אַ גרויס פערבענקט האַרץ.

אַנע איז געזעסען און געשוויגען. איך בין געלעגען ביי איהרע פיס, ווי האַמלעט ביי אָפעליע׳ן און האָב נישט געקאָנט זעהן דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט, וואָס מיר האָט זיך זעהר געוואָלט, נאָר געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אָט וועט זי בעריהרען מיינע האָר, וועט מיך אַ קוש טאָן, צודריקען צו זיך. אַ גאַנצע נאַכט בין איך בלויז אַליין געווען דער אַנהויבער און דער טוער און זי האָט אפילו קיין איין בעוועגונג נישט געמאַכט דערצו— און דאָס איז געווען העכסט פערדראָסיג. איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן—זי איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן

וועגטעל פון באַנק און מיט האַלב-אויפגעמאַכטע אויגען געקוקט אין מרחק אַריין. זי האָט געטראַכט. וואָס האָט זי געטראַכט? וואָס קומט דאָרט פאַר ביי איהר אויף דער נשמה? פיהלט זי, אַז איך ליג ביי איהרע פיס אַ פערשמאַכטער און אַ ליידענדער, און אַז יעדער נערוו ברענט אין פיינליכער אָנשטרענגונג? איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן. זי איז געזעסען אונבעוועגליך און פערטראַכט, ווי אַן׳אָבגעהאַקטע סטאַטוע. מינוטען און שעה׳ן האָבען זיך שטיל געצויגען איבער מיר, און יעדע פון זיי האָט מיר גע-בלוטיגט דאָס האַרץ.

פון מיטען הימעל האָבען שוין אָנגעהויבען טריפען טראָפּעלעך גרויע ליכטיגקייט. אַ פּאַס הימעל, וואָס איז געלעגען באַהנט ביי דער ערד, איז שוין געוועזען ליכטיג, גרין-ליכטיג, און ערגיץ האָט מאָדנע דרייסט און פריש אויסגעקרעהעט אַ האָן. צו-ריקגעהאַלטען, שטיל און לאַנגזאַם האָט געבלייכט די נאַכט אויף די בוימער.

—אַנע,—האָב איך אונגעריכט פאַר מיר גופא געפרעגט,—אַנע, ענטפערט מיר דייטליך, איהר האָט מיך ליב?

און ביז איהר ענטפער—איז דורכגעלאָפען אַ שטיק צייט, פונקט ווי עס וואָלט זיך אומישנע צוזאַמענגענומען אַ שטיק צייט און וואָלט דורכגעלאָפען צווישען אונז, ווי אַ לעבעדיג וועזען, מיר האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, אָבער אַזוי ווי מיט ניי פריש בלוט. איצט האָט זיך מיר געוואָלט אַ ראַנגעל-טאָן, שטעלען דאָס לעבען אין קאָן, ברעכען האַלז און נאַקען, כאָטש פערלירען—נאָך אַזאַ פערשאָלטען-ראָמאַנטישער נאַכט, וואָס האָט מיך אויס-געפייניגט און גאָרנישט געגעבען. נאָר איהר ענטפער איז גע-קומען:

—וואָס ווילט איהר?—האָט זי געפרעגט.

—און דאָס גאָר?—בין איך אויפגעשפרונגען פון דער ערד און זיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ.

זי האָט מיך, קענטיג, נישט פערשטאַנען און האָט אַ דריק-געטאָן מיט די אַקסלען. נאָר איך בין שוין געשטאַנען אַנטקע-גען איהר, אונטער דעם הויכען באַרן-בוים, אויף וועלכען עס

האָט געציטערט דאָס בעגינען, און אין מיינע פינגער האָט שוין געציטערט עפּיס אַ קינפטיגע אַרבייט. איך האָב מיך אָנגעבויגט צו איהר ווייס באַטיסטען-קליידעל און געזאָגט:

—צוויי יאָהר, אַז איך געפין זיך אין אַ פער׳כשופ׳טען קרייז, אַנע. מיין אַרבייט האָב איך אַוועקגעוואָרפען, אַנע. אויף די נאַרישע בולוואַרען בין איך אומגעלאָפען, אַנע. פון מיין געזעלשאַפט האָב איך זיך אָבגעזאָגט, אַנע. איצט פאָדער איך אַנ׳ענטפער. וואָס טו איך דאָ ביי אַייך? וואָס בין איך געקומען אַהער?

מיר האָט זיך געוואָלט, וואָס מעהר צווינגען זי צו דייטליכקייט. האָב איך זי שוין געכאַפּט דערויף. דאַרף מען זעהן נישט אָבלאָזען, און זאָל זי מיר ווערען אינגאַנצען קלאָר. נאָר זי האָט שטיל אָנגערופען מיין פאַמיליע און געזאָגט:

—איך ווייס נישט, מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַייך ליב... נאָר געבען אַייך קאָן איך גאָרנישט... און ווידער—האָט זי זיך עטוואָס אָבגעהאַקט—האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איהר זענט אַ שווערער מענש... ניין, איהר זענט נישט מיינער!

מיר איז פּלוצלונג וואונדערליך-לייכט געוואָרען און איך האָב אַרויסגעכאַפּט מיין רעוואָלווער. מיין רעוואָלווער איז געווען אַ קליינער און אַ שוואַרצער, נאָר געהאַט האָט ער אַ קלייגעם טייל ניקעל, און אָט דער ניקעל האָט געגלאַנצט אין מיין אָנגעשטעלטער אויסגעצויגענער האַנד, ווי די ווייסלען פון אַ רויב-חיה. די פראַגע—שיסען צי נישט, האָט פאַר מיר נישט עקזיסטירט. מיט אַ בעזונדערער הנאה בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל שיסען. איך האָב אפילו געזעהן דאָס בילד פאַר די אויגען: אונטער׳ן באַרן-בוים, בעגינען, שטעהט אַ היכער יונגערמאַן, אין אַ גרויען אַנצוג, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד און אָט שיסט ער אין אַ וואונדערליך-שען מיידעל, וואָס זיצט אונבעהאָלפען אויפ׳ן באַנק. נאָר טרעפען וועל איך אין האַלז, איבערוועלכען עס שלענגלען זיך טונקעלע לאָקען.

—וואָס טוט איהר?—האָט זי דערשראָקען געפרעגט און האָט פּלוצלונג פערזשמורעט די אויגען ווי איהר ברודער.

—איך וויל אײַך דערשיסען!—האָב איך געזאָגט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין איהר פראַגע איז, אויסער שרעק, געלעגען אַ סך פעראַכטונג צו מיר. זי האָט זיך עטוואָס בעוועגט אויפ'ן באַנק און האָט מיט שוידער, נאָר קאַלט און קלאָר געזאָגט:

—איך קאָן אײַך גאָרנישט געבען, איהר הערט? איהר קאָנט אויף שטענדיג אַוועקגעהן...

מיר איז געוואָרען קאַלט און הייס און איך האָב מיך דערשפירט אַזוי, ווי עס שפירט זיך אַ ווילדער מענש אויף יאַגד מיט אַ שוואַכער חיה, אָבער דעם רעוואָלווער האָב איך אַריינגעלעגט צוריק אין קעשענע. איך ווייס נישט ווי אַזוי און וואָס פאַר אַ געדאַנק מיך האָט בעוועגט—נאָר איך האָב אויפגעהויבען די האַנד און אַראָבגעלאָזט איהר אַ פאַטש. דעם פאַטש האָב איך איהר געגעבען אין באַק אַריין, נאָר איך האָב געפיהלט, ווי זי האָט קאָנוואולסיוו אויפגעציטערט, פונקט ווי דער קלאַפ וואָלט פאַלען איבער'ן גאַנצען לייב. די באַק איהרע איז הייסער געוואָרען אונטער מיין האַנד, וואָס איך האָב אַ מינוט צוגעהאַלטען און באַלד נאָכדעם האָב איך געכאַפּט דעם הוט און זיך געלאָזט געהן. איך האָב בלויז איין שריט געמאַכט און זיך צוגעשטעלט. זי האָט נישט געאָטעמט. עס איז געווען קלאָר, אַז זי האָט געחלש'ט. אָבער איך בין געווען אַזוי גזלנ'יש-קאַלט, אַז אויסדרעהענדיג זיך מיט'ן פנים צו איהר מיט דער כונה איהר צו העלפען, האָב איך בעסער סאַמע נעבען איהר קלייד אויפגעהויבען מיין שטעקעלע און אַוועק מיט דרייסטע זיגערישע שריט.

די נאַכט איז פאַמעליך צורונען. פון די פער'חלומ'טע הימלען האָט לינד און ווייך געשפּראָצט דער פאַרטאָג און איבער דעד גרויסער שטרעקע האָט זיך פון צייט צו צייט דורכגעטראָגען אַנ'אויפגעוואַכטער, הונגעריגער און שרייענדיגער פויגעל. איך בין אויך געווען אויפגעוואַכט, הונגעריג און שרייענדיג און מיר האָבען נאָר געפעהלט פליגלען. קיינמאָל אויף מיין לעבען בין איך נישט געגאַנגען אַזוי דרייסט און מיט אַזויפיל האָפנונג, ווי דאָס מאָל. איך האָב צו זיך אַליין געשמייכעלט און מיר האָט

זיך געדאַכט, אַז איך בין דער סאַמע דרייסטער מענש אין דער וועלט. ווען מען פיהלט זיך אַזוי, געפינט מען באַלד דאָס, וואָס מען בעדאַרף. אַזוי למשל, האָב איך אויף דער קליינער האַלבסטאַציעלע גלייך געטראָפען אַ פּאַסאַזשיר-צוג, וואָס איז געגאַנגען אין שטאָדט אַריין, אַ זאַך, וואָס עס טרעפט זעלטען. אַז ער האָט זיך גערירט פון אָרט, האָב איך מיט נצחון אַרויסגעקוקט פון פענסטערל. די זון האָט שוין בעגאָסען מיט פורפור די וואַגאָנעס-פענסטערלעך, אויף די שטילע בוימער, איינציגע, צעוואָרפענע איבער׳ן וועג, האָבען געפלאַטערט זון-בענדער, און טיף אין די הימלען, וואו עס האָבען נאָך אַרומגעבלאָנזשעט רעשטלעך נאַכט, האָט זיך שטיל און געהאָרכזאַם געלאָשען די גרויקייט. איך בין געשטאַנען אין אַ וואַגאָן פון דריטען קלאַס. ווייטע און פרעמדע מענשען האָבען מיד און געקניידערט געדרעמעלט אויף די געלע בענק, פון די פּאָליצעס האָבען געשעפטליך אַראָבגעקוקט פּעק און רייזע-טאַשען, און ביי איינער, אַ יונג ווייבעל האָט מאָדנע בעטענדיג און שמערצליך געוויינט אַ קינד—אַנ׳עופּה׳לע, ביי דער ווייבעל איז געווען אויפגעשפּיליעט דער בוזעם. זי האָט, קענטיג, געשפּאַרט זויגען דעם קינד און עס האָט נישט געוואָלט. וואָס וויינט עס, דאָס קינד? דאָס האָט אַזאַ ליבהאַרציג קול. איך האָב מיך געפיהלט אַזוי פריי, און אין האַרץ האָט זיך געכוואַליעט אַזויפיל ליבע צו אָט די ווייטע און פרעמדע מענשען, וואָס דרעמלען דאָ אויף די געלע בענק, אַז ווען מען וואָלט בעדאַרפט האָבען פּלוצלונג פאַר׳ן קינד אַ דאָקטאָר, וואָלט איך אַראָבגעשפּרונגען פון צוג און געלאָפען נאָך אַ דאָקטאָר. און ווי משוגה-מאָדנע דאָס איז געווען—נאָכדעם ווי איך האָב אַ פּאַטש געגעבען אַנ׳אונבעהאָלפען מיידעל אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל און איבערגעלאָזט זי אַ געחלש׳טע, בין איך מיטאַמאָל דורכגעוועבט געוואָרען מיט מסירת-נפש און ליבע צו אַלץ און צו אַלעם. דאָס איז עפּיס געווען אונפערשטענדליך, האָט זיך נישט געלאָזט דערקלערען, נאָר אַזוי איז עס געווען. און לאַנג האָב איך אַ פרייער, אַ ליכטיגער און אַ גוטער, אַרויסגעקוקט פון פענסטערל אויף דעם פרישען זון טויאיגען פאַרטאָג.

אין יענעם טאָג האָב איך באַלד פערענדיגט מיין פּייזאַזש. עס איז מיר געגאַנגען, און איך האָב געפיהלט בחוש, ווי פאַר מיר הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה. מיין עבר איז אַזוי ווי איבערגעריסען געוואָרען. איך בין געווען מוטיג און ענערגיש, עס האָט זיך מיט פלייס געאַרבייט, און אין מיינע בעקאַנטע האָב איך דורכאויס געזעהן פרעהליכע און אינטערעסאַנטע מענשען. דער טאָג איז מיר אַוועק אין געבענשטער אַרבייט און אין אָווענד פלעגט צו מיר קומען מיין געליבטע שרה׳לע, מיט אויפריכטיגער און הייסער ליבע.

אַנע׳ן האָב איך מעהר נישט געזעהן. פון אָנהויב האָב איך בעוואַרט אויף די פאָלגען פונ׳ם פאַטש, מיין סאַמע מיאוס׳טע טאַט, וואָס איך האָב ווען געטאָן אין מיין לעבען. זיי זענען אָבער נישט געקומען. אַפנים, אַז דער פאַטש איז דאָך נויטיג געווען: איך בין געוואָרען דער, וואָס איך האָב בעדאַרפט ווערען, און נישט נאָר איך—מיר אַלע פינף האָבען זיך פעסט געשטעלט אויף די פיס—און זי איז געוואָרען אַזאַ, וואָס זי האָט בעדאַרפט זיין: אַנ׳אַלט, בייז און עלענד מיידעל. זי האָט אויפגעהערט אינגאַנצען צו האַלטען פון מאַנסלייט.

דאָס מיידעלע אינ׳ם ווייסען היטעלע.

א.

דאָס מיידעלע אינ׳ם ווייסען היטעלע, מיט׳ן דינעם, פיי־נעם, בלאַס־דורכזיכטיגען פּנימ׳ל און פערטרוימטע אויגען.

עפּיס נישט־ערדישעס איז פאַרהאַן אין איהר טריט, אין איהרע דינע אַקסלען, און דעריבער זעה איך זי אַזוי ווי לופט, אַזוי ווי אַ מאַי־וואָלקענדעל. און דעריבער דאַכט זיך מיר, אַז זי איז וואונדערליך וואָרהאַפטיג, ריין און אונשולדיג, ווי אַ רויז, ווי אַ צווייגעלע בעז, ווי אַ לבנה־שטראַהל.

איך האָב שרעקליך ליב די בלאַסקייט און דורכזיכטיגקייט פון איהר געזיכט.

אָבער איך האָב זי אינגאַנצען ליב, און מ י י נ ע, פיהל איך, איז זי, מיינע—פון דעם ערשטען האָר אויפ׳ן קאָפּ ביז די שפּיצען פון איהרע שיכעלעך. איך פיהל עס אַזוי שטאַרק, ווי מען פיהלט אַ טאַטען פאַר אייגען בלוט, ווי מען פיהלט אַ מאַ־מען פאַר אַ שטיק פון דער אייגענער נשמה.

אָבער מיר קענען זיך נישט, און, גאָט אין הימעל—זי איז אפשר אינגאַנצען אַלט נישט מעהר ווי זעכצעהן יאָהר...

ב.

און ווידער און נאָכאַמאָל קעהר איך מיך אום צום מיידעלע אין ווייסען היטעלע.

וואָס רופט זי מיך? וואָס וועקט זי מיך?

—ניין, זי רופט מיך נישט, זי וועקט מיך נישט, זי ווייס גאָרנישט.

דאָס וועק איך זיך אליין, ווי אַ מיד מדבר־גראָז, וואָס האָט פלוצלונג דערשפּירט אונטער זיך פריש, אונטערערדיש וואַסער...

איך בעט גאָט פאַר איהר. איך ציטער פאַר איהר, ווי מען ציטערט פאַר אַ קינד, בשעת עס בעדאַרף דורכגעהן די גאַס אין אַ גרויסער שטאָדט. איך וויל צעהלען איהרע טריט, זיך צושפּאַרען צו אַ וואַנד אין גאַס און זעהן, ווי אַזוי זי ווערט אַ קליינטשיק פּינטעלע אין דער ווייטקייט. איך וויל איהר נאָכשיקען די זון, און איך בין מקנא די לופט, וואָס זי אָטעמט־איין.

אָבער מיר קענען זיך נישט. יעדעס מאָל געהט איהר פאַרביי אַ מענש מיט ציטעריגע נערוועז פון ליבע, וואָס טראָגט זי ביי זיך אין האַרצען, ווי מען טראָגט אַנ'אידעע, אַ נייעם אמת, אַ תורה, אָבער דערדאָזיגער מענש איז פאַר איהר דאָס אייגענע, וואָס אַלע אין גאַס. נאָך אַ כוואַליע צווישען טויזענדער כוואַליעס אין ים.

נאָר אפשר גיט זיך יאָ עפּיס איבער?

אַז מיר האָבען זיך אָנבעגעגענט דאָס לעצטע מאָל, האָבען מיר זיך ביידע אָבגעקעהרט און לאַנג אָנגעקוקט... איך וואָלט איהר דעמאָלט נאָכגעגאַנגען, אָבער איך בין געווען נישט אַליין: מיט מיר איז געגאַנגען אַנ'אַנדער פרוי.

אָבער איך האָב בעמערקט: איהר איז אומעטיג און זי איז צוזייהט.

ג.

—איך וועל נאָך לעבען!—שלאָגט אין מיר יעדער אָדער,

ווען איך זעה דאָס מיידעלע אינ׳ם ווייסען היטעלע.

גאָט אין הימעל, איך האָב זי היינט ווידער געזעהן און האָב געפיהלט, אַז איך וועל האָבען אַ גוטען און גליקליכען טאָג.

פון שטוב בין איך אַרויס אינדערפריה, און באַלד האָט מיר אַ לייכט-געטאָן אין די אויגען דאָס היטעלע. אַך, דאָס ווייסע היטעלע! דאָס איז אַ ווייסער קלאַנג, וואָס זאָגט מיר אָן, אַז דאָס מיידעלע געהט. אויף קיין איין מיידעל זיצט עס נישט אַזוי ווי אויף איהר. עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ לעבעדיגער טייל פון איהר, אַז זי איז דערין געבאָרען געוואָרען.

דאָסמאָל האָבען מיר זיך טיפער אָנגעשטאָכען מיט די אויגען, בייביידען האָבען זיך עטוואָס אָנגעריהרט די עלענבויגענס, און דערנאָך האָב איך זי לאַנג נאָכגעקוקט. דאָס שענסטע אין איהר זענען די אויגען: טונקעלע, טיפע, מיט עטוואָס אַ גרינגליכער שאַטירונג. און דער קוק פון זיי איז אַ פיינער, אַ טיפער און אַ נערוועזישער מיט אַ קלייניטשקען צומיש פון חוזק...

די הויט פון איהר געזיכט איז קלאָר און דורכזיכטיג, ווי לופט, דאָס פיגורל שלאַנק, ווי אַ יונג בוימעל, דער האַלז דין און דער טריט לייכט, שטיל, ריטמיש: אַזוי, וואַהרשיינליך, געהט-אַרויס פון בערג אַ גאַזעל, ווען דער פריהמאָרגען איז רויט, שען און פריש.

אָבער צום ערשטען מאָל איז מיר איינגעפאַלען, אַז מען קאָן זי קאַליע-מאַכען, ווי אַ פוילער ווינד קאָן קאַליע-מאַכען אַ בלימעל. די גרויסע שטאָדט לאָזט זיך עטוואָס מערקען אויף איהר, ווי אַ שאָטען אויף אַ זילבערן טייכעל. און נישט פאַר זיגד שרעק איך מיך, נאָר פאַר דעם, זי זאָל זיך נישט אָנזאַפען מיט ליגען, זי זאָל נישט פערטונקלען די בלאַסקייט איהרע, די הערליכע לופטיגקייט.

אונטער די אויגען, אין דמיון, זעה איך זי שטענדיג אַ טונקעל-בלויע. יאָ, זי איז אַ טונקעל-בלוי מיידעלע. אַזוי זעהט-אויס טיילמאָל דער הימעל אין פריהלינג.

און איהר האַנד האָב איך געזעהן. זי איז אויך אַזוי קלאָר און דורכזיכטיג, ווי די הויט פון איהר געזיכט. אַ דינע, עפּיס אַנ׳אינערליכע, פונקט ווי אַ טייל פון איהר נשמה.

דאָס מיידעלע אינ'ם ווייסען היטעלע.

אַזאַ האַנד רעדט, אַזוינע פינגער האָבען לשון,
גאָט, איך האָב זי ליב.

ד.

דער טאָג איז היינט אויפגעשטאַנען מיט אַ סך ליכט און אַ סך פויגעלגעזאַנג, פונקט ווי ער וואָלט געבראַכט מיט זיך אַנ'אָרקעסטער. די גרויסע שטאָדט טרינקט זיך אין ליכט און אין פויגעלגעזאַנג, עס שמייכלען אַזויפיל פענסטער אין די גרויע מויערן פון די לאַנגע גאַסען, און מיר דאַכט זיך, אַז די קלאַנגען פון טראַמוואַי זענען שענע יונגע פרעהליכע טרעלען פון רויטע גרויסע פויגעל, וואָס זענען געקומען פון אונבעקאַנטע לענדער און שוועבען דאָ נידעריג איבער דער שטאָדט.

נאָר עס קלינגט אין מיר אויך. די זון קלינגט אין מיר. די וויגט מיט אַ גאָלדען שנירעלע מיין נשמה און איך שפיר אין זיך הייסע שפילענדיגע קלאַנגען. דאָס זיסטע איז איצט צו געהן איבער די גאַסען, דאָס בעסטע איז נאָכצוקוקען אויף מענשען, און דאָס אָנגענעהמסטע איז צו אָטעמען. געהן, אָטעמען און נישט טראַכטען. געהן, אָטעמען און שווייגען—הערען די אייגענע אינערליכע קלאַנגען.

אָבער אָט קומט מיר אַנטקעגען דאָס מיידעלע אינ'ם ווייסען היטעלע. מיר קוקען זיך אָן סיף, שטיל און לאַנג מיט יענעם בליק, וואָס נאָר צוויי מענשען, געבאָרען אייגער פאַר'ן צווייטען, קאָנען זיך איבערקוקען. יאָ, איצט ווייס איך, אַז זי קען מיך און איך קען זי, און אַז מיר האָבען זיך ביידע געזעהן אין אַזאַ טאָג מיט טויזענד יאָהר צוריק. מיר האָבען שוין לאַנג ערגיץ געלעבט צוזאַמען און דעמאָלט איז זי אויך געווען אַזוי בלאַס און דורכזיכטיג און דעמאָלט האָט זי אויך געהאַט אַזאַ שטילען לייכטען טריט, פונקט ווי פערבאָרגענע פליגעלען וואָלטען בעוועגט איהר גאַנג.

אין בעזונדערע וועגען געהען מיר איצט—זי רעכטס און איך לינקס, אָבער איך הער דאָס ליד פון איהר נשמה, ווי זי

הערט דאָס ליד פון מיין נשמה. מירביידע זינגען איין שטיל ליד און מיר דערוויטערן זיך, אָבער דאָס ליד הערט נישט אויף צו קלינגען און מיר הערען עס. און דאָס גאַנצע לעבען, ווייט איינער פון צווייטען, וועט אונז קלינגען דאָס איינע ליד און דאָס גאַנצע לעבען וועלען מיר עס הערען ווי אַ סוד, וואָס טאָר קיינעם נישט דערצעהלט ווערען. מיר האָבען ביידע איין ליד, איין סוד און איין לעבען.

איך דרעה מיך אום און קוק אַ ווײַלע נאָך דאָס מיידעלע אינ'ם ווייסען היטעלע. לאַנגזאַם פערשווינדט זי פון מיר, ווי עס פערשווינדט אַ טויב פון איהר נעסט. די לעצטע בעוועגונג, דער לעצטער טריט — און זי איז נישטאָ. איך דאַנק גאָט פאַר איהר.

אין טויזענד יאָהר אַרום וועלען מיר זיך ווידער זעהן. דעמאָלט וועט אויך זיין אַזאַ טאָג, ווי איצט, און די קלאַנגען פון טראַמוואַי וועלען אויסווייזען ווי שענע, יונגע פרעהליכע טרעלען פון רויטע גרויסע פויגעל, וואָס זענען געקומען פון אונבעקאַנטע לענדער און שוועבען נידעריג איבער דער שטאָדט.

ה.

הינטער'ן שטאָדט ליגט דער אַלטער פּאַרק. ער איז אַ טאָליגער און בערגיגער, און אַ קליין טייכעלע שלענגעלט זיך שטום, ווי די שריט פון אַ געפאַנגענער בת-מלכה. איך האָב דאָרט מיין אָרט. עפּטער זיץ איך דאָרט אונטער אַנ'אַלטען דעמב, וואָס קאָן שוין לאַנג די וועלט, וואָס האָט געהאַט גוטע און שלעכטע צייטען, און זיינע אַלטע מידע צווייגען דריקען-אויס קלוגע הכנעה צוזאַמען מיט עפּיס אַ קינדישער אמונה. איך האָב ליב דעמדאָזיגען בוים, דעמדאָזיגען זקן, און בשעת איך זיץ אונטער איהם, און אויף אונז ביידען פאַלט אַ לייטזעליגע שטילקייט, ווי אַ שפּריי-רעגענדעל, הער איך, ווי עס קלאַפּט איהם דאָס אַלטע האַרץ, וואָס קאָן זיך שוין נישט דערוואַרימען אפילו אינ'ם הייסען גאָלד פון טאָג. דער דעמב ווייס, אַז ער האָט נישט פיל צו לעבען, אָבער דאָס שרעקט איהם נישט. אין די שטילע נעכט,

דאָס מיידעלע אינ׳ם ווייסן היטעלע.

בשעת די אייביגקייט קוקט-אַרויס פון די הימלען מיט מיליאָנען גאָלדענע אויגען, חלומ׳ט דער אַלטער דעמב פון דער ערד, פון שלאָפן אין דער ערד און דעמאָלט לעבט ער אינגאַנצן מיט די וואָרצלען. עפּטער פרעגט ער זיי, ווי אַזוי זיי פיהלען זיך דאָרט און זיין אלטער קאָפּ בעט זיך צו זיי. ער וויל שלאָפן צוזאַמען מיט זיי. אָבער דער אַלטער האָט נאָך אַ צעהן גרינע בלעטער אויף זיך און די זון גיסט איהם אַלע טאָג אַריין, ווי אַ רפואה, עטליכע וואַרימע שטראַהלען. דערמיט לעבט ער דעם טאָג און די נאַכט.

מיר זענען גרויסע פריינד. בשעת איך קום, בעדעקט ער מיך מיט אַ שטילען שאָטען און איך הער-אויס די לאַנגע געשיכטע פון זיין לעבען. ער קען דערצעהלען, נאָר איך קען הערען. פערשטענדליך איז ער מיר. מיר זענען ביידע קינדער פון איין הימעל, און דאָס לעצטע געוויטער פון זיין לעבען איז פאַרביי פאַר מיינע אויגען. אַמאָל, בשעת ער שווייגט, דערצעהל איך. אָבער מיין געשיכטע איז אַ קליינע: דאָס ווייסע היטעלע.

—זיידע,—זאָג איך,—איך האָב ליב דאָס מיידעלע אינ׳ם ווייסען היטעלע...

פערשטעהט מיך דער אַלטער. הילט ער מיך בעסער אַיין אין דעם צאַרטען מאַנטעל פון זיינע שאָטענס און נעהמט מיך אַרום מיט די צווייגען. און זיינע אַלטע לעפּצען שעפּטשען:

—דאָס איז דיין שטאַרקסטע ליבע?

—מיין שטאַרקסטע, זיידע.

—טאָ קלעם זיך נישט. זי איז דיינע. אַמאָל קומט זי אַהער אין גאָרטען און דעמאָלט טראַכט איך פון דיר. איך וויס, אַז זי וועט געהערען צו אַ צווייטען, אָבער דיינע איז זי אפילו אין יענעמס אָרעמס. זי קען דיך נישט, אָבער זי טראָגט דיין ליבע, ווי אַ פּאַנצער און קיינער וועט נישט קאָנען דורכברעכען דעמדאָזיגען פּאַנצער, ווייל ער איז שטאַרקער פון לעבען און פון מענשליכע הענד.

אַלע טאָג זיץ איך אונטער דעם אַלטען דעמב און אַלע טאָג הער איך דידאָזיגע טרייסטווערטער. איך גלויב אין זיי.

דיוד קאַסעל.

איך גלויב אין זיי אפילו איצט, ווען דער אַלטער פּאַרק איז פערשאָטען מיט שניי און אַ בייזער ווינד שטעכט מיט ברענענדיגע שפּיזעלעך.

איך גלויב אין זיי, ווי איך גלויב דערין, אַז אויף מיין טיש ליגט אַ גרוי שטיל צווייגעלע פון דעם אַלטען ליבען דעמב.